STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06210

IN BAGINEN

Abraham Bick

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין באַגינען



אברהם ביק

אין באַגינען

איקוף פארלאג
ניו־יאָרק, 1952

AT THE DAWN

Historical Novel

By ABRAHAM BICK

Published by YKUF
189 Second Avenue
New York 3, N. Y.

שער־בלאַט צייכענונג
פון מחברס זון, יצחק ביק

Copyright, 1952, by
A. BICK
Washington, D. C.

Printed in the U.S.A.
209

דאַנק און אנערקענונג

איך דריק אוים מיין האַרציקסטן דאַנק און טיפע אַנערקענונג צו די פאָלגענדע געזעלשאַפטלעכע טוער וועמענס איניציאַטיווע און הילף האָבן דער־מעגלעכט דאָס בוך זאָל דערשיינען:

איזידאָר קאופמאַן, דער ענערגישער געזעל־שאַפטלעכער טוער און עקזעקוטיוו־פּאָרזיצער פאַר־באַנד פון אוקראַינער יידן, פאָרזיצער פון בוך־קאָמיטעט.

דוד פּיטשערסקי, פּירער פון פאַראייניקטן קאָמיטעט פון אידישע פעדעראַציעס און לאַנדסמאַנ־שאַפטן, קאַסירער פון בוך־קאָמיטעט.

מרים באומעל, אָנגעזעענע קולטור־טוערין, סעקרעטאַרין פון בוך־קאָמיטעט.

זאָל דאָס שטראַליקע ליכט וואָס איז אויפגע־גאַנגען אין באַגינענדיקן טראָט פון ר. ל. זיי באַ־לייכטן דעם וועג צו אַ גערעכטער און שיינער וועלט.

דער מחבר

פאָלגענדע מיטגלידער פון בוך-קאָמיטעט און פריינט האָבן געהאָלפן אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען

אָרגאַניזאַציעס

פארבאנד פון אוקראינער יידן
אין אַמעריקע

טאָלנער-כמעלניקער בר. 8
א. פ. פ. א.

בארוכאָוויטש איקוף-קלוב

יעקב אדלער

האנא אראנאָוו

ראובן בודדאה

מאָרים גיסנעט, מאיאמי

הערי גאָלדשטיין,
לאָס-אנדזשעלעס

גינא גאָלדשטיין

יעקב גאָלדמאַן

אברהם דזשענאוואָסקי

עטל און לואיס דייווידסאָן

שלום וואסילעווסקי

אברהם וויים

א זוין

פאול וויסמאַן

שלום לעווין

ה. מאריסאָן

הערי מייסטער, מילוואקי, וויסק.

יוליוס סליטער

בען סלייטער

מיניע סמאלער

דר. מאַקס סילווער

וויליאם סאַנדלער

סיימאָן פעדערמאַן

בען פאדאלסקי

דוד פערגאָמענט

דארא און בען פיינס,
לאָס-אַנדזשעלעס

קלמן פרידמאַן

קלארא קאופמאַן

מ. קראוסס

פיליפ ראָזנבערג

דר. אברהם ראָטענבערג

מעקס שטערן

איזידאָר שעכטער

טעסי שענקער

אַ קריטיש־ביבליאָגראַפישע באַמערקונג

דאָס דאָזיקע בוך פּרעטענדירט ניט צו זיין אַדורכאויס ביאָגראַפיש ווערק, אָבער זיין מעטאָד איז באַזירט אויף היסטאָרישן אמת. די סביבה, די פּערסאָנאַזשן, ווי אויך די אידיי, זיינען פאָרמירט לויט היסטאָרישע געשעענישן און אויפן סמך פון ביאָגראַפישע דאָקומענטן.

דאָס גאַנצע ווערק איז אַ טריי־איבערגעגעבענע לעבנס־כראָניק פון דער ליכטיקער און העראָאישער געשטאַלט ראָזע לוקסעמבורג. פון איר געבורט אין זאַמאָשטש, ביז איר איבערפאָרן אין דער שווייץ, וואו עס עפנט זיך אַ ניי קאַפּיטל אין איר לעבן. דעם מחברס אייגענע רעפלעקסיעס און אימפּרעסיעס העלפן בלויז סומירן די כאַראַקטער־שטריכן און די וויכטיקע מאָמענטן פון ר. ל. יוגנט, פון איר דענקען און איר ווירקן.

וועגן ר. ל. איז דאָ אַ סך ביאָגראַפישער מאַטעריאַל. מערסטנס אין דייטש. אין יידיש איז דאָ אַ האַלב־בעלעטריסטישע שטודיע וועגן אירע יוגנט־יאָרן (מ. גראָסמאַן „דערוואַכונג", וואַרשע, 1935). דער מחבר האָט זיך באַנוצט מיט דעם און אַנדערע ביאָגראַפישע ווערק. די כראָנאָלאָגיע איז אָבער באַזירט אויף דער לעצטער „ביאָגראַפיש־קריטישער סקיצע" פון פרעד אָלסנער „ראָזע לוקסעמבורג" („דיעטץ פאַרלאַג", בערלין, 1951).

דער ערשטער קאַפּיטל „ספּאַרטאַקוס אין געטאָ", וואָס דינט ווי אַ פּראָלאָג צום בוך, איז געבויט אויף פאַקטישע דאָקומענטן וועגן דער יוגנט אין געטאָ, וואָס געפינען זיך אין בוך „חורבות דערציילן" פון ב. מאַרק (לאָדזש, 1947).

די שילדערונג פון י. ל. פּרצעס יוגנט־יאָרן אין זאַמאָשטש און שפּעטער אין וואַרשע זיינען אָנגערעגט געוואָרן פון די ביאָגראַפישע דאָקומענטן, וועלכע זיינען אויך אויסגענוצט געוואָרן פון י. ל. פּרץ־פאָרשער: י. ל. פּרצעס אייגענע זכרונות; א. ראָזענצווייג — „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פון פּרצעס שאַפן" (קיעוו, 1943); נ. מזיל אין ביאָגראַפן־בוך „פּרץ" (ניו־יאָרק, 1945).

ראָזע לוקסעמבורגס געאָגאלאָגיע (יחוס־בריוו) איז די פאָרשער ניט

באַקאַנט. מ. גראָסמאַן אין זיין „דערוואַכונג" דערמאָנט בלויז איר פעטער, ראַבינער בערנאַרד לעווינשטיין. דער מחבר האָט, אויפן סמך פון אויטענטישע מאַטעריאַלן, געניי אויסגעפאָרשט אַלע דאָקומענטן וועגן דעם אָפּשטאַם פון ראָזע לוקסעמבורגס מוטער און פעסטגעשטעלט אַז דער דאָזיקער „אָדלער פון דער רעוואָלוציע" איז געווען אַ טאָכטער פון אַן אָדלער־שטאַם.

אין די זכרונות פון דעם וואַרשעווער גמינע־פירער יעקב ראַטוואַנד, וואָס ער האָט געדרוקט אין 1906 אין דער פּויליש־יידישער צייטשריפט „איזראעליטא" (געבראַכט אין י. שאַצקיס בוך „געשיכטע פון יידן אין וואַרשע", ניו־יאָרק, 1948) ווערט עדוואַרד, ר. ל. פאָטער, דערמאָנט ווי איינער פון אַ צאָל שילער פון וואַרשעווער ראַבינער־שול, וואָס זיינען אַרויסגעקומען מיט אַ פּראָיעקט אויסצובויען אַ שול, וואָס מען האָט אַ באַמען געגעבן „פּראָגרעסיווע".

דאָס ליד פון מערצבאַך ווי אויך די נעמען פון די וואַרשעווער גאַסן זיינען באַזירט אויף די דאָקומענטן וואָס שאַצקי ברענגט אין זיין דערמאָנט בוך און אין בוך „אין שאָטן פון עבר".

די לעגענדע וועגן מיצקעוויטשן און יידישן שענקער ווערט אויף איין אָרט צוגעשריבן דעם אוקראַינישן נאַציאָנאַלן דיכטער שעווטשענקא און אויף אַן אַנדער אָרט מיצקעוויטשן.

י. עטינגערס משל „דער גילדן" — פון בוך „דימענטן פאַר אַלע" (משלים, וואַרשע, וואַרשע, 1951). דער הויף אויף ניזקע — באַזירט אויף די פאַקטן פון י. מילכס „ביאָגראַפישע סקיצן", ניו־יאָרק, 1946).

צום סוף זאָל דערמאָנט ווערן, אַז „אין באַגינען" איז בלויז איין טייל פון אַ גרעסער ווערק, וואָס נעמט אַרום ר. ל. לעבן ביז איר העראָאיש־מאַרטירערישן אומקום, וואָס דער מחבר האָט פאַרטראַכט און האָפט צו פאַרענדיקן.

איך בין שולדיק אַ דאַנק מיין טייערער לעבנס־חברטע בעלאַ, וואָס האָט אַ גרויסן חלק אין צוגרייטן דעם מאַנוסקריפּט צום דרוק, און אַ דאַנק אויך די ח"ח א. גאָלדבערג און פ. נאָוויק פאַר סטיליסטישע אָנווייזונגען און באַמערקונגען.

א. ב.

ספאַרטאַקוס אין געטאָ

אין דער נאַכט פון פיר־און־צוואַנציקסטן אַפּריל, 1943, האָבן קוילן געלעכערט די לעצטע מויערן פון לעשנאָ. דייטשישע רעפלעקטאָרס האָבן באַלויכטן די האַלב־חרובע געטאָ־גאַסן, ווי זיי וואָלטן יעדן פענצטער אויסגעשפּירט, דורך וועלכן שייבל דאָס שפּליטער בעסער אַריינוואַרפן.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט ווען רוזשע ראָזענפעלד, די פירערין און קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנער גרופּע אויף לעשנאָ האָט געענדיקט שרייבן אַן אויפרוף צו די געטאָ־קעמפער, וואו זי האָט ציטירט די שריפטן פון דער גרינדערין און פירערין פון „ספּאַרטאַקוס“.

„יעדער טראָפּן בלוט פון אַ מאַרטירער־טויט וועט זיין אַ זריעה פאַר אַ צוקונפטיקן קעמפער און צוקונפטיקע זיגן.

„מיר האָבן ניט דעזערטירט; מיר זיינען נאָך אויפן פּלאַץ און מיר וועלן אויפן פּלאַץ פאַרבלייבן. ווייל ‚ספּאַרטאַקוס‘ מיינט ליכט און גייסט, האַרץ און נשמה. ‚ספּאַרטאַקוס‘ באַצייכנט אַלע בענקעניש און אַלע ליידן.

„היינט הערט איר נאָך דעם גערויש פון דעם וואולקאַן. מאָרגן וועט דער זעלביקער וואולקאַן באַגראָבן אונדזערע שונאים אונטער זיין זודיקן שטראָם פון פייער און אַש.“

רוזשקע ראָזענפעלד, אַ נידעריקע, אַ שוואַרצע, אַ געוועזענע שילערין פון דער פּוילש־יידישער גימנאַזיע, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ סוחרישער פאַמיליע אויף נאַלעווקעס, איז פריער געווען די גרינדערין און אָנפירערין פון דער ספּאַרטאַקוס־גרופּע אין געטאָ און נאָכדעם דער קאָמאַנדיר פון אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע אויף לעשנאָ. זי האָט געהאַט אַ געקרויזטן קאָפּ מיט קופּערנע האָר, צוויי פייערדיקע אויגן, ווי בליציקע מעטערלעך, וואָס שניידן זיך אַריין אין האַרצן. אין איר פּנים איז געווען עטוואָס קינדישעס און ביי די ווינקלען פון איר מויל — צוויי קורצע, דינע קנייטשעלעך, וואָס האָבן זיך געפּאָלדעוועט אין ליכטיקן שמייכל.

זי האָט אָװעקגעלײגט דעם בלײַפֿעדער מיטן פּאַפּיר און איז גע־בליבן זיצן מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויפֿן קעסטל־גראַנאַטן. אירע אויגן האָבן געקוקט אין חלל פֿון בונקער און זי האָט אויסגעזען װי ערשט פֿון חלום אַרויס.

אירע געדאַנקען האָבן געבלאָנדזשעט אין נעפּל און זי האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז הײַנט איז ניט נאָר דער פֿיר־און־צװאַנציקסטער אַפּריל, נאָר דער פּערטער טאָג פֿונעם אויפֿשטאַנד. רוזשקעס פּנים האָט איצט אויס־געזען בלאַס, פֿון הונגער איז איר דער שטערן געװאָרן געל װי אַ שטיק פּאַרמעט. נאָר די אויגן האָבן געפֿײַערט. זי האָט איצט געטראַכט װעגן אירע חברטעס און חברים, מיטקעמפֿער.

אַ מוסטער פֿון אַ פּאַרטיזאַנקע איז די חברטע האַלינע, װעלכע האָט אינאײנעם מיט איר געגרינדעט די „ספּאַרטאַקוס־גרופּע". זי, אַן אײן־און־צװאַנציקע בײַם טאַטן, איז אין די לעצטע טעג געשטאַנען פֿאַר דעם נסיון: גײן ראַטעװען דעם טאַטן אָדער בלײַבן אויף די פּאָזיציעס, ניט אָפּטרעטן. זי איז געבליבן, האָט זיך געװאָרפֿן אויף די סאַמע געפֿערלעכסטע ערטער און אַז אַלע זײַנען פֿון די הײַזער, פֿון די בוידעמער אַראָפּגעשאָסן גע־װאָרן אין באַפֿעסטיקטן בונקער אויף לעשנאָ 74 האָבן זיך די העלדישע קעמפֿערינס פֿאַרטאַיעט אין װינקלען און באַשאָסן די אַרײַנדרינגענדיקע נאַציס. האַלינע האָט מיט איר קערפּער פֿאַרשטעלט איר, רוזשקען, — אַזוי האָט מען איר שפּעטער איבערגעגעבן.

און זאָשע בזשעזשינסקאַ? זי האָט זיך גאַנצע טעג געגראָבן אין הויפֿנס ציגל, אין ברוכװאַרג, כדי צו דערלאַנגען צו דער הײל, װאָס האָט פֿאַרבונדן צװײ בונקערס אויף לעשנאָ. פֿון נעכטן אָן, אַז די געבליבענע האָבן װעגן איר גאָרניט דערצײלט. מסתמא שוין געפֿאַלן.

און די יונגע חברטע טאַליע בלומענפֿעלד פֿון קאַרמעליצקאַ גאַס, די הויפּט־פֿאַרבינדלערין פֿון דער גרופּע מיט דער אַרישער זײַט? אָט זי איז אַ העלדין! אויף יענער זײַט געטאָ האָט מען די געהאַלטן פֿאַר אַ בלומען־פֿאַרקויפֿערין. מיט אַ גרויסן בוקעט רויזן פֿלעגט זי זיך אַרײַנ־שלײַכן אין געטאָ, אָבער אין בוקעט האָבן געשטעקט בינטלעך גראַנאַטן, מעדיקאַמענטן. װאו איז טאַליע? אויך געפֿאַלן?

נײן! יוגנט קאָן גאָרניט טויטן, אַפֿילו ניט דער טויט אַלײן! אָבער אָפּט מוז מען די די טויטע דערמאָנען כדי ניט צו פֿאַרגעסן די לעבעדיקע. אין שװאַכן האַלב־חלום האָבן איצט זכרונות אויפֿגעריסן אַ ניט־

לאַנגן נעכטן. רוזשקע ראָזענפעלד האָט זיך דערמאָנט אין אַזוי פיל טויטע. ווען איז דאָס געווען? — מיט דריי יאָר צוריק. — — —

***

שוידערלעך האָט געוויינט די יידישע שרעק אויף די געטאָ־גאַסן. פאַרלוירנקייט האָט געיאָמערט פון נאַכטיקע אויגן און די הערצער זיינען איינגעפאַלן פון שוואַרצן פחד.

זיינען די גאַסן פון לעשנאָ, פון מוראַנאָוו, פון סמאַטשע, געלעגן אויסגעהוילטע, פאַרלאָזטע און דערשטיקטער גרויל האָט זיך איבער זיי געוואַלגערט. עטלעכע פאַרשרפהטע הייזער פון דער ערשטער באָמבאַרדע האָבן געשראָקן מיט די אויסגעצויגענע קוימענס, ווי מיט איבערגעשניטענע העלדזער.

ביי דער געטאָ־וואַנט זיינען געשטאַנען דייטשע זעלנער, האָבן געהיט די נאַכט. זייערע אויגן האָבן געפלייצט מיט גרינעם האַס, געשאַרפט מעסערס אויף די אומשולדיקע קרבנות.

ביים טויער פון אַ הויף אויף מוראַנאָווסקע איז פאַרגעקומען אַ געהיימע פאַרזאַמלונג פון דער שול־יוגנט „ספּאַרטאַקוס". אין גאַס איז געווען שטאָק־פינצטער. די עטלעכע מרה־שחורהדיקע לאַמטערנס האָבן געזייט אַ רויטלעכע שיין, געשראָקן און געוואָרנט.

אין הויז פון דער זעכצן־יאָריקער שילערין זאשיאַ ימאַיקאַ, זיינען געזעסן אַרום אַ צענדליק פאָרשטייער פון דער יוגנט און עלטערע אָרגאַניזאַציעס. די פאַרזאַמלונג האָט געפירט די שלאַנקע זאשקע אַליין, וואָס האָט מיט איר ברען מיטגעריסן אַלע. אין קאַרגן שיין פון די צוויי ליכט, וואָס האָבן געברענט אויפן טיש, האָבן זיך אויסגעטיילט די פנימער פון די אַנדערע: די זיבעצן־יאָריקע שילערין פון אַגראַדאָווע ליודקע אַרבייטזאָם, די זאָקן־שטריקערין פון נאַוואַליפּיע גוטע טייכלער און אַנדערע. ביי אַלע מיידלעך — די אויגן פול מיט פייער, די הערצער — מיט שטאָלענעם ווילן.

צו יענער פאַרזאַמלונג איז אויך געקומען דער פאַרבינדלער־שליח פון די פוילישע חברים קאַזשימיעזש דעמביאַק, וועמען מען האָט גערופן „קאַזשיק". אַ הויכער, אַ בלאָנדער, מיט אַן אָפענעם פנים און פאַרריסענער נאָז. ער האָט דעמאָלט אָנגעפירט מיטן קרייז, וואָס האָט שטודירט ענגעלסן, די געשיכטע פון אַרבעטער־קלאַס, נאָכדעם האָט ער געלערנט די מיידלעך פאַנאַנדערטיילן אין געהיים אויפרופן און פלאַקאַטן, פאַנאַנ־

דערקלעפּן די גאַסן מיט אַנטי־נאַצי־לאָזונגען, געהייבן די שטימונג און געטרייסט, געמוטיקט.

מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן איז געזעסן צווישן דער גרופּע דער עלטער וועטעראַן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַן אַקטיוויסט נאָך פון דער אַמאָליקער ס. ד. ק. פּ. ל. (סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קיניגרייך פּוילן און ליטע) — פּלאַנצמאַן.

פּלאַנצמאַנס פּנים איז געווען צעקנייטשט און זיינע געדיכטע האָר זיינען איצט שיטערער געוואָרן, זיינע ליפּן, דינע און תמיד פאַרשלאָסענע, ווי ער וואָלט מורא האָבן פאַרלירן זייער אַ סך, אויב ער וועט זיי עפענען. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ וועטעראַן, געקאָנט גוט יוליאַן מארכע־לעווסקי, פעליקס דזשערדזשינסקי, לעאָ יאָגיכעס־טישקא, געוואוסט אַלע איינצלהייטן פון דייטשן ספּאַרטאַקוס־אויפשטאַנד.

די ספּאַרטאַקוס־גרופּע אין געטאָ האָט דעמאָלט איבערגעלעבט אַ קריזיס. דער קרייז האָט זיך צעטיילט אויף צוויי ריכטונגען. איין גרופּע האָט געהאַלטן, אַז דער „ספּאַרטאַקוס" דאַרף זיך פאַרנעמען בלויז מיט בילדונג און דעם קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן איבערלאָזן פאַר אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און די צווייטע גרופּע האָט געהאַלטן, אַז מען מוז זיך שוין מאָביליזירן פאַרן פּאַרטיזאַנישן קאַמף.

איז מען געזעסן און דיסקוטירט ביז טיף אין דער נאַכט. פון צייט־צו־צייט האָט דורכן פענצטער אַ מיניע געטאָ אַ געל פאַרלאָשן ליכט פון אַ הינטער־געטאָאישן טראַמוויי, אַ גרילצנדיקער סקריפּ האָט אויפגעשוי־דערט די מענטשן און זיי דערמאָנט, אַז אויף יענער זייט מויער, האָט לויפן לעבעדיקע ברואים, נאָר זיי זיצן דאָ פאַרקלעמטע, פאַרשפּאַרטע.

די נאַכטיקע זיצונג איז געוואָרן אַלץ־הייסער און אָנגעצונדענער. דער גורל פון „ספּאַרטאַקוס" איז איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, זיך איבערגעקייקלט פון איין ברעג טיש צום צווייטן.

וועגן פּלאַנצמאַנען האָט מען איגנאָרירט ווי פאַרגעסן. אפשר איז עס געווען ווייל מען האָט געוואוסט, אַז אויב ער שווייגט וועט אים קיינער ניט מאַכן צו רעדן.

און אָט האָבן די רייד מיטאַמאָל אויפגעהערט. עס איז געוואָרן שטיל.

— האָבן שוין אַלע גערעדט?

— ניין, ניט אַלע. פּלאַנצמאַן האָט ניט גערעדט, — האָט עמיצער אַריינגעקריצט אין דער שטילקייט.

פלאַנצמאַן האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אַוועקגעשטעלט, ניט צענע־מענדיק די צונויפגעלייגטע הענט און זיין צעקנייטשטער פּנים, וואָס איז נאָך אַלץ געווען ערנסט און פאַרגליווערט, האָט זיך אַראָפּגעבויגן אויף דער ברוסט. ער האָט אָנגעהויבן רעדן און אין זיין קול האָט זיך גע־שפּירט אַ פאַרבאַהאַלטענער ציטער:

— חברים, יוגנט! דער שונא איז שטאַרק און מעכטיק. גאַנץ פּוילן, גאַנץ אייראָפּע, פאַרזייט ער מיט טויטע. מיר זיינען געבליבן אַליין. שוין באַלד אַ יאָר, אַז דאָ געוועלטיקט דער הונגער. מיר זיינען איינזאַם און דאָך דאַרפן מיר זיין פול מיט גלויבן, מיט גלויבן אין דער צוקונפט.

— מיר קעמפן פאַר דער צוקונפט! — האָט ער פּלוצלינג אויסגע־שריען מיט באַגייסטערונג, — מיט וועלכע אויגן וועלן קוקן אויף אונדז די וואָס וועלן בלייבן לעבן נאָך אונדז? דאָס איז וויכטיק. דער זיג וואָס וועט זיכער און אומפאַרמיידלעך קומען. זיינען מיר זיכער אין דער צו־קונפט? אין דעם זיג?

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, זיך פאַרטראַכט און אויסגערופן:

— און דאָך קינדער, זעט! געווען מיט יאָרן צוריק איין מענטש, איין גייסט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן העכער פון דער צייט און דער נאָמען פון דעם מענטשן וועט אייביק שיינען מיט העלדישקייט און שיינקייט!

— קינדער, ווען איך דערמאָן זיך, אַז יענער מענטש איז דערצויגן געוואָרן, אויפגעוואַקסן געוואָרן דאָ, דערביי אויף לעשנאָ . . .

— ווער? ווער? — האָבן זיך די זיצנדיקע אָנגעבויגן צו אים.

מיט אַ קלאָרן און באַגייסטערטן קול האָט דער עלטערער פלאַנצמאַן אויסגערופן:

— ראָזע לוקסעמבורג!

ווי אַן עלעקטרישער שטראָם האָט דער נאָמען אַרומגענומען די פּנימער פון אַלע אָנטיילנעמער פון דער פאַרזאַמלונג.

און פלאַנצמאַן האָט נאָך לאַנג גערעדט און דערציילט וועגן דעם „אָדלער פון דער רעוואָלוציע", וועגן איר יוגנט, וועגן אירע קאַמפן, וועגן איר העלדישן אומקום אַ גאַנצע נאַכט. און די גאַנצע שווערקייט פון די פריערדיקע דיסקוסיעס האָט זיך אויפגעלייזט. אַלע האָבן אויסגעשמידט איין שטאַלענעם ווילן צו קעמפן, קעמפן ביזן זיג, און אויב נויטיק — פאַלן אין קאַמף.

אויף מאָרגן איז אין געטאָ געקומען אַ נייער טאָג, אָבער שוין גאָר אַן אַנדער טאָג, ניט קיין געוויינלעכער.

מיט געהיימע טריט האָט יוגנט זיך געשאַרט אין אַ פינצטערן קעלער, אויסגעהערט אַ לאַנגע רעדע פון פּלאַנצמאַנען, פון איר אַליין, פון רוזשקען, און דאָרט אַרום אַ פאָן, אַ רויטע, שײַנענדיקע פאָן, וואָס האָט געשימערט אין חושך, דעקלאַרירט זייער גלויבן אין די פּרינציפּן פון „ספּאַרטאַקוס"-בונד.

„מיר גלויבן!

„מיר גלויבן אין דער ברידערלעכקייט פון די פעלקער, וואָס טויטן איצט איינס דאָס צווייטע! מיר גלויבן, אַז עס וועט קומען אַ טאָג, ווען איין מענטש וועט ניט עקספּלואַטירן דעם צווייטן און איין פאָלק וועט ניט קעמפן קעגן אַנדערן. מיר גלויבן אין זיג פון גערעכטיקייט איבער אומ־רעכט און פאַלשקייט.

„מיר, די אומגליקלעכסטע צווישן די אומגליקלעכע, גלויבן אין דעם געוועלטיקן פונעם מענטשן אין צוקונפט אויף דער ערד . . ."

מיטן גאַנצן ברען פון זייערע יונגע יאָרן האָט די שול־יוגנט אַרויס־געזאָגט די ווערטער.

דאָס איז געווען אין יאָר 1940 און נאָכדעם זיינען געקומען נייע טעג, חדשים און אַ יאָר. פאַרזיכטיק און ניט באַמערקט האָט מען אין קעלערן, אין בונקערס, אויף בוידעמער די לעצטע חדשים געשלעפּט קעסטלעך פּולווער, האַנט־גראַנאַטן, דייטשע ביקסן.

ווענט פון קעלערס אויף נאַלעווקע, אויף קאַרמעליצקאַ, אויף גענשאַ און אויף לעשנאָ האָבן פאַרגעסן, אַז גאָרניט לאַנג זיינען דאָ געלעגן הויפנס קוילן, האָלץ. ווענט האָבן געזען ווי דער טיפער קעלער וואַקסט הויקער־דיק, בערגיק, קעסטלדיק, ווי בונקערס ווערן אָנגעפילט מיט פאַרריסענע ביקסן־העלדזער, קוקן אַרויף צו דער נידעריקער סטעליע מיט מאַכט און דראָאונג.

און זי, רוזשקע, אירע פאַרבליבענע חברטעס פון „ספּאַרטאַקוס", פון יענער נאַכט אָן האָבן זיי דערפילט אַ שטיק ראָזע, אַ שטיק „ספּאַרטאַקוס" אין זייער מיידלשן געביין.

— —

רחשקע האָט זיך אויפגעוועקט פון האַלב־חלום. אין דרויסן האָט עפעס אויפגעריסן, גענומען קראַכן. זי האָט געפילט ווי דער גאַנצער

בונקער פאַלט איין. זי האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון דער הייל. פון אַלע זייטן האָבן געזעצט פלאַמען און עס האָבן געיאָגט נאַצישע קולות. דער הימל איבער דער געטאָ האָט זיך געדרויכערט. רוזשקע האָט זיך פאַרגאַפט. אין אירע גרויסן אויגן האָט געטליעט אַ פלאַם און די ליפן האָבן זיך געעפנט:

— „ספּאַרטאַקוס" מיינט ליכט און גייסט, האַרץ און נשמה. בענקע־ניש, ליידן, ראָזע . . . ראָזע . . .

אַ סאָלדאַט האָט זי דערזען, געצילעוועט זיין האַרמאַט אויף איר. זי האָט געכאַפּט אַ ברענענדיקן ציגל און אים אַ שליידער געטאָן אין די אויגן. אַ צווייטער סאָלדאַט האָט זיך אויסגעדרייט און אויסגעשאָסן. רוזשקע האָט זיך אַ וויג געטאָן און איר קאָפּ האָט זיך אַרונטערגעבויגן, ווי זי וואָלט עפּעס געהאַט צו זאָגן דער ערד אונטער איר. זי האָט צע־שפּרייט די הענט ווי זי וואָלט אַרומגענומען גאַנץ לעשנאָ. איר געקרויז־טער קאָפּ האָט אויסגעזען ווי אַ בערגעלע טונקל־רויטע רויזן.

דער פייער האָט זיך געהויבן איבער די קראַכנדיקע מויערן פון לעשנאָ, ווי אַ פלאַמענדיקע רויז, ווי דער פלאַם פון „ספּאַרטאַקוס" וואָס לעבט אייביק.

איבער דער ברענענדיקער געטאָ איז אויפגעגאַנגען אַ פרישער באַגינען.



י. ל. פרץ אין די 70־קער יאָרן

א.

אין דאָמאַשטש

זאמאשטש — 1871

די שטאָט זאַמאָשטש איז געבויט געוואָרן אין זעכצנטן יאָר־הונדערט פון דעם פוילישן הערשער יאן זאמאיסקי. עס זיינען דעמאָלט געוועזן גוטע צייטן פאַר יידן. די יידן, וואָס האָבן אין יענע יאָרן, גע־שטראָמט קיין פוילן פון דייטשלאַנד, פון בעמען, האָבן געהאַט פּרנסה, געלעבט רואיק. זיי האָבן פראַנק און פריי געמעגט אַרומפאָרן און האַנד־לען, און האָבן נישט געפילט קיין באַזונדערע שנאה פון די אַרומיקע קריסטן.

אין יאָר 1950 האָט דער גרויסער יידישער געלערנטער פון קראָקע, ר׳ משה איסרליש, געשריבן צו אַ רב, וואָס איז צוריקגעקומען פון פוילן קיין דייטשלאַנד: „בעסער אַ טרוקן שטיקל ברויט און מנוחה דאָ ביי אונדז אין לאַנד, איידער צו לעבן אין דייטשלאַנד, וואו די שנאה צו יידן איז אַזוי גרויס".

און מיט פינף־און־דרייסיק יאָר שפּעטער, אין 1588, האָט יאן זא־מאיסקי אַראָפּגעבראַכט קיין זאמאשטש ספרדישע יידן, פון טערקיי, פון גריכנלאַנד, זיי זאָלן העלפן דעם האנדל. ער האָט זיי באַזעצט אין דער גויאישער שוסטער־גאַס, און אויסגענומען מיט זיי אַ תנאי, אַז קיינער פון זיי טאָר זיך ניט פאַרנעמען מיט שוסטעריי.

דער אויסזען פון דער שטאָט אונטערשיידט זיך פון אַנדערע שטעט אין פוילן. גאַסן און מאַרק, פריצישע גערטנער, מויערן און טויערן. לוב־לינער בראַם. אַ מאַגיסטראַט־הויז מיט אַ זייגער־טורעם, וואָס „קראַצט, דאַכט זיך, די וואָלקנס". דער זייגער קלינגט צו דער צייט. אויף די מויערן געפינען זיך בילדער פון אַלט־פּוילישע ריטער און הייליקע. דער מאַרק איז אַרומגערינגלט פון גערטנדלעך. אונטער די שטיינערנע גע־וועלבן טונקלט אפילו אינמיטן העלן טאָג.

ווי די מערסטע שטעט פון פוילן האָט זאמאשטש אויך אָנטיילגענומען אין די נאַציאָנאַלע אויפשטאַנדן.

עס האָט אויסגעזען ווי דער פרילינג איז געקומען קיין פוילן.

ווי אַ פייער, וואָס כאַפּט אַרום אַ טרוקענעם וואַלד, אַזוי האָט דער אויפשטאַנד, וואָס דאָס פּוילישע פאָלק האָט אויפגעהויבן פאַר זיין באַ־פרייאונג, אַרומגעכאַפּט די גאַנצע געגנט פון פּלאָצק, לאַמזשע און לובלין. אינאיינעם מיט דעם אויפשטאַנד קעגן דער רוסישער קרוין זיינען אויך געוואַקסן די אומרועץ צווישן די פּויערן קעגן די „הויפן". די שלאַכטאַ, וואָס האָט זיך באַרימט אַז קיינמאָל האָט אַ „מאסקאַל" ניט אַריבערגעטראָטן איר שוועל, די זעלבע שלאַכטאַ האָט איצט גערופן רוסיש מיליטער צו הילף און זיך אויסבאַהאַלטן. די צאַרישע רעגירונג, וואָס האָט געוואָלט, אַז די שנאה צווישן פּויער און שררה זאָל זיך קיינמאָל ניט איינשטילן, האָט איצט אָנגעהויבן אונטערדריקן די אומרועץ פון די פּויערן אָן רחמנות. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. פּויערן האָבן געצונדן הייזער, הויפן, שלעסער.

יאָר 1871.

***

פון זינט דעם לעצטן אויפשטאַנד זיינען שוין אַריבער אַכט יאָר. איצט ליגט די שטאָט, ווי הונדערטער אַנדערע פּוילישע שטעט און שטעט־לעך, איינגעבעט אין אומעט, ליגט און וואַרט אויף בעסערע צייטן.

אין די איינפאַר־הייזער פון שטאָט און אַרום שטאָט, וואָס זענען אויס האַלב־שטאָטיש און האַלב־דאָרפיש, קומען פּויערן, וואָס טראָגן קאַפּע־ליושן, ווייל זיי האָבן שוין אַריינגעשמעקט קיין לובלין און אפילו קיין וואַרשע.

אַרום די איינפאַר־הייזער מחוץ דער שטאָט, — אַ טייך מיט אומעטיקע ווערבעס. לעבן די ווערבעס שאַרן זיך אין די פאַרנאַכטן יונגע יאַנעקס מיט וואַנדאַס, וואַיטשעקס און מאַרישעס, מיט פלאַקסענע קעפּ. זיי זינ־גען לידער און חלומען דאָ אינאיינעם מיט אומעטיקע ווערבעס.

אויפן מאַרק איז די באַוועגונג פון די יידישע סוחרים אַ געדעמפּטע, אַ פאַמעלעכדיקע, אפילו דער האַנדל איז דאָ אַ שטילער, אַ בנעימותדיקער, אָן דעם באַזונדערן איינרייסערישן געפּילדער.

אין די פרימאָרגן שעהען באַגעגנט מען יידן מיט טלית און תפילין־זעקלעך אונטערן אָרעם. פון די אָפענע פענצטער טראָגן זיך גמרא־נגונים פון וואוילקענעוודיקע קעסט־איידעמס. פון ווייטן אינזשינערס־גאָרטן ענט־פערן פיאַנאָ־קלאַנגען און אָפט דערטראָגט זיך אין איינעם מיט די קלאַנגען

אַ ריח פון פריצישע אַלעען. די גמרא־נגונים גיסן זיך שווערלעך צונויף מיט די פּיאַנאָ־אַקאָרדן.

זאמאשטש איז באַקאַנט אין פּוילן ווי אַן „עיר ואם בישראל״ — אַ שטאָט און אַ מוטער ביי יידן. די זאמאשטשער איינוואוינער שטאָלצירן מיט די רבנים, גאונים און געלערנטע, וואָס זייער שטאָט האָט אַרויסגעגעבן. די פרומע יידן מיט דעם גאון ר׳ שלמה אשכנזי, מיט דעם דובנער מגיד ר׳ יעקב קראַנץ, וואָס איז באַהאַלטן אין זאמאשטש; די משכילים מיט ר׳ ישראל זאמאשטשער, דער לערער פון משה מענדעלסאָן; מיט ר׳ יוסף צעדערבוים, דער פאָטער פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים, רעדאַקטאָר פון „המליץ״; מיטן משכיל ר׳ שמעון בלאָך און געלערנטן ר׳ יעקב אייכענבוים; טייל אויפגעקלערטע רעדן דייטש, לערנען זייערע טעכטער פּויליש און זיינען שטאָלץ אויף דריי דאָקטוירים, וואָס די שטאָט האָט פאַרמאָגט: וואָלף בער־שיף, קינדערפריינד און שלמה עטינגער, וואָס האָט געשריבן אין זשאַרגאָן פאַר ווייבער. די דאָזיקע משכילים און אויפגעקלערטע קערן זיך ווייניק אָן מיט די ברייט־בערדיקע יידן, וואָס האָבן פּקחותדיקע אויגן און טראָגן גלאַנציקע אַטלעסענע קאַפּאָטעס, סויבעלנע ספּאָדקעס און שווערע זילבערנע עטרות אויף די טליתים ביים דאַוונען.

ווי אַנדערע פּוילישע שטעט האָט זאמאשטש אַ הקדש, אַ מקווה און אַ בקור חולים. אין בקור חולים קומען זיך אָפּט צונויף די נגידים און אויפגעקלערטע. דאָ טרעפן זיך די אָנגעזעענסטע באַלעבאָטים פון שטאָט, ווי שלמה וואָלף בלאָך, יודעלע פּרץ, פייוול געליבטער און אברהם בורג.

זאמאשטש שמ׳ט מיט איר „פּאַזשאַנדיק״, מיט אירע סדרים. קומט אַראָפּ אַ פרעמדער אין שטאָט און באַקאַנט זיך מיט די איינוואוינער הערט ער, ווי מען זיפצט גוטמוטיק וועגן דעם „פּאַזשאַנדיק״, וואָס הערשט אין בית־מדרש, אין באָד און אין הקדש.

אין בית־מדרש געפינען זיך אַ סך צעשניטענע שטענדערס און צעהאַקטע בענק, וואָס די שטיפערס נוצן אויף בראָטן קאַרטאָפליעס. דער געראָטענער לייבוש, יודעל פּרצס זון, באַשרייבט אַלע ספרים מיט איינפאַלן.

דער רב, דערציילט מען, איז דער קאַסירער פון דער מקווה, וועלכע מען האָט געבויט גאַנצע זיבן יאָר און נאָכדעם ניט געהאַט קיין געלט צו עפענען. דער אויפגעקלערטער נגיד אברהם בורג, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געבן געלט פאַר דער מקווה, געטענהט, אַז זיין שנור, דעם לובלינער רבס אייניקל, קאָן גיין ווינטער אין אַ וואַנע און זומער אין טייך . . .

אברהם בורגס זון, עדוואַרד, האַלט, אַז יידן דאַרפֿן רעדן פּויליש און שיקן זייערע קינדער אין די שקאָלעס.

דער לאַמער זלמן, וואָס מאַכט רפֿואות, ליגט איבער ביי דער שמשטע אין שענק; דער יאַנעווער קצב רעכנט אַכט־און־צוואַנציק גראָשן אַ פֿונט פֿלייש און גיט „שטיינער און ביינער און אַ פֿאַלשע וואָג". אַ שיינער פֿאַ־זשאַנדעק אין זאַמאַשטש! — זיפֿצן אָפּ די באַלעבאַטים.

אונטער די טונקעלע געוועלבן, ביי דער זייט פֿון מאַרק, דרייען זיך אַרום אָרעמע יידן אין אויסגעריבענע קאַשקעטן און אין די געסלעך וואוי־נען יידישע באַלמעלאָכעס, שוסטערס, וואָס לאַטען זוילן און שניידער, וואָס אַרבעטן אויפֿן שטיק און אויף דער וואָך. אין אַ טיפֿן און קרומען הויף געפֿינט זיך אפֿילו אַ רויד־טשטאַדענדיקע קוזניע, וואו יוחנן דער שמיד קאָוועט אונטער די „לייבן" פֿון די זאַמאַשטשער בעלי־עגלות, וואָס פֿירן יידן קיין שעבערשין, קיין כעלם און קיין אפּט, אין שווערע וועגענער, וועלכע טרייסלען אַרויס דאָס אינגעוויידו.

די אָרעמע הייזער זיינען דאָ פֿאַרבליבן פֿון פֿאַרנעפּלטע צייטן, ווי פֿאַרבלאָנדזשעטע שימות פֿון דער אַלטער געשיכטע וועגן יידן אין פּוילן. דער יידישער יחוס און דער יידישער דלות ליגן דאָ אינמיטן דער מלוכה פֿון שלאַכטע, וואו עס הערשט פּוילישע גאווה און פּויערשע קנעכטשאַפֿט.

זאַמאַשטש וואַרט אויף נייע פֿרילינג־ווינטן, וואָס וועלן אַוועקבלאָזן די שלאַכטישע גאווה און אויפֿרייסן די פֿאַרחושכטע פֿענצטער פֿון דער יידישער אָרעמקייט, אַריינלאָזן אַ שטראָם פֿרישע לופֿט און אויפֿמונטערן די פֿאַרשטאַרטע און אין טונקלקייט פֿאַרזונקענע יידישע יוגנט.

זאַמאָשטשער יחוס

כמעט יעדע וואָך, שבת־נאַכט, קומען זיך צונויף די שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט ביי יודעלע פּרץ אין הויז.

נאָך דער הבדלה, ווען אין שטוב פילט זיך נאָך דער ריח פון דעם געפלאָכטענעם קאָליריקן הבדלה־ליכט, אַ פאַרלאָשענעם אין אויסגעגאָסענעם וויין, טוט יודל אויס זיין אַטלעסענע קאַפּאָטע, גייט אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב, צונויפלייגנדיק דעם טלית, וואָס איז ביז אַהער געלעגן צעוואָרפן, מחמת שבת טאָר מען ניט צונויפלייגן. ער פאַררויכערט דעם ערשטן, נאָך־שבתדיקן ציגאַר, און זעצט זיך ביים טיש וואַרטן אויף די געסט.

ער איז אַ קליין דאַר יידעלע מיט אַ שפּיציק בערדל, גיכע תנועות און רעדט שטענדיק מיט אַ ברען אין קול. זיינע גרויסע און לויטערע אויגן, — כאָטש שוין פאַרצויגן מיט אַ לייכטער מאַטקייט, — האָבן וואַרעמע בליקן.

דער טיש איז שוין אָן דעם שבתדיקן טישטוך, דער מוצאי־שבת מיט זיין האַלב־וואָכעדיקייט פילט אָן די שטוב מיט עצבות און כדי צו פאַרטרייבן דעם וואָכעדיקן טרויער, ברומט זיך דער באַלעבאָס צו אַ שבת־צונאַכטיק זמרל, סתם אַזוי אַ ניגונדל אָן ווערטער.

... שפּעטער זיצן שוין ביים טיש, הינטער אַ שווערן מאַסיוון בליך־לאָמפּ, די חשובסטע באַלעבאַטים פון שטאָט, טייל אין יאַרמעלקעס, אַנדערע אין די קאַפּעליושן. דער זאַל ווערט ביסלעכווייז אָנגעפילט מיטן רויך פון ציגאַרן און מיטן ריח פון ספרים און איידעלע בשמים.

ריוועלע, יודלס ווייב, דערלאַנגט טיי מיט קיכעלעך און עס העלפט איר צו איר זון לייבוש, אַ בחור, וואָס שטייט שוין אין שידוכים, מיט אַ קליין בלאָנד בערדעלע און בליציקע אויגן. לייבוש איז נאָך אַלס יונג קינד געווען דער ליבלינג פון זאמאשטש. אַן עילוי, אַ שטיפער, אַ ברען. ער האָט אַמאָל געהאַלטן אין חדר אַ ספרל, האָט דער רבי צוגענומען ביי אים דעם ספר און געזאָגט:

— אַזוי ווי דו ווערסט נישט זען דיינע אויערן, אַזוי וועסטו מער ניט זען דעם ספר.

לייבושל איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און געזאָגט:

— אָט זע איך מיינע אויערן, גיב מיר אָפּ דעם ספר.

ווען לייבוש איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר האָט שוין זאַמאָשטש ניט געהאַט פּאַר אים קיין מלמדים, האָט מען אים געמוזט שיקן קיין שעבער־שין. שפּעטער האָט זיך לייבוש גענומען צו שרייבן לידער אויף פּויליש, אויף העברייאיש, אויף זשאַרגאָן.

יודל פּרץ האָט שוין געהאַלטן ביים ענדיקן די מעשה, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן וועגן זיין שווער און שוויגער, דער נגיד שלמה הירש און חנהלע זיין ווייב.

ער, שלמה הירש, איז אַמאָל געקומען אַהיים פון דאַנציק אָן אַ גראָשן. שבת נאָך הבדלה האָט ער געשיקט רופן אַלע בעלי־חובות און זיי געזאָגט: „נעמט איך צו אַלץ וואָס איך פאַרמאָג". חנהלע האָט אויסגעטאָן די צי־רונג און אַוועקגעלייגט אויפן טיש, זי האָט געעפנט די שאַנק מיט זילבער און גאָלד, אַריינגעבראַכט די חפצים פון אַן אַנדער שטיבל. קיינער האָט זיך אָבער צו די זאַכן ניט צוגערירט. שפּעטער האָט חנהלע געעפנט אַ קראָם און פון איר פאַרדינסט האָט מען געלעבט און אייניקווייז באַצאָלט די חובות מיט פּראָצענט און אויסגעגעבן די קינדער . . .

ביסלעכווייז איז דער שמועס וואָס יודל האָט אָנגעהויבן, איבערגע־גאַנגען אין אַנדערע זכרונות וועגן זאַמאָשטש. די זיצנדיקע זיינען אַריינ־געשוואומען אין דער פאַרגאַנגענהייט און עס האָט זיך פאַר זיי אויסגע־שפּינט אַ פאַרזונקענע וועלט, אַ וועלט פון וועלכער זיי האָבן אַרויסגעצויגן אַ זיסקייט ווי פון אַלטן ווייַן.

דוד שיפּמאַן, אַ וואוילקענעוודיקער ייד, וואָס שיקט קאָרעספּאָנדענצן אין „המליץ", האָט זיך אָנגערופן:

— ווייסט איר, רבותי, אַז די ערשטע יידן, וואָס דער שררה זאַ־מאָיסקי האָט דאָ באַזעצט, זיינען געווען ספרדים?

— איז וואָס זענט איר מיט דעם אויסן? — האָט זיך אָגערופן יוסף שוואַרצבערג, אַ ייד מיט אַ שוואַרץ־גרוילעכער באָרד און קאַלטאַנעוואַטע האָר אויף וועלכע די יאַרמעלקע איז קוים איינגעזעסן. — ר' דוד וויל אַנ־דערש ניט ווי פאַרבינדן אונדזער זאַמאָשטש מיט די יחסנים־קהלות פון

שפּאַניִא, מיט קאָרדאָווע, טאָלידאָ, אַז בסך־הכל האָט גאָר זאַמאָיסקי פאַר־באַטן די יידן זיך אָפּגעבן מיט שוסטעריי, כאָטש זיי זיינען אַלע געווען באַלמעלאָכעס.

— און אַז באַלמעלאָכעס איז וואָס ? — האָט זיך דערהערט די שטים פון לייבושן מיטן טאָטנס ברען אין זיין קול. יודל פּרץ האָט ווי פאַרלוירן אַ שמייכל אין שפּיציקן בערדל אַריין.

יוסף שוואַרצבערג האָט זיך אַ דריי געטאָן אויף דער שטול און זיינע קלוגע אויגן האָבן זיך דורכגערעדט מיט דער פּיאה, וואָס איז ניט איינ־געלעגן, נאָר זיך געשאָקלט.

— אויב עס גייט שוין יאָ אין יחוס, דאַרף מען ניט גיין אַזוי ווייט, אַזש ביז צו די ספרדים. אָט נעמט, למשל, ר׳ לייבוש סטאַרעסטער, נאָך וועמען דו, לייבוש, הייסט, איז דאָס געווען אַ ייד! — האָט שוואַרצבערג גערעדט מיט צעשטראַלטע אויגן. — אים האָט דער שררה אַליין גערופן און גערעדט צו אים מיט גרויס דרך־ארץ. נישט „סלוכע זשידקאַ״.

— און ווייסט איר, אַז זאַמאָשטש האָט אַמאָל צוגעצויגן אַ סך רייזנ־דיקע, וואָס האָבן זיך ניט געקענט אָפּליבן פון דער שיינקייט פון די הייזער און פון די פרויען, — האָט זיך אָנגערופן פּייזול געליבטער, אַ מיטל־יעריקער ייד מיט אַ ברייטן שטערן, — טאַקע וועגן די זאַמאָשטשער פרויען האָב איך געלייענט אין אַ רייזע־בוך פון דעם שריפטשטעלער קאַזאַנאָוואַ.

— איך וואָלט אַ בעלן געווען צו זען דאָס בוך, — האָט דוד שיפּמאַן זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש און אויסגעזען העכער און דינער.

— דאָס בוך האָב איך געזען ביי בורגן.

— ביים אַלטן ?

— ניין, ביים זון, ביי עדוואַרדן.

— נייע צייטן, נייע דורות, — האָט זיך דערהערט אַ שטים פון אַ ווינקל טיש, עדוואַרד בורגס זיידע, איך מיין זיין ווייבס זיידע, דער דאָק־טאָר וואָלף־בער שיף האָט אויסגעשריבן אַלע ספרים, און דער אייניקל נעמט קיין יידיש ספר אין האַנט ניט, איז אַ גאַנצער שמעלקע מיט די פּוילישע לערער.

— איר רעדט וועגן אויסשרייבן ספרים, — האָט דער באַלעבאָס יודל פּרץ איבערגעשלאָגן, און עס איז קאָנטיק געווען, אַז ער וויל ניט מען

---

* אַבאָנענטן אויף אַ ניט־געדרוקטן מאַנוסקריפּט.

זאָלן רעדן וועגן עדוואַרד בורג, — אין ענין פּרענומעראַנטן* קאָן זיך, דאַכט זיך, קיין איין שטאָט ניט פאַרגלייכן מיט זאַמאָשטש.

— און טאַקע דערפאַר זיינען אַהער אַראָפּגעקומען אַזוי פיל מחברים. די מעשה מיט גאָטלאָבערן און דעם דאָקטאָר האָט איר געהערט? — האָט זיך ווידער אַריינגעמישט דוד שיפּמאַן.

— וואָס איז די מעשה? — האָט לייבוש אָנגעשטעלט אויף שיפּמאַנען אַ פּאָר אויגן, בליציקע ווי דימענטן.

— אברהם בער גאָטלאָבער איז דאָ קראַנק געוואָרן און עס איז דער־מאָלט אַרומגעגאַנגען די כאָליערע אין שטאָט. האָט ער געשיקט רופן דעם דאָקטאָר. עטינגער איז געקומען, אים באַטראַכט און געזאָגט: „וואָס טויג אייך כאָליערע? איך וועל אייך בעסער פאַרלעזן מיין סערקולע". ער האָט אים באַלד פאַרגעלייענט זיין קאָמעדיע און ער איז געזונט גע־וואָרן . . .

די זיצנדיקע האָבן האַרציק געלאַכט.

— איז וואָס האָבן מיר פון דעם? — האָט פייוול שוואַרצבערג אָפּ־געזיפצט, — דאָס איז געווען אַמאָל, אַמאָל. היינט איז ניטאָ מיט וועמען צו רעדן. נעמט, למשל, די נייע גזירה וועגן נעמען יידן צו מיליטער, געפינט זיך כאָטש איין ייד וואָס זאָל זיך ווערן? אַז אַלע שרעקן זיך.

עס איז אַ ווייַלע געווען שטיל. יודל פרץ האָט זיך אַ בויג געטאָן צו פייוולען:

— וואָס איז זיך דאָ צו שרעקן? זאָל קיינער ניט גיין.

— מען וועט שמייסן.

— אַ וועלט שמייסט מען ניט!

— מ'עט שמידן אין קייטן!

— ניטאָ אַזוי פיל קייטן!

— איינזעצן אין תפיסה.

— אַ כיבע מאַכן די וועלט פאַר אַ תפיסה.

— דער טאַטע האָט רעכט, — האָט זיך אָנגערופן לייבוש, — די וועלט איז דאָך ניט קיין קרעטשמע, ניט הפקר . . .

— וואָס טויג אונדז פּאָליטיקע, — האָט זיך דוד שיפּמאַן אַ הייב געטאָן, — אפשר וואָלסטו אונדז בעסער פאַרגעלייענט אַ שיר, לייבוש?

— אדרבה, אדרבה! — האָבן עטלעכע שטימען מיטאַמאָל געענטפערט. לייבוש האָט אַרויסגעצויגן אַ צעקנייטשט פּאַפּירל פון ראָק, אַ שמייכל

געטאָן אין בלאָנדן בערדעלע און געזאָגט: „איך וועל לייענען דעם דאָק־טאָרס אַ משל וועגן יחוס":

אַ קינצלעך שיין באַנקצעטל,
געמאָלט גאָר ווי אַ פּאָרטרעטל,
קריגט זיך גאָר מיט אַ גילדן אַ ווייסן,
אַ גרויסן בעל־גאווה און אַ כעסן.
דער גילדן איז גאָר פאַר צאָרן
אַזש זייער בלייך געוואָרן:
— וואָס איז דאָס מיט דיר אַזוי די גרייס,
שרייט דער גילדן גאָר שרעקלעך בייז:
וואָס פאַרגלייכסטו אַלץ דיך מיט מיר?
דו ביסט דאָך פּאָרט נאָך אַ פּאַפּיר,
און ווער איז געווען דיין טאַטע?
אַ פּראָסטע שטיקל שמאַטע. —
דאָס באַנקצעטל ליגט אויף איין אָרט
און ענטפערט אים נישט קיין בייז וואָרט.
נאָר אַ רענדל איז צוגעקומען
און האָט זיך דערפאַר אָנגענומען:
— וואָס, זאָגט ער, זיין טאַטע איז געווען?
דאָס איז פאַרביי, דאָס איז שוין געשען;
דאָס אָבער וואָס ער איז אַליין
דאַרפסטו ברודער צו פאַרשטיין.
איצט איז ער אַ סך מער לייט פון דיר,
כאָטש ער איז אַ שטיקל פּאַפּיר!

הערט מיינע ליבע לייט,
לייגטס דעם יחוס אין אַ זייט
און האַלטס דאָס איינע פאַר שיין:
דאָס וואָס דער מענטש איז אַליין!

דער משורר און די באַלמעלאָכעס

ריוועלע פּריץ, אין אַ ווייסן זיידענעם טיכל, איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע און שטיל געוויינט. אַנטקעגן, אויף אַ שמאָלן שראַנק, האָט געברענט אַ ליכט אין אַ זילבערנעם לייכטער און קוים באַלויכטן דאָס גרויסע צימער. פון צופיל וויינען איז ביי איר דאָס פּנים געווען בלאַס און די אויגן פינקלדיק. דאָס זיינען ניט געווען קיין טרערן פון צער, נאָר פון תחינה און געבעט, אַז איר חתן בחור לייבוש זאָל ניט אַרויסגיין לתרבות־רעה.*

זי האָט אים שטאַרק ליב געהאַט לייבושן, אַ סך תהלים געזאָגט פאַר זיין פרומקייט, אַ גאַנץ יאָר געפאַסט מאָנטיק און דאָנערשטיק, לייבוש זאָל אויפגעבן זיין עקשנות און ניט אָנועקפאָרן שטודירן. זי האָט געפועלט. לייבוש האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט ניט פאָרן, אָבער ער האָט שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפן די פרומקייט.

לייבוש לערנט פּויליש, חברט זיך מיט געזעלן, באַלעמעלאָכעס, און אין בית־מדרש שמעקט ער אפילו ניט אַריין. טאָג און נאַכט זיצט ער און שרייבט, אַזוי פיל שרייבט ער ווי מ׳שיט אויס פון אַ זאַק . . .

עס איז אַריינגעקומען דער באַלעבאָס יודל. ער האָט זיך געוואַשן די הענט, זיי געווישט מיט אַ האַנטוך און עפּעס מורמלנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. שרהלע האָט געוואָלט מיט אים רעדן וועגן לייבושן. אים פרעגן פאַרוואָס לייבוש גייט יעדעס מאָל אַוועק ביז שפּעט אין דער נאַכט. וואוהין איילט ער זיך? איז דען ניט בעסער זיצן אין דער היים? זי האָט אַראָפּ־געריקט דאָס טיכל און געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער מאַן איז איר פאַראויסגעלאָפן, ווי ער וואָלט געלייענט אירע געדאַנקען.

— שטער אים ניט, שטער אים ניט אין זיינע דרכים, ריוועלע, — האָט ער געזאָגט, — לייבוש וואַקסט אַ כלי, אַ משורר, ער וועט זיין אַ יידישער היינע, אַ שילער.

— אַ וואָס וועט ער זיין? — האָט ריוועלע, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

---

* אויף שלעכטע וועגן.

— אַך, וואָס ווייסט זי די פרומע ריוועלע וועגן שילערן — האָט יודל געטראַכט און באַשלאָסן מער ניט צו רעדן צו איר.

לייבוש איז אַריינגעקומען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, צע־שפּרייט אַ בויגן פּאַפּיר און מיט אַ בלייפעדער געצומען אַנוואַרפן אותיות אויפן בויגן.

ער האָט אָנגעשריבן אַ העברייאיש ליד, וואָס ער האָט גערעכנט צו שיקן אין „השחר".

„מען זאָגט מיר, אַז אייביק וועלן מענטשן שמאַכטן אונטערן דרוק פון געלט און יחוס,
קנעכט און הערן וועלן קיינמאָל ניט אויפהערן,
אייביק וועלן זיך גיסן טייכן בלוט מענטשלעכע, פאַר אַ שטיקל ערד,
אייביק וועט הערשן צווישן מענטשן קנאה און שנאה
און דאָס יידישע פאָלק וועט שוין אייביק זיין אונטערדריקט,
וועט שוין קיינמאָל קיין קאָפּ ניט אויפהויבן.
אַזוי זאָגט מען מיר, נאָר ס׳איז ניט ריכטיק,
איך גלויב, אַז די אוראַלטע פּיאַווקעס וועלן באַקומען זייער קבר,
די נאַכט וועט פאַרשווינדן,
אין מזרח־זייט זעען זיך שוין באַגינען־שטראַלן,
דאָרט שוועבט שוין די זון אין אַ ליכט־טייך ווי אין אַ טייך פון בלוט".

***

אינמיטן מאַרק־פּערטל געפינט זיך אַ ברונעם, אונטער אַ הילצערנעם דאַך אויף פיר שווערע זיילן. לייבוש האָט אָפט ליב געהאַט צו קומען צום ברונעם. יעדעס מאָל ווען ער האָט אַריינגעקוקט אין ברונעם האָט זיך אים געדאַכט, אַז עפּעס אַ רעדל פון ליכטיקייט גלאַנצט איבערן שוואַרצן וואַסער . . .

אין איינעם אַ פאַרשנייטן אויפדערנאַכט, לעבן די זיילן, האָט לייבוש דערזען יעקב רייפמאַנס הויכע פיגור. דער געדיכטער שניי האָט אינגאַנצן וויס געמאַכט דעם אַלטן מאַן.

לייבוש האָט געקענט רייפמאַנען פון שעבערשין, וואו ער האָט יינגל־וויז געלערנט.

יעקב רייפמאַן האָט געטראָגן אַ לאַנגע זשופּיצע מיט ווייסע זאָקן און קליינע שיכעלעך און אַ ברייט חסידיש היטל אויפן קאָפּ. אין שע־בערשין האָבן אים די פרומע יידן גערופן „יענקעלע רייפמאַן" און מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אפּיקורס.

הינטער זאַמאָשטש איז געווען אַ פעסטונג און פון אַלטע צייטן זיינען דאָרט פאַרבליבן טיפע גראָבנס. אַהין פלעגט רייפמאַן קומען מיט זיינע תלמידים, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דער פופצן־יאָריקער לייבוש, און שעהן לאַנג רעדן וועגן תורה און השכלה . . . שפּעטער, אַז לייבוש איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער זיך דערוויטערט פון אַלטן רייפּמאַן, דעם משכיל, וואָס געפינט גרייזן אין תנ״ך און איז דאָך אַזוי פרום, אַז ער וואַשט זיך ניט מיט אַ קוואָרט, וואָס האָט אַן אָפּגעשפּרונגענע ראַנד און טראָגט אַ לאַנגן טלית־קטן . . . לייבושן האָט שוין מער אינ־טערעסירט דייטשע און פּוילישע פּאָעזיע ווי די מליצה פון יענקל רייפּמאַן.

— קוקסט, קוקסט זיך איין, דערקענסט מיך ניט, — האָט לייבוש דערהערט רייפמאַנס שטים.

— פאַרוואָס? איך האָב אייך יאָ דערקענט.

ביידע זיינען אַוועק צום לובלינער בראַם, צום בית־מדרש. פון די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט לאָמפּן, וואָס זיינען איינגעוויקלט געווען אין בלאַסע צעשוואומענע רעדלעך שיין, ווייטע, ווייטע לאָמפּן אין דעם אויף דער נאַכטיקן בית־מדרש.

— איך וויל מיט דיר טאַקע רעדן, — האָט רייפּמאַן אַ טאַרע געטאָן לייבושן, ווען ביידע זיינען געבליבן שטיין ביים שוועל פון בית־מדרש, — ביסט אַ יונגערמאַן אַ משכיל, איז ווי פּאַסט עס פאַר דיר, זאָלסט זיך גאָר אַנשליסן אין די פייער־לעשער? עס איז אַ געשעפט פאַר לייבל דעם חייטניק, אָבער לייבוש סטאַרעסטערס איידיקל אין אַ פייער־לעשער היטל?

— מיך ציט צו די באַלמעלאָכעס, ר׳ יאַנקל, — האָט לייבוש געענט־פערט מיט אַ שפּילעוודיק פייערל אין די אויגן, — מער ווי צו אייערע משכילים. נעמט, למשל, דוד שיפמאַן, וואָס קנעלט דקדוק און פאַר־קויפט שרייב־געצייג, אָדער דעם הויקערל שטערן, וואָס מיינט, אַז די גאַנצע חכמה שטעקט אין זיין דייטשער קאָנקאָרדאַציע . . .

— דו, שטיפער, דו! — האָט דער אַלטער געזאָגט, — ביזט דאָך אַן עזותניק. איך זאָל געווען וויסן . . .

לייבוש האָט אויף שנעל אָפּגעזאָגט אַ פערז:

„אויב לייבל דער חייט
קאָן נישט קיין פיוט,
וואָס האָט עץ צו נ׳עם?
איז נאָר זיין שער־און־אייזן

אַן גרייזן,
איזס שוין מכפר אויף דעם".

— דו, משורר, דו . . . — האָט דער אַלטער רייפמאַן פאַרשטיקט זיין געלעכטער מיט אַ הוסט.

יעקב רייפמאַן איז צוגעגאַנגען צו אַ שאַפע, אַרויסגענומען אַ ספר און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק מיטן פּנים צום ארון־קודש, וואו צווי געשניצטע טויבן האָבן אַראָפּגעקוקט. אים, לייבושן, האָט זיך געדאַכט, אַז דער אַלטער איז אַליין אַ גראָע טויב, וואָס וואָרקעט וועגן אַלטע צייטן . . .

לייבוש האָט זיך מער ניט פאַרהאַלטן אין בית־מדרש. ער איז אַרויס פון בית־מדרש און זיך געלאָזן צום „אינזשינערס גאָרטן", וואָס ער און זיינע חברים האָבן אַמאָל גערופן „אַ גויאיש פאַרשלאָסענער גן־עדן".

גייענדיק אויפן וועג האָט ער זיך דערמאָנט ווי מיט זיבן יאָר צוריק פלעגט ער שפּאַצירן איבערן שאָסיי, זיך אַראָפּלאָזן ביים גאָרטן און אַריינ־געקוקט אַהין מיט אַ מאָדנער גלוסטעניש . . . ער געדענקט ווי ער מיט זיינע חברים, פלעגן אַריינשטעקן די קעפּ צווישן די שטאַכעטן, קוקן אויף דיביימער־אלעען . . . אויפן ווייסן הויז, וואָס האָט אַרויסגעבלאנקט פון די גרינע ביימער און דאָס דוכפלאַטערן פון די דאַמען אין ווייסע קליידער וואָס האָבן דאָרט שפּאַצירט . . .

די „פאַלקאַוואי מוזיק" פלעגט שפּילן פאַרן הויז און אינעווייניק האָט מען געטאַנצט . . . אָפט, אין שטילע אָוונטן, האָט מען פון הויז אַרויס־געהערט אַ פּיאַנאָ־שפּיל.

מיכל, דער קאַפּעלמייסטער פון די זאַמאָשטשער קלעזמער, פלעגט אַרומשפּרינגען איבערן ראָוו מיט דורשטיקע אויגן און געפאַנגען מיט זיין פאַרשפּיצטן אויער די מוזיק. פון דער מוזיק, האָט מען גערעדט אין שטאָט, מאַכט ער מאַראַלישע שטייגערס צום באַדעקן, מאַרשן צו חופות און פריילעכסן פאַר דער „וויעטשערע" . . .

לעצטנס זיינען שוין די אינזשינערן אַוועק און דער גאָרטן איז גע־עפנט געוואָרן פאַר די זאַמאָשטשער איינוואוינער.

פון גאָרטן האָט לייבוש פאַרקירעוועט צו אַן אָפּגעזונדערטן הויף ביים ברעג פון אַלט־שטאָט.

די משפחה בורג

בּיים ברעג פון אַלט־שטאָט, וואו עס איז פאַרזונקען דער אַל־טער בית־עלמין, האָט זיך געפונען אַן אָפּגעזונדערטער הויף מיט אַן אַלטן אייזערנעם פּלומפּ אין דער מיט. פאַרן הויף — אַ ברייט, ווייס־געקאַלעכט הויז. דאָס הויז מיטן הויף זיינען געווען אָפּגעזונדערט פון די גרויסע שפּייכלערס און האַנדלס־שטעלכעלעך כדי אונטערצושטרייכן, אַז זיי האָבן גאָר קיין שייכות ניט צו דער אַרומיקער זאַמאָשטשער אָפּגעשטאַנענקייט.

די פרומע זאַמאָשטשער יידן און יידענעס האָבן געקוקט מיט חשד און מיט באַהאַלטענעם כעס אויף דעם הויף, וואָס איז געווען דאָס אייגנטום פון אברהם בורג און זיין זון עדוואַרד.

דער אַלטער אברהם האָט אַמאָל געהאַנדלט מיט שניט, נאָכדעם מיט געהילץ, וואָס ער פלעגט אָנלאָדן אויף פליטן און טרייבן מיט דער ווייסל קיין דאַנציג.

ער איז געווען אַ הויכער און אַ דינער, מיט אַן איידל פּנים און שמאָלע באַקן, פון וועלכע עס איז אַראָפּגעהאַנגען אַ פאַרשפּיצט ווייס בערדל. זיינע מילדע אויגן האָבן אים צוגעגעבן עפּעס קינדישעס.

אברהם בורג האָט אין זיין קינדהייט זיכער געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אָבער נאָך דעם איז ער געוואָרן אַ שטיקל „אפּיקורס". איין זון האָט ער געשיקט לערנען אין וואַרשעווער ראַבינער־סעמינאַר, דעם אַנדערן אין דער האַנדלס־שול פון בראַמבערג אין בערלין. אויף דער עלטער איז ער אויך ניט געוואָרן גאַנץ פרום. ער פלעגט גיין ימים־נוראים אין שול, פאַסטן יום־כפּור, האָבן פּתיחה צו נעילה.

די זאַמאָשטשער האָבן פאַראיבל געהאַט אויפן נגיד אברהם בורג, וואָס האָט געוואוינט ניט ווייט פון פּריצישן גאָרטן אין דעם צוויי־שטאָקיקן הויז מיט גרויסע באַגאַרדינטע פענצטער און די איינגאַנג־טיר, — אַ געשניצטע פון דעמבענע האָלץ, האָט געטראָגן אויף זיך אַ קורץ מעשענע שילדל מיטן אויפשריפט אויף פּויליש: „אברהם בורג". זיי האָבן

אָבער אים אַרויסגעוויזן דרך־ארץ און אָפּשיי, ווייל ער האָט שטענדיק געגעבן אַ היפּשע מטבע פאַר אָרעמע און קראַנקע פון שפּיטאָל, געהאָלפן חתונה מאַכן אָרעמע כלות, יתומות און געזאָרגט פאַר אַלטע לייט און יתומים.

בלויז די חסידים האָבן ניט פאַרבאָרגן זייער שנאה צו דער משפּחה צוליב איר גויאישער פּירעכץ. ביי בורגן, האָט מען גערעדט, דינען שיקסעס פון דאָרף מיט בלויע אויגן און פלאַקסענע האָר, פון די קיך־פענצטער הערן זיך זייערע פעלד־לידער און אין די אָוונטן קומען צו זיין סטראזשקעס פון די פייערלעשער און זעלנער מיט גלאַנציקע קנעפּ.

אי, וואָס בורג גיט נדבות, איז ער ערשטנס, איז ער קיינמאָל נישט צופרייט, — האָבן די חסידים געטענהעט, — און צווייטנס, האָט ער אויך געגעבן אַ היבשע סומע צו פאַרענדיקן די געביידע פון פּוילישן שפּיטאָל . . .

בלויז דער ייִנגערער דור אין זאַמאָשטש, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פון „שאַרפע” קעסט־איידעמלעך און יונגע סוחרימלעך, וועלכע האָבן שוין געקענט דעם אברהם בורג פון הייַנט, זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט יראת־הכבוד, ווייל ער איז געווען אַ „דייטש”. זיי האָבן געוואוסט, אַז אברהם האָט געקענט אויסגעבונדן די אַלע פּוילישע „שררות” און זייער כאַראַקטער. ער האָט אפילו געוואוסט זייערע קליינע אינטריגעס מיט זייערע ליבע־סקאַנדאַלן, וואָרים ער איז געווען ביי די פּריצים אָנגענומען ווי אַן אייגענער מענטש. ביי אים אין דער אייזערענער קאַסע זיינען געלעגן פּעק מיט וועקסלען און קוויטעס פון די חובות, וואָס פּריצים זיינען אים שולדיק געבליבן, אָבער אויך אַ יחוס פון זיינעם אַן עלטער־פעטער, אַ בורג, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין אַ פּויערים־אויפשטאַנד אין קראָקע.

אברהם בורג האָט גערעדט גוט דייטש און גוט פּויליש. הגם מיט אַביסל אַ ייִדישן נגון. טיילמאָל האָט געטראָפן, אַז ס'איז געקומען צו אים אויך אַ פּריצישע דאַמע מיט פאַרוויינטע אויגן, אונטער אַ געדיכטן, שוואַרצן וואואַל און געזעסן אַ לאַנגע צייט אין זיין קאַבינעט. דאָס האָט זי אים געבעטן ער זאָל זיך אַריינמישן צווישן איר און איר מאַן און מאַכן צווישן זיי אַ שלום. און נאָך דעם, ווען זי איז אַוועק, איז אברהם אַריין צו זיין פאַמיליע און געשמייכלט אין זיין בערדל אַריין, אויף די פּריצישע קאַפּריזן מיט זייערע „קאַכאַנקעס”, ליבעס, מיט וועלכע זיי פאַרברענגען זייערע יאָרן . . .

דאָס האָט זיך אין אים אָפּגערופן דער עלטער־פעטער פון קראָקע,

וואָס האָט פּיינט געהאַט די פּריצים און ליב געהאַט די פּויערים . . .

אויף די עלטערע יאָרן האָט זיך אברהם בורג אָפּגערוט פון מסחר. זיינע געשעפטן האָבן געפירט די זין, באַזונדערס דער יינגערער עדוואַרד. אַ שלאַנקער, אַ בלאָנדער, וועמען מען האָט אין זאַמאָשטש גערופן דער „בראמבערגער סטודענט״. עדוואַרד האָט גוט געקענט די דייטשע ליטעראַטור, די פּוילישע ליטעראַטור און האָט געהאַט אַריסטאָקראַטישע מאַניערן. ער האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַן אייראָפּייער און אַ „פּאַליאַק פון משהס גלויבן״.

עדוואַרד האָט שטאַרק ליב געהאַט די פּוילישע שפּראַך און די פּוילישע ליטעראַטור. ער האָט אויך געהאַט אַ טיפע סימפּאַטיע פאַר די פּויליש-נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, געגלויבט, אַז בלויז די פּוילישע גייסטער, אַזעלכע ווי מיצקעוויטש, נארוויד, וועלן ענדלעך עפענען די אויגן פון פאָלק זיי זאָלן זיך באַפרייען פון דער קנעכטשאַפט. זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט ער געווידמעט צו העלפן די „שקאָלעס״, שולן, וואו מען האָט געלערנט אויף פּויליש, אויף רוסיש. קיין העכערע זאַך ווי בילדונג, — האָט ער געהאַלטן, — איז פאַרן מענטשן ניטאָ. געלערזאַמקייט פירט דעם מענטשן צום לייטער פון פערזענלעכער אויסלייטערונג. מער דאַרף מען ניט.

עדוואַרדס ווייב, לינאַ, איז געווען פון רבנישן יחוס. אַן אייניקל פון לובלינער רב און אַ שוועסטער פון לעמבערגער ראַבינער דאָקטאָר בערנאַרד לעווינשטיין. זי איז ניט געווען פרום. איר איינציקע פאַרבינדונג מיט יידישקייט איז געווען דער תנ״ך אין מענדעלסאָנס דייטשער איבערזעצונג, וואָס איר ברודער האָט איר געשאָנקען צו איר חתונה.

די הויכע פּאָעזיע פון דער ביבל, די משלים פון שלמה המלך און דודס תהילים־געזאַנגען האָבן זיך ביי איר פאַראייניקט מיט דער פילאָסאָפישער פּאָעזיע פון געטען און מיט דער טיפער און צאַרטער מוזיק פון שאָפּענען; די ווערטער און די אידיליע פון רות מיט זאַנגען־גרינס פון פּוילישע פעלדער און דאָס געזאַנג פון שיר־השירים מיטן געזאַנג פון פויגלען און סודות פון נשמה־טיפענישן.

לינאַ איז געווען אַן איבערגעגעבענע און וואַרעמע פרוי צו עדוואַרדן, אַ הייסע מוטער צו די קינדער, וואָס זי האָט אים געבוירן (דריי זין און צוויי טעכטער) און אַביסל קאַלט צו פרעמדע. אַנדערש ווי לינאַ, וואָס איז געווען אַ רואיקע, זיינען די קרובים פון איר צד, ווי איר ברודער איזידאָר

פון לעמבערג און שוועסטערקינד מאיר הורוויץ פון וואַרשע, דווקא געווען טעמפּעראַמענטפולע. זיי האָבן זיך שטענדיק געהיצט און געשריגן, אַז זיי זיינען גרייט זיך צו שלאָגן מיט דער שווערד פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פוילן.

לינא האָט אין די פּאָליטישע דיסקוסיעס, וואָס פלעגן פּאָרקומען אין הויז, קיינמאָל קיין אָנטייל ניט גענומען. זי האָט זיך שטענדיק געוויקלט אין שאַלן, ווי זי וואָלט געוואָלט באַווייזן, אַז איר איז שטענדיק קאַלט.

איר שוועסטערקינד מאיר הורוויץ האָט זיך וועגן דעם גוטמוטיק געוויצלט:

— לינא, פאַרוואָס איז איר שטענדיק קאַלט? דאָס האָט זי באַקומען בירושה פון דער מאַמען, די טאָכטער פון דעם דאָקטער וואָלף־בער שיף. די מאַמע האָט אַריינגעשמוגלט אין דער לעווינשטיין משפחה צוגעפרוירן בלוט. דערפאַר האָט אָבער לינא אַ ווייסע הויט און אַ פּאָר גלאַנציק־ברוינע אויגן, וואָס לייכטן אין די נעכט. די אויגן זיינען דער באָבעס, פון טאַטנס צד . . .

כאָטש עדוואַרד איז געווען אַ בלאָנדער, זיינען אָבער די קינדער געווען געראָטן אין דער מוטער. באַזונדערס האָט זיך די מיזינקע, ראָזע, באַלד נאָך איר געבורט, אַרויסגעוויזן צו זיין אַן אָפּבילד פון דער מוטער: אַ טונקעלע, ברייט־שטערנדיקע מיט ברוינע יידישע אויגן, וואָס האָבן געגליט ווי קוילן . . .

„דאָס וויסטע הויז"
„אַ דערציילונג פֿונעם וואַלד־וועכטער"

מיטן אַלטן וועג הינטער דער זאַמאָשטשער פֿעסטונג האָט געשפּאַנט דער פּאָעט. אַ מיטלוואוקסיקער, מיט אַ בלאָנד בערדל און פֿלאַקערדיקע אויגן. זיינע טריט האָבן אָפּגעקלונגען. ער האָט געקוקט אויפֿן האָריזאָנט, וואו עס האָבן זיך אָנגעזען די וואַלד־מאַסיוון און דער אָטעם האָט זיך ביי אים איבערגעהאַקט מיט אַ טיפֿן זיפֿץ.

אָפּגעענטפֿערט האָט אים אַ פֿאַרדעמפּטער ווידערקול פֿון די טיפֿע, אַלטע פֿעסטונג־ריוון, וואָס זיינען געבליבן הינטער אים. ער האָט זי געלאָזט טיפֿער אין פֿעלד ווייטער פֿון דער פֿעסטונג. פֿאַר די אויגן — אַ פּראַכט! פֿון רעכטס האָט זיך געצויגן אַ וואַלד, איבערגעפֿלאָכטענע צווייגן זיינען געהאַנגען איבערן שמאָלן וועג. די זון האָט געוואַכט אין דורכלויכט פֿון די בלעטער. און לינקס, ביזן סאַמע האָריזאָנט, האָט זיך צעשפּרייט אַ שוואַרצערדיקער טעפּיך פֿון גראָזן און קווייטן. ווערבעס האָבן געגרינט ביי די שטילע ריטשקעס.

דער פּאָעט האָט פֿאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג. אַ טרויעריקע שיין האָט אַרויסגעפֿליצט פֿון זיינע גרויסע אויגן. עס האָבן זיך גענומען ציען די טיפֿע קנייטשן פֿון זיין שטערן. שיין איז די ערד אַרום זאַמאָשטש און דופּטיק איז די רויז אונטער די שטערן פֿון די הימלען. דאָס לאַנד איז אַ גן־עדן און דאָס פֿאָלק איז אין גיהנום.

שוין דאָס צענטע יאָר זינט די הענקער האָבן דאָ, אין סטעפּ, אין וואַלד, דערשטיקט אַן אויפֿשטאַנד פֿון אָרעמע פּויערים. דער פּאָעט האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַרומגעקוקט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטאָם פֿון אַ בוים, געקוקט אויף דער חורבה.

פֿון הינטער דער חורבה איז אַרויסגעקומען דער וואַלד־שומר. אַן אַלטיטשקער מיט אַ געבויגענער פּלייצע, אָנגעטאָן אין אַ קויטיק לייוונטן העמד. די ברייט צעוואָקסענע גרויע ברעמען האָבן פֿאַרשטעלט זיינע אויגן.

דער אַלטער האָט אַ רגע באַטראַכט דעם גאַסט. עפּעס אַ בורטשע געטאָן:

— וואָס ווילסטו דאָ?

— וואָס פאַר אַ הויז איז עס געווען? אַ פּאַלאַץ, האַ?

— אַ פּאַלאַץ, אַ פּאַלאַץ. דאַרפסט טאַקע אַלץ וויסן? און אַז דער פּריץ וועט מיך אין קעלער פאַרשפּאַרן איבער דיר? גיי, גיי פונדאַנען. דער וויעלמאזשנער פּאַן האָט פאַרזאָגט קיינעם אַהער ניט צולאָזן. — דער אַלטער האָט נאָך עפּעס אונטער דער נאָז אַ בורטשע געטאָן און איז ניט געוואָרן.

דער פּאָעט האָט אַ רגע געקוקט אינעם בלויען הימל, נאָר באַלד זיך אויפגעהויבן, אַרויסגענומען אַ שטיקל פּאַפּיר, אַ בלייפעדער און עפּעס פאַרצייכנט.

דער פּאָעט איז געזעסן אַ פאַרקלערטער. ער האָט געזען פאַר זיך דעם פּאַלאַץ אַ חרובן, שוין לאַנג פאַרוויסט . . . דאָס שטייט ער איצט אויף בייז־וואונדער און אויף לייטיש געלעכטער, דער חרובער פּריצישער פּאַלאַץ . . . און זיינע האַרן? וואָס איז פון זיי געבליבן?

דער פּאָעט האָט ניט באַמערקט, ווי דער אַלטיטשקער וועכטער שטייט שוין עטלעכע מינוט הינטער זיינע פּלייצעס און באַטראַכט נייגעריק זיין פּאַפּירל . . .

— פאַר וועמען שרייבסטו, פאַר די פּאַנעס? — האָט יענער ניט אויסגעהאַלטן, אַ קלאַפּ געטאָן דעם אומבאַקאַנטן איבער דער פּלייצע און זיך צוגעזעצט לעבן אים . . .

— ניין, וועכטער. די וויסטע דאליע פון די קנעכט גייט מיר אָן. וואָלסט מיר בעסער דערציילט וועגן יענעם פּריץ, דעם באַלעבאָס פון פּאַלאַץ.

— אָט, אָט דאָרטן, ביז די ביימער האָט זיך דער פּאַלאַץ אויסגעשפּרייט. ביז די ביימער! יאָ, ביימער וואַקסן, אָבער פריער זיינען דאָ געוואַקסן די צרות. אָט דאָ . . . — האָט דער אַלטער באַוויזן מיט דער האַנט. — הער זיך איין, — האָט דער אַלטער צוגעגעבן נאָך איין ווײַלע טראַכטן. — אָט דאָ האָט אַמאָל געוואוינט אַן אָרעמע אלמנה. מ׳פלעגט זי רופן יאַדוויגאַ. זי האָט דאָ חתונה געהאַט מיט אַ פויער וולאַדעסלאַוו. ער האָט אָפּגעלעבט מיט איר אַ יאָר צען און אַוועק.

איז געבליבן יאַדוויגאַ מיט זעקס קינדער.

. . . איין מאָל, אין אַן אומעטיקן טאָג, ווען די ווערבעס ביים טייכל

האָבן געווײנט, איז דער פֿאַן געקומען מאָנען ביי איר חובות. ס'האָט ניט געהאָלפֿן קיין געוויין, קיין געבעט. מען האָט זי פֿאַרטריבן אויף הפקר, אויף אומקומען . . .

אויפֿן אָרט פֿון איר אָרעם שטיבל האָט מען אויפֿגעבויט אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ, וואָס אַזאַ האָט מען ניט געזען אין דער גאַנצער גובערניע . . .

און אָט, מיטאַמאָל, — האָט זיך דער אַלטער פֿאַרקוקט אין דער זייט.

— איז אָנגעקומען אַ שטורעם־ווינט, אויסגעשריגן — קלאָר, קלינגענדיק: אויפֿשטאַנד!

ס'האָט געשלאָגן די שעה פֿון נקמה. פּויערים, קנעכט, האָבן זיך צע־שאָטן איבער אַלע שליאַכן. די פֿרייהייט האָט גערופֿן. זיי האָבן געכאַפּט מעסערס, ביקסן. מ'האָט געצונדן פּריצישע מאַיאָנטקעס. פֿאַר דעם פּאַנס קאָפּ האָט מען צוגעזאָגט אַ גאַנצן הויפֿן רענדלעך. די אונטערגעדריקטע און די וואָס ליידן האָבן געאַרבעט שווער ביז זיי האָבן געכאַפּט דעם יונג. דעם טויט מוז אים נעמען! — האָבן זיי געשוואָרן. מ'האָט אים געבראַכט אויפֿן פּלאַץ און געהאַנגען . . . און פֿון דעמאָלט אָן איז דאָ שטיל, וויסט . . .

לאַנג, לאַנג האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן די אויפֿשטענדלער. גע־וואונען אָבער האָבן ניט זיי. וואָס פֿון די אויפֿשטענדלער אין 1863 איז גע־בליבן, ווייסטו? . . . האַ? — האָט דער אַלטער פֿאַרענדיקט זיין דערציילונג און איז געבליבן שטיין.

דער פּאָעט איז צוגעזאָגט געוואָרן מיטן בליק צו דער חורבה. זיינע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפֿנט און אַזוי איז ער נאָך לאַנג געשטאַנען, אָן לשון. דער אַלטער איז אַוועק. פֿאַרן אַוועקגיין האָט ער נאָך געזאָגט:

— אָט דאָס וואָס איך דערצייל דיר איז אמת! אַזוי איז עס טאַקע געווען! . . .

***

פֿאַרנאַכט. די לאַנדשאַפֿט אַרום זאַמאָשטש איז ווי פֿאַרגאָסן מיט בלוט פֿון „פּאָוסטאַנצעס". אַ פֿאַרטרוימטער האָט דער פּאָעט אויפֿגעהויבן זיינע אויגן און האָט אַ ברום געטאָן צו זיך אין די וואָנסן: — לייבוש, באַוואָפֿן זיך! וועסט אָנשרייבן אַ שיר פֿון דעם שומרס מעשה! „דאָס וויסטע הויז", אַ גוטע טעמע.

ס'איז געוואָרן פֿינצטער אויף די פֿעלדער. אויפֿן טונקל־בלויען הימל האָבן גענומען צאַנקען שטערן.

— נאָך די דערציילונג פֿונעם וואַלד־וועכטער, — האָט לייבוש גע־

טראַכט, — צאַנקט ניט. עס וועט ניט פאַרגעסן ווערן, עס וועט זיך טראָגן איבער די פעלדער, באַוואַשענע מיט טרערן און שוויס פון אומגליקלעכע קנעכט.

פונדערווייטנס האָבן שוין געשיינט ליכט. דער דיכטער איז אַריין אין שטאָט און געחזרט די סטראָפן פונעם ליד, וואָס ער האָט געשריבן אין געדאַנק.



י. ל. פרץ אין די 80־קער יאָרן

קראָקע — 1846

אין די צימערן פון אברהם בורגס הויז איז געלעגן אַ געדיכטע טונקלקייט. בלויז אין איין חדר האָט זיך געזיפּט אַ קאַרגע שיין פון אַ ליכט, וואָס האָט געברענט אין אַ זילבערנעם לייכטער אויפן טיש. דער באַלעבאָס איז געזעסן קעגן ליכט און געקוקט אין אַן אַלטן בלאַט, וואו עס איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אויפרוף פון זייַנעם אַן עלטער פעטער אין קראָקע „צו די קראָקעווער יידישע בירגער", זיי זאָלן זיך שטעלן צום דינסט פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1846 און העלפן באַפרייען פוילן פון פרעמדן יאָך.

אברהם בורג איז געזעסן פאַרטיפט אין בלאַט. די ליכט האָבן געפלעמלט און געוואָרפן אַ רויטע שיין אויף די ווערטער. ער איז געווען מיד און זיינע ברעמען האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן. די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט און כאָטש ער האָט געדרימלט האָט ער דאָך געפילט ווי זיינע מחשבות טראָגן אים אַריבער ערגעץ ווייט, ווייט.

אין קאַרג־באַלויכטענעם חלל זיינען אויפגעשוואומען בילדער און געשטאַלטן פון אַ פאַרגאַנגענער צייט. — — —

שוין דער דריטער מעת לעת, ווי אַ רעגן האָט געגאָסן איבער דער שטאָט. פון ווייסל האָבן זיך געהויבן וואָלקנס, ווי כוואַליעס. זיך געטראָגן איבערן טונקעלן הימל ווי ס'וואָלט ניט געווען נאָך פּסח, נאָר נאָך סוכות, חשוון.

אין דער פרי, אַז דער הויך־וואוקסיקער יחיאל בורג איז געגאַנגען אויפן קוזמאַרק, האָט ער אָנגעטראָפן דעם גביר און דעם פּרנס פון דער קראָקעווער און סאַנדאָמירער וואָיעוואָדסטווע בענדעט סירקיס. דער פּרנס, אַ הויכער, אַ דיקער, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ טונקל־גראַנאַטענעם מאַנטל אויסגעפּעלצט מיט סויבל. ער האָט צוגערופן דעם יונגן יחיאלן און ביידע האָבן זיך אָוועקגעשטעלט אונטער אַ דעכל ביים אַרומגעמויערטן קליינעם בית־עלמין פון דעם רמא'ס שול.*

---

* די עלטסטע שול אין פוילן.

דער פּרנס האָט געהאַט תּרעומות אויף דעם יונגן בורגן, וואָס האָט געשטאַמט פון אַן אַנגעזעענער משפּחה אויפן קוזמירער מאַרק־פּלאַץ, וועלכע פלעגן אויסדינגען די וועלדער ביי פּוילישע פירשטן און ער אַליין חברט זיך מיט „מורדים", מיט פּוילישע זין, וואָס זיינען קעגן דער חלוקה פון פּוילן, האָבן זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוטרייבן דעם מאָסקאָל פון פּוילן.

— אַ יונגערמאַן ווי דו, יחיאל, — האָט זיך דער הויכער ראש־הקהל אַריבערגעבויגן איבער יחיאלן און אים פאַרגעוואָרפן, — דאַרף ניט העלפן קיין בונטאָווטשיקעס, ווי עס שטייט אין פּרק, אַלמלא . . . ווען ניט די מורא פון מלכות . . .

— און איך שטיץ זיך אויף גוטע און ערלעכע יידן, וואָס האָבן זיך אין יאָר 1794 געשלאָגן אין פּראַגע, ביי וואַרשע, זיך געוואָרפן מיט האַק־מעסערס אויפן מאָסקאַל, — האָט יחיאל בורג געענטפערט.

דער פּרנס האָט גוט געוואוסט, אַז יחיאל איז אַ יונגערמאַן מיט אַן אָפענעם מוח, קאָן גוט פּויליש, דייטש, איז אַ מומחה אין „פּאָליטיקע", האָט ער קיין גרויס חשק ניט געהאַט אַריינגיין מיט אים אין וויכוחים. ער האָט אים גוטמוטיק אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע און זיך מיט אים געזעגנט.

נאָכדעם איז יחיאל געשטאַנען ביים וואַוועל, געקוקט אויף דער ווייסל, וואָס האָט אַרומגערינגלט די פעסטונג און געטראַכט, אַז דער רום פון פּוילן ליגט דאָ אַ פאַרשעמטער, דער פּוילישער אָדלער האָט אַראָפּגע־לאָזט די פליגל. דער הימל ווייגט איבער דער פּוילישער מלוכה־שטאָט און די ווייסל זאַפּט איין די טראָפּנס־טרערן.

עס איז שוין געווען לאַנג נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה. די פּוילישע פּאַנעס האָבן פאַרגעסן אַן גרויסן קייסער און אויפגענומען דעם צאַר אַלעקסאַנדער פאַר אַ באַפרייער. אין בעלוועדער זיצט דער רוסישער גרויספירשט קאָנ־סטאַנטין און די פּאַנעס האַלטן אים אין איין חנפהנען. אין קראָקע הערשן די עסטרייכישע גענעראַלן. איז פּוילן פאַרפאַלן?

יחיאל האָט אָפּגעזיפצט, זיך אַרומגעקוקט און זיך דערמאָנט וואו ער געפינט זיך. דער רעגן האָט אויפגעהערט און עס איז אַרויס די זון, און קעגן זון־שיין האָט די ווייסל אויסגעזען ווי אַ שטאָל־בלויע שווערד.

יחיאל איז אַריין צו זיך אין הויז, זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, פאַ־נאַנדערגעשפּרייט אַ בויגן פּאַפּיר, איינגעטונקען אַ גענדזענע פעדער און גענומען שרייבן:

„. . . אַ טייל פון דער אינטעליגענץ האָבן באַשטימט זיך צו דער־

נעענטערן צום פאָלק, זיך צו פאַרברידערן מיטן פויער, און יידן? יאָ, אויך דעם יידן מוז מען צוציען. האָבן זיך דען די יידן ניט געשלאָגן ווי די לייבן אין פּראגע? מיט די לאַנגע כאַלאַטן זיינען זיי געקראָכן איבער די גריבער און זיך געוואָרפן אויפן מאַסקאַל. אַ נייע צייט שטייט אויף פאַר פּוילן . . . זייט גרייט . . . "

יחיאל האָט פּאַרענדיקט שרייבן, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. די זון האָט שוין געשיינט. אַנטקעגנאיבער אויף מזרח־זייט האָבן זיך געהויבן צוויי טורעמס איבערן קאשטשאל פון פאַניע מאַריע.

ער האָט דערפילט ווי אַן אומרו האָט זיך באַזעסן און פאַרקליבן אין אים, אַן אומרו, וואָס טרייבט אים אין יענער מחנה, וואָס וויל מיט שווערד און וואָרט באַפרייען פוילן און אַלע יידישע בירגער פון פוילן. יחיאל איז געוועזן זיכער, אַז ווי נאָר יידן וועלן איבערלייענען זיין אויפרוף אַזוי וועלן זיי זיך שטעלן גרייט צו דינסט, באַפרייען פוילן פון פרעמדן יאָך . . .

ווען בורג איז אין דער פרי געגאַנגען אויפן מאַרק־פּלאַץ און זיך אָפּגעשטעלט ביים ראַטהויז האָט ער געזען, ווי פויערן, סטודענטן, שפּאַנען רואיק, מיט אַ געמאַכטן גלייכגילט, ווי זיי וואָלטן זיך אומגעקערט פון אַ תפילה אין קאשציאל. קיינער האָט זיך ניט געקענט ריכטן, אַז די דאָזיקע דערשלאָגענע וועלן איינגיכן אָנפירן מיט אַ גאַנצן אויפשטאַנד און אַז ער וועט זיין איינער פון די וואָס וועלן שטיין בראש פונעם אויפשטאַנד.

———————————————————————

דאָס איז געווען אין יאָר 1846 אין קראָקע.

און היינט?

אברהם בורג האָט אַוועקגעלייגט די אַלטע צייטונג מיטן געדרוקטן אויפרוף און האָט אויפגעציטערט. עמיצער איז אַריינגעקומען. ער האָט דערזען דעם יונגן לייבוש פּרץ שטיין לעבן דער טיר מיט אַ פאַרשנירלטן שטערן.

— אָט, אַ גאַסט, זיץ. וואָס ברענגט דיך צו מיר? — איז אים בורג אַנטקעגנגעגאַנגען.

און אַזביידע האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש האָט אַ דינסט דערלאַנגט טיי מיט צובייסן. לייבוש האָט זיך אָנגערופן:

— אונדזער אָרעמקייט קאָנט איר?

— נו, — האָט אברהם בורג פאַרקנייטשט דעם שטערן.

— מען דאַרף זיי העלפן, — איז לייבושעס קול שטיל.

בורג האָט באַטראַכט דעם גאַסט ביי וועמען די באַקן זיינען געווען פאַררויטלט. ער האָט אַ זופּ געטאָן פון דער גלאָז און געזאָגט:

— דאַכט מיר, אַז אין זאַמאָשטש קען מען מיך און מען ווייסט, אַז איך האַלט געטריי קהלס צוזאָג צו זאַמאָיסקין מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אַז פאַר אונדזערע קראַנקע און אָרעמע וועלן מיר אַליין זאָרגן . . .

— עס האַנדלט זיך ניט אין קיין נדבה.

— אין וואָס דען?

— מען דאַרף גרינדן אַ שול פאַר דער אויסבילדונג פון אָרעמע יידישע באַלמעלאָכעס.

— מעג איך וויסן אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך וועסטו לערנען מיט די באַלמעלאָכעס?

— צו די פּאָליאַקן קומט מען מיט דער שיינער שפּראַך פון מיצקעוויטשן, צו די יידן, — אויף זייער שפּראַך.

— אויף זשאַרגאָן?

— אויף דער שפּראַך וואָס זיי פאַרשטייען.

אברהם האָט אויסגעשפּרייט דעם אַלטן גאַזעט, זיינע אַלטע הענט זיינען געלאָפן איבערן פאַרגעלטן פּאַפּיר:

— אָט, נעם, לייען!

— וואָס איז? — פאַרשטייט ניט לייבוש.

— פאַרשטייסט, לייבוש, מיינע קינדער קאָנען ניט קיין זשאַרגאָן. נעם מיין עדוואַרדן. פרעג אים מיט וואָס ער שטאָלצירט מער: מיט זיין עלטער־פעטער וואָס האָט געשריבן אויף פּויליש, אָדער מיט דעם טייטש־חומש פון זיין עלטער־באָבען? אגב, רעכנט ער גאָר איבגיכן פאַרלאָזן זאַמאָשטש, איז וואָס קען איך שוין ביי אים פּועלן?

לייבוש האָט אָפּגערוקט די גלאָז טיי.

— זעט איר, — האָט ער געזאָגט, — איך בין ניט געווען גרייט צו הערן פון אייך אַזאַ ענטפער. איך וועל זיך אייך ניט אונטערנעמען צו באַווייזן וואָס איז בעסער פאַר יידן. מען דאַרף אָבער זען די לאַגע פון אָרעמען פאָלק און אין וואָס עס נויטיקט זיך.

קענטיק, אַז דער אַלטער בורג האָט זיך אַביסל פאַרלוירן. ער האָט זיך צעשמייכלט און געשוויגן. לייבוש האָט זיך אויפגעשטעלט, באַוויזן אַז ער האָט שוין אַלץ געזאָגט.

דער אַלטער האָט אים העפלעך באַגלייט צו דער טיר.

דורות...

דער פּוילישער פֿאַרנאַכט האָט זיך אַרונטערגעלאָזט ווי אַ פֿאָר־האַנג. דורך די שויבן איז אַריינגעדרונגען אַ בלוי־לילאָווע שיין, אַט אַזאַ שיין וואָס מען זעט נאָר אויף די פֿעלדער פֿון פּויזן און פּאָמעראַניע. אין צימער האָבן זיך איבערגעגאָסן די דינסטע שאָטנס, זיך צונויפֿגעפֿלאָכטן מיט די ווייסע הענט וואָס האָבן געהאַלטן אַ בוך און די גלאַנציקע ווייס־לען וואָס האָבן טרוימעריש געגליט. פֿון די ווייסע שאָטנס האָט זיך שטיל אָפּגעטיילט אַ שײַנענדיק געזיכט. לינאַ האָט איינגעדרימלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די קליין־וואָוקסיקע, מאָגערע און שניי־ווייסע רייזל לעווינשטיין, די לובלינער רביצין, איז געזעסן איבערן טייטש־חומש און די פֿינגער פֿון אירע דאַרע געקנייטשטע הענט האָבן אויפֿגעמישט די „תוכחה“. אירע מילדע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די פּירקאַנטיקע אותיות און זי האָט זיי געלייענט מיט אַ פֿאַרטרערט קול:

„. . . דײַנע זין און דײַנע טעכטער וועלן אַוועקגעגעבן ווערן צו אַן אַנדער פֿאָלק און דײַנע אויגן וועלן זען און אויסגיין נאָך זיי אַ גאַנצן טאָג, און דײַן האַנט וועט זײַן אָן מאַכט . . . און ער וועט דיך באַלאַגערן אין אַלע דײַנע טויערן, ביז עס וועלן נידערן דײַנע הויכע און פֿעסטע מויערן, וואָס דו האָסט זיך אויף זיי פֿאַרזיכערט.

„. . . די אײדעלע צווישן דיר און די פֿאַרצערטלטע, וואָס האָט קיינ־מאָל ניט געפּרוּווט שטעלן איר פֿוסטריט אויף דער ערד פֿון פֿאַרצערטלט־קייט און פֿון איידלקייט, זי וועט פֿאַרצערט ווערן אין דער באַלאַגערונג, און אין דער דריקונג, וואָס דײַן פֿײַנט וועט דיך דריקן . . .

„. . . און דײַן לעבן וועט דיר הענגען אַנטקעגן, און דו וועסט אַנגסטן טאָג און נאַכט און ניט זײַן זיכער מיט דײַן לעבן . . .“

דאָס אַלץ האָט זי געלייענט און געברענט מיט ליבע צו דער תורה. זי האָט אַריבערגעצויגן איבערן שטערן איר ווייס זיידן טיכל און פֿון אירע מידע, באַיאָרנטע, טיף־ברוינע אויגן זײַנען גערונען טרערן, אַז איר טיכל איז אויסגעווייקט געוואָרן.

קעגנאיבער, אויפן קראָקעווער טויער פון לובלינער מאַרק האָט אַ קרומע זון אַרויסגעשיינט פון לייכטע, טרויעריקע וואָלקנס. אויפן מאַרק האָט געשמעקט מיט קאַלטע נאָך־פסח רעגנס, מיט טרויער פון ספירה־טעג און מיט „תוכחה״.

עס איז אַריינגעקומען איר צען־יאָריק אייניקל, בעריש, וואָס די על־טערן האָבן אים געשיקט פון מעזעריטש אין פויזן, צו זיידע־באָבען קיין לובלין. דאָס אייניקל איז צוגעלאָפן צו דער באָבען. די אַלטע האָט אַרויפּ־געררוקט דאָס זיידענע טיכל און אויף איר שמאָל, בלייך פּנים האָבן גע־גלאַנצט טראָפּנס. איצט האָבן זיך שוין ביידע כוונהדיק געשאָקלט איבערן פאַרגעלטן טייטש־חומש.

דאָס אייניקל האָט געקוקט אויף דער באָבען, וואָס האָט פאַרקוועטשט די אויגן און אין איר קול האָט זיך געהערט אַ געברום, דין ווי פון אַ טויב. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז זי קוקט פאַר זיך דורך אירע אַכציק יאָר און זי זעט, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אים, בערישן, זיין קליינע שוועס־טער און אַלע קינדער און אייניקלעך אין לובלין, אין מעזעריטש, אין וואַרשע.

— —

אין הויף, צווישן די ביימער, האָט זיך צעשריגן אַ פויגל. באַלד זיינען אָנגעפלויגן נאָך פויגלען, פאַרשטעלט דעם פאַרנאַכט וואָס האָט זיך גע־רוקט אויפן הויף.

לינאַ, וואָס איז געלעגן אויף דער סאָפע צוגעטוליעט צו שילערס „גלאָקע״, האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, געזען ווי פון די טונקל־בלאָע הייכן האָט זיך געריסן די שאַרפע, ניי־געבוירענע לבנה. איצט האָט זי געוואוסט, אַז זי האָט געזען אַן אומקלאָרן חלום. לינאַ האָט געזוכט די שייכות פון חלום צו איר לעבן, צום לעבן פון עדוואַרדן און די קינדער. אַ בענקעניש האָט זי אַרומגענומען. כאָטש נאָך וואָס זי בענקט האָט זי אַליין ניט געוואוסט.

לינאַס עלטער־באָבע, אַ טאָכטער פון ר׳ יצחקל הורוויץ פון האַמבורג, איז פריער געוועזן אין האַנאָווער, נאָכדעם אין לובלין. אַן עלטער־עלטער זיידע, ר׳ יהושע, איז געווען אַ רב אין לעמבערג, נאָכדעם אין פראַנק־פורט. איר זיידע — דער רב פון לובלין. לינאַס טאַטע, אַ פרומער סוחר אין מעזריטש, דער פעטער, דער רב פון סראַצק, און זי? לינאַ? גלויבט ניט אין דעם וואָס אירע עלטערן האָבן געגלויבט. שוין יאָרן, אַז זי, אַן איין־און־איינציקע, האָט געביטן דעם קוק אויפן לעבן.

לינאַ איז אַראָפּ פון דער סאָפע. אירע לויז־פאַרנומענע האָר האָבן זיך צעשאָטן און זיינען געפאַלן איבער אירע אַקסלען. זי איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע אינמיטן צימער און די שוואַרצע האָר, די נאָך־שוואַרצערע ברעמען, האָבן בלייכער געמאַכט דאָס אַזוי אויך בלאַס־לענגלעך פּנים.

אַז די שטוב איז פול געוואָרן מיט טונקלקייט האָט זיך איר ווידער געדאַכט, אַז דאָ וואַכן ניט געזעענע שאָטנס, וואָס באַוועגן זיך שטיל, ווי פאַרבליבענע אויף דער וועלט פון אַ לעבן וואָס איז געווען און וועט זיך מער ניט אומקערן. שאָטנס פון זיידעס, באָבעס, פעטערס, מומעס.

די באָבע רייזל. איינמאָל האָט זי געזען איר בילד. די ברוינע אויגן מיט די שוואַרצע ווייעס האָבן פאַרנומען אַ העלפט פון איר פּנים. לינאַ האָט יענעם בליק פון דער באָבען, ווייזט אויס, פאַרטראָגן אין דער ווייט, דער שפּיל פון יענע לויכטנדיקע אויגן איז איר פאַרבליבן אין זכרון.

עמיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, זי האָט פאַרלייגט די האָר אינמיטן קאָפּ און מיט דינע טריט צוגעגאַנגען צו דער טיר, געעפנט.

עס איז אַריינגעקומען איר שוועסטערקינד מאיר הורוויץ. זיי האָבן זיך געגעבן די הענט, האָבן זיך אַ רגע איבערגעקוקט און געשוויגן. לינאַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער סאָפע און אָנגעוויזן דעם גאַסט לעבן זיך.

— וואָס הערט מען אין וואַרשע, מאיר?

— וואָס זאָל מען הערן? וואַרשע וואַקסט.

— ווייסט, מאיר, עס איז מיר געקומען צו חלום די באָבע, — האָט זי זיך נעענטער צוגערוקט צום שוועסטערקינד. — ס'ערשטע מאָל אין מיין לעבן . . .

— וועלכע באָבע?

— די באָבע רייזל.

— אַ, זי! — האָט מאיר הורוויץ געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַנטפּלעקן עפּעס גאָר וויכטיקס. — ווייסט וואָס דיין טאַטע האָט אַמאָל געזאָגט וועגן איר?

— וואָס? — האָט זי אים באַטראַכט.

— ער האָט געזאָגט: „מען האָט געדאַרפט קאָנען זיין אַזוי קלוג און פרום כדי צו קאָנען זיין אַזוי שטיל און גוט ווי זי איז געווען“.

— טאַקע אַ שיין וואָרט. אָבער איך ווייס פון אַ שענער וואָרט. עס געהערט צו ציפּריאַן נאָרוויד.

— לאָמיר הערן.

„פאַראַן אַ דערהויבנקייט, וואָס ווען זי באַווייזט זיך, קומט רו אויף דער וועלט. איר נאָמען איז שטילקייט און גוט־האַרציקייט.“

— און דו ווייסט, לינאַ, וואָס ביי אונדז אין מעזעריטש האָט מען זיך געוואונטשן צום געבורט פון אַ טאָכטער? „שיין ווי אַ רויז, שטיל ווי אַ טויב און פרוכטבאַר ווי אַ וויינשטאָק“. אַ פיינער וואונטש, וואָס זאָגסטו?

לינאַ האָט אַ ווייל געשוויגן, אַ הויב געטאָן די הענט, זיי צונויפגעלייגט. „שטיל ווי אַ טויב?“ — און אַ שטורעמדיקער ים־ווינט, און אַ מעכטיקער אַקאָרד פון אַ סימפאָניע? אַז זיי זיינען ניט שטיל זיינען זיי דען ניט קרישטאָל־ריין? און אַ שמייכל פון אַ קינד? און אַ דופט פון אַ רויז? זאָכן וואָס זיינען דין, צאַרט, מיטן אויג ניט אויפצונעמען און זיינען דאָך מעכטיק מיט אור־כוחות . . .

אין שלאָף־צימער האָט זיך דערהערט אַ שטילער גערויש. ליבאַן האָט זיך געדאַכט אַז אַ קינד רופט. זי האָט זיך אויפגעהויבן און מיט זיכערע טריט זיך געלאָזט אין אַלקער.

ווי שניי־פליטערלעך האָבן נאָך געשוועבט און געפלאָטערט פאַר אירע אויגן די שאָטנס פון פאַרגאַנגענע דורות, דער עיקר דער שאָטן פון דער באָבע רייזל.

ביים וויגל

אַנוּג אַז אַ מאַמע זאָל זיך זעצן ביים קינדס וויגל, עס זאָל איר נאָענט ווערן די גאַנצע וועלט. אַלע קינדער פון דער וועלט מוזן די מאַמעס איינוויגן און ניט אַלע מאַמעס וויגן איין די קינדער מיטן זעלבן ניגון.

אין שטילן, פרילינגדיקן נאָכמיטאָג, וואָס האָט דורכגענומען און אָפּגעפרישט מענטש, בוים, פלאַנץ, האָט זיך אויך געטראָגן דער ריח פון גראָז, פון בלומען.

ביים טיר פון הויז, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף, איז געזעסן לינאַ און געוויגט אַ קינד. שטיקער זון זיינען געפאַלן אויפן קינדס ברייטן שטערנדל, אויף אירע רויטע, צונויפגעצויגענע ליפעלעך, וואָס האָבן געשמייכלט אין שלאָף. וויגל, קינד, מאַמע — דער צייטיקער פרילינג־נאָכמיטאָג האָט זיך געגאָסן און געקוואָלן אין די גלידער.

לינאַס אויגן, — טיפע, טונקעלע, האָבן געקוקט אין הויף, געזען ווי דער באַדינער וואַלענטי האָט אָנגעיאָגט וואַסער פון פלומפּ, באַוואַסערט אַ בייט בלומען.

דאָס וואַסער איז איינגעלאָפן, זיך איינגעזאַפּט, ווי לינאַס לעבן דאָ אין זאַמאָשטש און זי האָט געטראַכט וועגן גרעסערע שטעט: לובלין, לעמבערג, וואַרשע.

פון הויז איז אַרויסגעלאָפן אַ יינגל פון אַ יאָר אַכט.

— קיין וואַרשע, וועלן מיר פאָרן, מאַמע?

— זומער, יוזעף.

— וואַרשע איז אַ שיינע שטאָט?

— יאָ, זון.

— און פאַריז?

— אַ שענערע.

— איז פאַרוואָס האָט מען דאָרטן אויסגעמאָרדעט אַזוי פיל מענטשן?

לינאַ האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. שטיקער זון, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין רוקן צום פענצטער, זיינען אַ פאַל געטאָן אינעם פנים, טרויעריקער געמאַכט די אויגן.

— יוזעף, ברענג מיר די גאַזעט, וועל איך וויסן וואָס דו דערציילסט וועגן פּאַריז.

— איך ווייס שוין אַלץ. דער פּאַפּא האָט מיר אַלץ דערציילט, — האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון דער טיר און זיך אַ לאָז געטאָן צום פּלומפּ.

עדוואַרד איז אַרויסגעקומען מיט דער גאַזעטע „וואַרשאַווסקי דניעוו־ניק", וואו עס איז געווען אָפּגעדרוקט אַ באַריכט וועגן די באַריקאַדן־קאַמפן פון די קאָמונאַרן. ליבאַ האָט צוגענומען פון אים דאָס בלאַט און געלייענט.

פון אירע דינע ברעמען, פאַרשפּיצטע ווי פיילן, האָבן זיך געשאַרט שאָטנדלעך, זיך צעלייגט איבערן מאַטן פּנים. זי האָט געלייענט און די אויגן אירע, ס׳מויל, האָבן איינגעזאַפּט דעם טרויער, די מאַרטירערישע העלדישקייט.

„. . . קאַטיע איז געשטאַנען אויף איינעם פון די האַרמאַטן און גע־שריגן: פּאַריזער פרויען! קיין קנעכט קאָנען ניט זיין קיין פּאַטערס פון אונדזערע קינדער! מיר זיינען פרויען פון פרייע מענטשן. אַרבעטער־פרויען, אַרבעטער־טעכטער! מיר קעמפן פאַר דער צוקונפט.

„. . . ווי נאָר ס׳האָט זיך אַ וואַקל־געטאָן אַ קאָמונאַרן־אָטריאַד, — האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אַ פאָן און אויסגעשריען: איר וועט זיך דאַרפן שעמען אויב איך וועל אומקומען.

„. . . קאַטיע איז געגאַנגען פון איין באַריקאַדע צו דער צווייטער. מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן. מיר וועלן שטאַרבן פרייע.

„. . . אויפן ברוק איז זי געלעגן מיט אַ דורכגעשטאָכענער ברוסט און מיט פאַרגליווערטע אויגן . . . דער לעצטער זיג — — — — "

ליבאַ האָט אויפגעציטערט. דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט. געעפנט אַ פּאָר אויגן ווי די מוטער, נאָר ברוינערע און טיפערע.

די מוטער האָט מיט פריידיקן נחת געקוקט אויפן קינד און די אויגן אירע האָבן גערעדט אָן ווערטער: הער קינד מיינס, הער אַ מעשהלע:

„דער קיסר האָט באַפוילן זיין קנעכט אים ברענגען אַ שעפעלע". — גיין, גלויב מיר ניט, רייזעלע, דער קנעכט האָט געוואָלט ביבדן זיין האַר . . .

„זע, רייזעלע, די זון פאַרגייט. די גאָלדענע קרוין ליגט ביים שוועל, גיי מיין טאָכטער, נעם זי צו. דער קייסער איז שוין מער ניטאָ . . . "

ליבאַ האָט געוויגט דאָס קינד און די נאָכמיטאָג־זון, ווי אַ גינגאָלדענע קרוין, האָט געוואָרפן שפּליטערס־זון אין קינדס וויגל.

ב.

וואַרשע

ראָזע לוקסעמבורג — 12 יאָר אַלט

וואַרשע — 1874

די שטאָט וואַרשע ענדערט צוביסלעך איר אויסזען און כאַראַקטער. מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט די רוסיש־פּוילישע קרוין־שטאָט ניט פאַרמאָגט קיין שום סימן פון אינדוסטריע און זייער ווייניק סוחרים, אפילו ווייניק באַלמעלאָכעס. די איינציקע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָנגעזען, זיינען געווען בעקער, וועלכע האָבן באַזאָרגט די שטאָט מיט ברויט. אויסלענדער, וואָס זיינען אַהער אַראָפּגעקומען האָבן געשטוינט: אַ מערקווירדיקע שטאָט וואַרשע, מען זעט דאָ ניט קיין פאַבריקן, געשעפטן, קיין אַרבעטער, און דאָס לעבן באַשטייט נאָר פון יארידים, רווישיקע בעלער און בעקערייען אין די גאַסן.

פאַר די לעצטע צען יאָר, גלייך נאָך דער „פּאָווסטאַניע“ פון 1863, האָט זיך די שטאָט אַ רוק געטאָן און איז געוואָרן מיט אייראָפּייאישע שטעט גלייך. גרעסערע און קלענערע פאַבריקן זיינען דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן און דער האַנדל האָט אָנגעהויבן בליען אין די גאַסן און אין די טונקל־געדיכטע הויפן.

דאָס רוב פון די וואַרשעווער סוחרים זיינען ניט געבוירן געוואָרן צווישן די טויערן פון די וואַרשעווער הויפן. זיי זיינען אָנגעקומען אַהער פון דער פּראָווינץ זוכן דאָ גליקן. וואַרשע האָט שוין איצט אויסגעאַרבעט סחורות פאַרן גרויסן צאַרישן רוסלאַנד, פאַר פּערסיע און אפילו פאַר כינע. קליינע יידישע פאַבריקאַנטלעך האָבן געבראַכט אַהער זייערע אָפּגעשפּאָרטע פאָר גראָשן און זיי אָנגעהויבן פאַרזייען אין פאַבריקלעך, וואַרשטאַטן און קראָמען.

אינאיינעם מיטן האַנדל האָט אויך אָנגעהויבן בליען דער דלות. אין די פאַרחושכטע וואַרשעווער הויפן האָבן אַרבעטער שווער געפּראַצעוועט און געהונגערט און עס האָט שוין דאָ געשמעקט מיט דער גרויסער וועלט, מיט די אָפּגרונטן און הינטער־גאַסן פון יענע אייראָפּייאישע שטעט: פּאַריז, בערלין, לאָנדאָן און קאָפּענהאַגן. יענע הינטער־גאַסן און הויפן, ווי מען האָט געלייענט וועגן זיי אין די ראָמאַנען פון אַ הוגאָ צי פון אַ דיקענס.

די אַלטע פאַראַכטונג צום סוחר און געלט־מענטש, וואָס איז געווען איינגעוואָרצלט אין לעבן פון דער שלאַכטע האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרשווינדן און די זעלבע פּאָליאַקן, וואָס פלעגן אַזוי חוזק מאַכן פון יידישן „קופּיעץ״, האָבן זיך שוין איצט מתקנא געווען אין די „גליקן״ פון די יידישע סוחרים און קרעמער און אפילו אָנגעהויבן זוכן מיטלען ווי זיי ענג צו מאַכן דעם האַנדל.

אינאיינעם מיטן מסחר איז אויך געוואָקסן די יידישע באַפעלקערונג. אין יאָר 1848 זיינען נאָך אין וואַרשע געווען דרייצן גאַסן, וואו יידן האָבן ניט געטאָרט וואוינען: די אַלעעס ביזן בעלוועדער, נייע־וועלט, קראָקעווער פאָרשטאָט מיטן זאַקסישן פלאַץ, טרעמבאצקי, קאזשלע, מעדגאס, סענאַטאָרן, ניי־סענאטאָרן, וויעזשבאווע, ביעלאנסקי, לאַנגע מיטן קראשינסקי־פלאַץ, רימארסקע און פּשעיאַזד. אין 1874 האָבן שוין יידן באַוואוינט ניט נאָר די גאַסן, נאָר עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גאַנצע יידן־שטאָט, מחוץ די גאַסן, וואו עס שמעקט מיט יידישער אַלטגעזעסנקייט, אָבער אויך מיט נייעם יחוס.

נאַלעווקעס, — אַ יידישער האַנדלס־צענטער. דאָ געפינט זיך דאָס הויז פון גרויסן באַנקיר זעליג נאַטאַנסאָן מיט אַן אייגענעם בית־מדרש; אַ זייפן־פאַבריק, אַ צוקער־פאַבריק און אַ מאַנעפאַקטור־געשעפט. די טראָטואַרן פון דער גאַס זיינען באַשפּאַנט מיט קויפער און פאַרקויפער, צו־מערסטנס פּראָווינצער יידן, וואָס רעדן אויף אַלע יידישע דיאַלעקטן.

טוואַרדע איז אויך באַהויכט מיט אַלט־נגידישן שימער. דאָ וואוינען אַ סך נשים צדקניות, וואָס פאַרזאָרגן אָרעמע כלות מיט נדן, יתומים מיט אַ העמד, קינדערלאָזע מענטשן מיט געדונגענע קדיש־זאָגערס. פאַר די אויגן פון די „פאַרזאָרגערינס״ שוועבט נאָך דאָס בילד פון דער נגידה טעמערל זאָנענבערג, וואָס האָט געלאָזן אין איר ירושה דריי הונדערט טויזנט גילדן אויף פאַרטיילן צדקה.

צוקאָפּנס פון דער יחוסדיקער טוואַרדע שניידט זיך אַריין דער גזשי־באָוו, וואו עס וואוינען אויסגעהאָרעוועטע טרעגערס, באַלעגאָלעס.

אין די געדיכטע גאַסן: נאָוואָליפּיע, נאָוואָליפּקי און דזשעלנע וואוי־נען אויך יידישע באַלעמעלאָכעס. צענטערס פון יידישער אָרעמקייט זיי־נען אויך דאָס פּייכט־גרויע געסל סטאַווקי און די ניזקע.

אין פּאַראַלעל צו די גאַסן געפינט זיך טלאָמאַצקע און לעשנאָ. דאָ זעט מען שוין אין די שבתים און יום־טובים באַציילינדערטע יידן פון

„משהס״ גלויבן, וואָס קומען אַהער פון יענע רייכע גאַסן וואו יידן האָבן אַמאָל ניט געטאָרט וואוינען און היינט וואוינען דאָרט די באַנקירן, די נאָ־טאַנזאָנס, די עפּשטיינס, און גאָלדפעדערס אין פּרעכטיקע פּאַלאַצן און שלעסער, וועלכע פּאַררוקן אין שאָטן אפילו די פּריצישע רעזידענצן פון די ליובאמירסקיס און בראַניצקיס.

ווי אַן עדות פון זייער חשיבות און גרויסקייט האָבן זיי אױפגעשטעלט ביי זייערע טירן פון די פּאַלאַצן און בענק גראָב־בייכיקע שוויי־צאַרן אין בלויע מונדירן מיט גאָלדענע קנעפּ. די וועכטער מיט זייערע בייזע פּנימער און גרויסע געדרייטע וואָנצעס האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד ניט נאָר אויף די יידישע סוחרים פון טוואַרדע און נאַלעווקע, וואָס, פאַרבייגייענ־דיק, מאַכן זיי גלייך די היטלען און פאַררוקן טיפער די פּיאות, נאָר אפילו אויף די פּויליש־רעדנדיקע יידישע אינטעליגענטן, וואָס דאַרפן אָנקומען צו זייער טובה.

אויף לעשנא האָבן געוואוינט אַ סך געוועזענע סטודענטן פון דער וואַרשעווער ראַבינער־שול, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט אין יאָר 1863, פאַרמאַכט, ווייל אירע תלמידים האָבן זיך פאַרזינדיקט מיטן „פּוילישן גייסט״ און אָנטיילגענומען אין דער „פּאָווסטאַניע״. לעשנא איז אָבער געווען אָרעמער פון טלאמאצקע און אין 1874 איז די „איידעלע״ גאַס שוין „באַזעצט״ געווען מיט יידישע אָרעמעלייט, וואָס האָבן באַוואוינט די „אָפּ־געשונדענע״ הייזער אין די הויפן, אַז די אייגנטימער האָבן געמוזט צובויען נייע פליגלען צו זייערע אַלטע מויערן און אויסרעמאָנטירן די אַלטע דירות.

דער הויף אויף לעשנא

צווישן די ברייטע און טיפע הויפן מיט די שווערע טויערן, וועלכע האָבן אין יאָר 1874 אויסרעמאַנטירט עטלעכע וואוינונגען כדי זיי צו פאַרדינגען צו נייע איינוואַנדערנדיקע פּראָווינצער, וואָס באַזעצן זיך אין וואַרשע, איז געווען חיים דאַנציגערס הויף אויף לעשנא.

דער הויף האָט זיך געפונען אַנטקעגנאיבער דעם עוואַנגעלישן קלויס־טער. די וואַרשעווער איינוואוינער האָבן גוט געוואוסט דעם דאָזיקן קלויס־טער, ווייל דאָרטן איז, אין יאָר 1860, פאָרגעקומען אַ פּוילישע דעמאָנסטראַ־ציע, אין וועלכער יידן האָבן זיך באַטייליקט.

ביים חיים דאַנציגערס לעבן איז דער הויף געווען אַן אָרעמער. אין מיטן הויף איז געשטאַנען אַ גרויסער מיסטקאַסטן און עס האָבן זיך שטענדיק דאָרטן אַרומגעדרייט קעץ. אין די קעלער־שטובן איז געווען פינצטער און עס האָבן דאָרטן ביטאָג געברענט נאַפט־לעמפּלעך, וואָס האָבן געלויכטן מיט אַ טונקעלער אומהיימלעך רויטער שיין, און אַז עמיצער פלעגט אַהין אַריינגיין אינמיטן טאָג און אַריינקוקן אין איינעם פון אָט־די פענצטערלעך, פלעגט ער פריער גאָרניט זען אויסער פינצטערניש. באַלד אָבער האָבן זיך זיינע אויגן צוגעוואוינט צו דער פינצטערניש און עס האָבן זיך פאַר זיינע אויגן אים גענומען אויסטיילן בעטן, בענק, פעק מיט שמאַטעס און מענטשלעכע געשטאַלטן, וועלכע האָבן אַרומגעבלאָנ־דזשעט אין דער טונקלקייט, ווי פאַרשווינדן ניט פון דער וועלט.

נאָך דאַנציגערס טויט, אַז דער הויף איז איבערגעגאַנגען אין נייע הענט, האָבן די נייע באַלעבאַטים איבערגעבויט עטלעכע דירות פון אינעוויניק און זיי אָפּגעשמירט מיט פרישן טינק פון דרויסן. דערביי האָט אָבער דער הויף גאָרניט פאַרלאָרן פון זיין אַמאָליקן אויסזען. צוויי־גאָרנ־דיקע הייזער האָבן אים נאָך אַלץ אַרומגערינגלט פון דריי זייטן און אים אָנגעפילט מיט שאָטנס, און די עטלעכע נייע קוואַרטיראַנטן האָבן זיך כמעט ניט אָנגעזען צווישן די פילע אָרעמע וואוינונגען מיט צעבויגענע בלעכענע ווערענדעס און גאַלערייעס. דער מיסטקאַסטן איז אוועקגענומען געוואָרן

פון מיטן הויף. עס איז דאָרט צוגעקומען אַ וועשעריי, אַ בייגל־בעקעריי און אַ קעלער, פון וואַנען עס האָט אָפט געשפּאַרט אַ רויך.

ביי אַלע דירות זיינען די טירן און פענצטער אַרויסגעגאַנגען בלויז אין הויף אַריין און מען האָט ניט געזען וואָס עס האָט זיך געטאָן אי־בער די דעכער. עס האָט דאָ געשמעקט מיט גרויסשטאָטישער אָפּגע־זונדערטקייט. די דירות האָבן געאָטעמט איינס אויף ס'אַנדערע מיט ריחות פון אַלטע־מעבל און מיט קוילן פון אויפגעשטעלטע סאַמאָווארן, מיט גרויסשטאָטישער אָפּגעזונדערטקייט און מיט קבצנישער זאָרג . . .

אין הויף איז תמיד טונקל, נאָר ערשט אַנהויב האַרבסט, אַז דער פּוילישער גאָלדענער יעשען, וואָס שמעקט מיט אַלע ריחות פון דער־ביי אָפּגעזוימערטן ווייסל, דערטראָגט זיך אַהער, שמעקט דאָ אַריין די ווייסל, מיט ריחות פון פרישע זעק קאַרטאָפל, פעסלעך פלוימען און קוישן באַרנעס, וואָס מען פירט צו דער שטאָט גאַנצע באַרקעס.

פאַרנאַכט, ווען דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ אויף די דעכער, ווערט דער הויף היימישער. אין דער בעקעריי הייצט מען אין דעם אויוון מיט לאַנגע שייטן האָלץ און בעקער־יונגען אין בלויזע גאַטקעס און באַר־וועסע פאַרקנעטן אַ ריזיק טייג. פון די קוימענס גייען אויף געדיכטע רויכן. אויפן הימל קוקט אַרויס אַ פולע לבנה מיט שטערן. אַ קליינער, דאַרער גוי מיט אַ זאַק שמאַטעס אויפן רוקן קומט אַריין אין הויף, פאַררייסט דעם קאָפּ אַרויף צו די אויבערשטע שטאָקן און צעזינגט זיך:

— שמאַטעס, ביינער, שמאַטעס!

זיין קול ווערט געפאַנגען דורך אַ צעזונגענעם אויסרוף פון אַ יידישן אָרעמאַן, וואָס קומט נאָך נדבה־גראָשנס: „האָטס' רחמנות, יידישע קינ־דער!"

באַלד ווערט ווידער שטיל. דער רויך שפּאַרט שוין ווינציקער פון דער בעקעריי. דער איינציקער נאָפט־לאָמטערן ביים טויער גליווערט אין דער פוסטקייט און וואַרפט אַ געלע גליווערדיקע שיין.

די האַרבסט־נעכט אין וואַרשע זיינען געדיכט־שוואַרץ. מויער און טויער ליגן אין דער חשכות צוזאַמענגעקנוילט און פאַרדעקן די פאַר־באַרגענע זאַכן וואָס ווערן אינעווייניק אין די מויערן אָפּגעטאָן, סודות פון מענטשן־געבורט . . .

אַז עס הייבט אָן גראָען, שטייגט דער מאָרגנשטערן פון די דעכער און לאָזט איבער אַ נישט־באַרירטע פייכטקייט איבער די ווענט, פענצטער

און געזימסן. דורך די אייזערנע פרעגטעס פון דער בריק דערזעט זיך שוין דער ווייסער מאַרגן־טוי, וואָס איז אויסגעשפּרייט ווי אַ פלאַכטע איבער די הייזער־דעכער, אויף קירכן שפּיצן פון יענער זייט ווייסל אין פּראגע.

אין די דירות פון חיים דאַנציגערס הויף איז נאָך נאַכט. עס שרעקן די שטיקער מענטשלעכע בגדים, וואָס זיינען צעהאָנגען איבער די שטולן, אַ וואַרעמע, שווערע נאַכט־לופט שטייט אין די ענגע צימערן פון אויסגע־וואַרעמטע לייבער און בעטגעוואַנט, אָבער דער טויער פון הויף איז שוין אָפן און אנטאן, דער לאַנגער סטרוזש, גייט אַרויס פון זיין שטיבל.

אנטאני, איז אַ הויכער און אַ דיקלעכער, מיט הימל־בלויע אויגן און דיקלעכע וואָנצעס, וועלכע ער דרייט תמיד. ער איז אָנגעטאָן אין אַ בלויען פאַרטוך, אין אַ צעראַטן היטל מיט אַ מעשן־בלעכל, אַ צייכן, אַז ער איז אַן אָפּציעלע פּערזאָן. ער האַלט שטענדיק אין דער האַנט אַ לאַנגן בעזים און שטענדיק קריכט אים נאָך אַ קודלאַטער הונט.

ס'איז נאָך געווען פרי. די זון ביי איר פריען אויפגאַנג, האָט נאָר־וואָס באַרירט די שפּיצן פון דער קעגנאיבערדיקער עוואַנגעלישער קירך און האָט קוים אַ גלעט געטאָן דעם נייעם טינק פון דער דירה. ביים טויער זיינען געשטאַנען צוויי פאַרשוינען. זיי האָבן געפרעגט אנטאנין צי די נייע שכנים, וואָס האָבן געזאָלט אָנקומען אַהער פון זאמאָשטש, האָבן זיך אַריינגעקליבן.

— היינט, היינט קומען זיי, — האָט אנטאני געענטפערט, דרייענ־דיק אַ וואָנצע, — ווייזט אויס, פאַרמעגלעכע מענטשן, פון געפּעק איז עס קאָנטיק, — האָט ער אָנגעוויזן אויף עטלעכע פאַרפּאַקטע קאַסטנס, וואָס זייענן געלעגן ביים אַריינגאַנג צו אַ נייער דירה, און זיך געלאָזט צום גע־פּעק. דער קודלאַטער הונט האָט אַרומגעלעקט די צוויי פאַרשוינען און דרייענדיק מיטן ווידל זיך געלאָזט נאָכן סטרוזש. פון די אָפענע פענצ־טער האָבן צעשויבערטע ווייבער און מוידן אַרויסגעשטעלט די קעפּ און באַלד האָט שוין דער גאַנצער הויף געוואוסט, אַז היינט ציט זיך אַהער אַריין די פאַמיליע בורג פון זאמאָשטש.

דער פּוילישער אויפשטאַנד

אַ שפּעט־האַרבסטיקער פאַרנאַכט. אַ בענקלעכקייט האָט זיך שוין אין האַלבן טאָג אויסגעשפּרייט און דער הויף אויף לעשנאָ האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ אונטער דער זאָרג פון שווערן ווינטער.

ביי די בורגס, הינטערן פענצטער פון גרעסערן עס־צימער, איז שוין דער האַרבסטיקער אָוונט געשטאַנען און געשפּילט מיט שפּליטערס ליכט אויף דעם באַלעבאָס׳ העלן פּנים. אַ שטראַל ליכט האָט אויך פאַרכאַפּט דעם קליינעם קאָפּ פון דעם בלייכן, קנאָכיקן, כמעט שפּיציקן מאיר הורוויץ און דאָס שמאָל־לענגלעך פּנים פון בערנאַרד גאָלדמאַן, דער מאַן פון לינאַס אַ פּלימעניצע אין לעמבערג, וואָס זיינען געזעסן ביי אַ טיש מיט גלעזער וויין און געוואַרט אויף נאָך געסט.

היינט איז דער צענטער יאָרצייט זינט דער „פּאווסטאַניע“. עדוואַרדס יוגנט־חברים פון וואַרשע האָבן צוגעזאָגט צו קומען און אינאיינעם פּייערן דעם יאָרצייט און באַלד זיינען אָנגעקומען די געסט און זיך אויסגעזעצט ביים טיש און אויף דער קאַנאַפּע. חוץ גאָלדמאַנען און הורוויצן האָבן זיך דאָ געפונען העינריק שמידענבערג, אַ וואַרשעווער סוחר מיט אַ קאָפּ פלאַקסענע האָר, וואָס האָט געהאַט אַ געדעמפּטע שטים; הילארי נוסבוים, אַ מיט־רעדאַקטאָר פון „איזראַעליטאַ“, אַ יונגערמאַן מיט אַן אונטערגעשוירן בערדל און ברייטע העלע וואָנצעס; יעקב ראַטוואַנד און שלמה אייגער, אַ פּויזנער יונגערמאַן.

הילארי נוסבוים איז געווען אַ מיטרעדאַקטאָר פון דער פּויליש יידישער שריפט „איזראַעליטאַ“ און האָט זיך געקליבן אָנצושרייבן אַ געשיכטע פון יידן אין פּוילן.

אַלע דריי זיינען געווען עדוואַרדס חברים אין דער אַמאָליקער ראַבינער־שול, איידער ער, עדוואַרד, איז אָפּגעפאָרן פון וואַרשע קיין בראמבערג שטודירן.

עדוואַרדס האַלב־צודרענגלעכע שטים האָט זיך ענערגיש געווערט קעגן אַ געדאַנק וואָס זיין שוואָגערס איידעם האָט געהאַט נאָך פריער, איי־

דער די געסט זיינען אַריינגעקומען, אַרויסגעזאָגט אין נאָמען פון זיין שווער, ראַבינער דאָקטאָר בערנאַרד לעווינשטיין פון לעמבערג.

— וואָס וויל ער, דער ראַבינער אין דייטשן פּראַק, אַז יידן זאָלן זיך אויסמענטשלען, לערנען חכמה ביי די עסטרייכער, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם פאַנאַטיזם? אָבער ער האַלט דאָך אַז יידן האָבן אַ „מיסיאָן". די יידן דאַרפן די וועלט אויסבעסערן. זאָגט אַליין, איז עס ניט קיין געלעכטער, פאַנאַטיקער, וואָס זינקען אין אָבערגלויבן, קריגן מיטאַמאָל „מיסיאָנען".

— און אַז די פּאַליאַקן האָבן אַ „מיסיאָן"? — האָט זיך יעקב ראַט־וואַנד, וואָס איז געזעסן אויף אַ שטול לעבן ביכער־שראַנק, אַ וויג געטאָן, — אַז זיי טענהען: דאָס פּוילישע פאָלק איז געקרייציקט פאַר די פעלקערס־זינד און זיי האָבן געהאַט זייערס אַ טאַוויאַנסקי, אַן אויסלייזער.

— טאַוויאַנסקי איז עפּעס אַנדערש, — האָט עדוואַרד אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און פאַרגעזעצט, — טאַוויאַנסקי גלויבט אין אַ נייער „דריי־איינִיקייט": יידן, פּוילן און פראַנצויזן. ווי פאַרגלייכט איר אים מיט דעם לעמבערגער ראַבינער? בערנאַרד, איז אין דער יוגנט אַוועק פון זיין פאָטערס הויז צום משכיל שלמה לייב ראַפּאַפּאָרט אין לעמבערג, געטענהעט אַז ער וויל שטודירן העגעלן, הערדערן, ברענגען ליכט צו זיינע אָפּגעשטאַנענע ברידער און וואָס פאַר אַ רבין האָט ער אויסגעקליבן? שלמה לייב ראַפּאַפּאָרט, אַ מענטש וואָס איז צוואַנציק יאָר געווען דער אויפזעער פון דער כשרער יאַטקע אין לעמבערג און אויף דער עלטער האָט ער זיך אָפּגעריסן פון זיינע חברים, די משכילים, וואָס האָבן געזאָלט אַראָפּברענגען די „טאָכטער פון הימל", און געוואָרן אַ רב אין פּראַג. סיי דער רבי און סיי דער תלמיד, שלמה און בערנאַרד,ביידן טוט זיכער באַנג, וואָס זיי האָבן צו־שפּעט אויסגעפונען, אַז עס לוינט זיך ניט איינרייסן מיט דער הערשאַפט, ווי לאַנג נאָר מען קען לעבן זאָט און רואיק. אָבער זעט איר, קיין נאָר איז ער ניט, מיין שוואָגער. אַט רייסט ער זיך איצט צו אַן אויפנאַמע ביי פראַנץ יוזעפן אין ווין ... קיין שלעכטן קאָפּ האָט ער ניט און אַ צינגל ... — ווי מיינסטו לינאַ? — האָט עדוואַרד אַ קוק געטאָן אויף דער ווייב, וואָס איז אַריינגעקומען פון קיך.

לינאַ האָט דערהערט, אַז מען רעדט וועגן איר ברודער, האָט זי אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען און אויף איר טונקעלן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ מינע פון גלייכגילטיקייט. זי האָט געוואָלט באַווייזן, אַז איר

אינטערעסירט ניט וואָס איר ברודער טוט און טראַכט. זי האָט זיך איבער־געבויגן איבערן לאָמפּ, עטוואָס אַרויפגעדרייט דעם קנויט און איז צוגע־גאַנגען צום בייכיקן טולער סאַמאָוואַר, וואָס האָט שוין געזאָטן, אַרויסגע־לאָזן אַ פּאַרע.

— אָבער לאָזט אָפּ דעם ראַבינער, — האָט געזאָגט יעקב ראַטוואַנד,

— היינט איז דאָך עפּעס דער יאָרטאָג פונעם אויפשטאַנד, ליג איך פאַר, אַז אונדזער פריינט הילארי זאָל אונדז פאָרלייענען אַ קאַפּיטל פון זיין בוך „די געשיכטע פון יידן אין פוילן", טאַקע וועגן דעם אַנטייל פון יידן אין דעם אויפשטאַנד.

— מיר שיינט, מיינע פריינט, — האָט נוסבוים אָפּגעווישט זיינע וואָנצעס, — אַז די ראָלע פון יידן אין אויפשטאַנד האָט דער קאָרעספּאָנ־דענט פון דער לאָנדאָנער „טיימס" אָפּגעשאַצט אין זיין צייט. הערט וואָס דער קאָרעספּאָנדענט, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו די געשעענישן און גע־שיקט יעדן טאָג באַריכטן זיין צייטונג, האָט געשריבן: „כּל זמן מען וועט ניט אויסראָטן די יידן, וועט אַן אויפשטאַנד אין פּוילן זיין אַ וואָר־שיינלעכקייט און וועט זיך איבערחזרן יעדע 20 אָדער 30 יאָר".

— אויב אַזוי, האָבן מיר דאָך נאָך צו וואַרטן אַ צען־צוואַנציק יאָר?

— האָט בערנאַרד גאָלדמאַן אַ שמייכל געטאָן.

— און ביסמאַרק פאַרגינט זיך צו שרייבן, אַז „די פּאָליאַקן זיינען ניט קיין פאָלק, אַביסל שלאַכטע, גלחים און מוזיקאַנטן מיט לאַנגע האָר — דאָס אַלץ", — האָט זיך דערהערט שמידנבערגס צעשפּאָלטן קול. — עס איז באמת נויטיק אים צו באַווייזן, אַז דאָס פּוילישע פאָלק איז אַ פאָלק וואָס מען קען אַזוי לייכט ניט ברעכן.

— אָבער אין איין הינזיכט איז ביסמאַרק גערעכט: די שלאַכטע, די גלחים און די מוזיקאַנטן זיינען דער אומגליק פון פּוילן, — האָט שטיל, אָבער מיט אַ פעסטן און דעצידערנדיקן טאָן זיך אָנגערופן שמידנבערג, וועל־כער האָט שוין געהאַלטן אין דער האַנט אַ גלאָז טיי, וואָס לינאַ האָט אים דערלאַנגט.

— אָבער די שלאַכטע איז נאָך ניט דאָס פּוילישע פאָלק, — האָט זיך דערהערט אַ שטים פון אַ זייט. דאָס קול פון דעם פרעמדלעכן מאיר אייגער, וואָס איז געזעסן ווי אַ מענטש, וואָס איז נישט געוואוינט צו פרייער האַל־טונג. זיינע לענגלעכע און בלייכע הענט האָבן זיך געקלאַמערט אין זיינע דאַרע קניען, דערביי האָט זיך אין זיינע ברוינע אויגן געוויגט עפּעס אַ

שנײדיקער טרוקענער גלאַנץ און אויף זײַן מויל האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ קינדעריש־פאַרשעמט שמייכעלע, וואָס מען זעט ביי מענטשן אין אַ פרעמדן קרייז.

עדוואַרד האָט אַרויסגעהאָלפן אײַגערן:

— אָט נעמט פויזנער געגנט, דאָס לאַנד פון וואַנען אײַגער קומט. ביסמאַרק האָט אָנגעווענדט גוואַלטיקע מיטלען צו גערמאַניזירן פויזן, „אויסצולייזן" פויזנער ערד פון די פּאָליאַקן. פאַרכאַפּט פויזן, האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו די פּוילישע בירגער מיט אַ שטאַרקער האַנט. מען האָט געגרינדעט אַ באַנק מיט אַ קאַפּיטאַל פון אַ מיליאָן מאַרק אויף אויס־צוקויפן ביסלעכווייז פון די פּאָליאַקן די ערד. אָבער אַלע מיטלען העלפן ניט. די וואונדערלעכע עקשנות וואָס די פּאָליאַקן האָבן אַרויסגעוויזן האָט געהאָלפן, אַז די פויזנער ערד זאָל בלייבן פּויליש און ניט געהערן צו די דײַטשן. אַ פאָלק דערקענט מען אַמבעסטן אין זײַן פּיאַיקייט זיך צו ווערן קעגן זײַנע שונאים.

— אָבער די פּוילישע קולטור איז געווען און איז פאַרבליבן שלאַכטיש.

— האָט זיך ווידער געהערט די געדעמפּטע שטים פון שמידבערגן, — אַפילו די פּוילישע מוזיק איז אַ שלאַכטישע.

— וועגן מוזיק רעדט איר? — האָט מאיר הורוויץ געריעדט מיט אַ וואַרשעווער פאָלקסטימלעכן אונטערטאָן, — די מוזיק איז דווקא דאָס וואָס פאַרוואַנדלט אַלע פּוילישע בירגער אין ברידער. נעמט וויספּיאַנסקין, אַז ער דיכטעט וועגן דער קינפטיקער אויפלעבונג פון פּוילן און וועגן דער פאַרברידערונג פון אַלע שיכטן, שטעלט ער זיך עס פאָר אין אַ פאָרם פון אַ חתונה מיט יידישע קלעזמער און אַז מיצקעוויטש האָט געשילדערט אַ אײדעלן יידישן טיפּ, האָט דער ייד געמוזט זײַן ניט אַנדערש ווי אַ צימבאַליסט.

— דער יונגערמאַן ווייסט וואָס ער רעדט, — האָט זיך הילאַרי בוס־בוים אַ הייב געטאָן פון זײַן אָרט און אַרײַנגעשמייכלט אין זײַן אונטער־געשווירן בערדל, — לאָמיר, צום בײַשפּיל, דערמאָנען דעם דיכטער העגריק מערצבאַך, וואָס איז געקרויגט געוואָרן פון דער קריטיק פאַר אַ „פּוילישן היינע". ער האָט אַ ליד „צו דער יידישער מוטער" און וואָס איז עס פאַר אַ ליד? בלויז אַ פאַרײדישעטער נוסח פון מיצקעוויטשעס באַרימט ליד „צו דער פּוילישער מוטער", און אין דעם ליד אַפּעלירט דער דיכטער צו דער יידישער מוטער זי זאָל מיט דער זויגמילך אײַנפלאַנצן אין איר

קינד „ליבע צום פּוילישן לשון און צו דער פּוילישער ערד". „אין דעם פּוילן פון מאָרגן, זאָגט מערצבאך נביאות, אין דעם דאָזיקן ליד, וועט דאָס יידישע קינד נישט ליידן ווי אַמאָליקע יידן, אונטערן יאָך פון חרפּה און שנאה".

עדוואַרד האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זיינע העלע אויגן האָבן געשפּילט מיט אויסערגעוויינלעכן גלאַנץ. אויך לינאַ האָט זיך נייגעריק צוגעהערט צו נוסבוימס רייד, געוויזן אַז דערביישפּיל פון מערצבאכס ליד איז איר שטאַרק געפעלן.

— אַ נייס, — האָט זיך ווידער געהערט שמידנבערגס קול, — מערצ־באך איז דאָך בעתן אויפשטאַנד געווען אין דייטשלאַנד, פּונקט ווי דו, עדוואַרד. איר לייגט דעם טראָפּ אויף דער פּוילישער קולטור, אין דער צייט וואָס ניין־און־ניינציק פּראָצענט פון פּוילישע יידן ווייסן ניט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי פּוילישע קולטור. ביז וואַנען די שליאַכטע וועט הערשן, וועט ניט זיין קיין בשותפותדיקס צווישן יידן און פּאָליאַקן. אונטער זייער הערשאַפט קאָנען מיר אפילו ניט חלומען וועגן באַהעפטן די יידן מיט די פּאָליאַקן.

— יידן מיט פּאָליאַקן האָבן זיך שוין ניט איינמאָל פּאַרברידערט, — האָט נוסבוים שטיפעריש געשמייכלט.

— אַלץ וואָס איז פּאַראַן איז פּאַרנינפטיק, זאָגט דער פילאָסאָף העגל, — האָט זיך אָנגערופן עדוואַרד.

— הייסט עס, אַז די שליאַכטע איז אויך פּאַרנינפטיק און אויך די פּרעמדע הערשאַפט, ווייל זיי זיינען דאָ, — האָט געזאָגט מאיר הורוויץ.

— ניין, הורוויץ. העגעלן דאַרף מען אַנדערש פּאַרשטיין. לעצטע וואָך גיי איך מיר אויף טלאמאצקע און באַגעגן דעם סטודענט יצחק שיידער. ער איז אַ גאַנצער ראַדיקאַל. מיר האָבן זיך צערעדט און ער האָט מיר באַוויזן אַן אַרטיקל פון דעם דייטשן געלערנטן, דעם דאָקטאָר פון עקאָ־נאָמיע, וואָס וואוינט אין לאָנדאָן, קאַרל מאַרקס. ער טייטשט גאַנץ אַנדערש העגעלן. ער זאָגט . . .

עדוואַרד האָט ניט פּאַרענדיקט, ווייל פון דערבייאיקן שלאָף־צימער האָט זיך אַהער דערטראָגן אַ קינדיש געוויין.

— לינאַ, עס וויינט אַנאַ, זי איז צופּיל צעפּיעשטשעט.

— אָבער די קליינע ראָזע וויינט ניט. זי איז אַ פּאָלנער מענטש . . .
לינאַ איז אַריין אין צווייטן צימער און איז באַלד אַרויסגעקומען מיט

ביידע מיידלעך, די בלוי־אויגיקע אַנאַ און די ברוין־אויגיקע ראָזאַ.

די יינגסטע, ראָזאַ, האָט אויפגעהייבן אַ פּאָר גרויסע שפּילנדיקע אויגן און אויסגעשפּרייט די הענטלעך צו די זיצנדיקע, ווי זי וואָלט זיי באַגריסט.

— איז וועגן וואָס האָב איך גערעדט ? — האָט עדוואַרד אויפגעכאַפּט זיין איבערגעריסענעם געדאַנק, — יאָ, וועגן דעם דאָקטאָר קאַרל מאַרקס. ער זאָגט : פּוילן וועט באַפרייט ווערן אינאיינעם מיט דעם גאַנצן רוסישן פאָלק. דער וועג פון פּוילנס באַפרייאונג ליגט אויפן וועג פון דער באַפרייאונג פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער.

דאָ האָט ראָזע אָנגעהויבן זינגען עפּעס אַ לידעלע אָן ווערטער . . .

די אויגן פון די געסט זיינען געפאַלן אויף דער מוטער מיטן טעכטערל. אַ ראָזע פאַרב האָט באַשלאָגן לינאַס פּנים. זי האָט פאַרריכט אירע שוואַרצע האָר און אַ רירנדיקער שמייכל אַרום איר שמאָל מויל האָט געצאַפּלט ווי אַ ליכט־שטראַל.

די געסט האָבן געקוקט אויפן וואַנט־זייגער, זיך געהויבן פון די שטולן. באַלד האָבן זיך די געסט אָפּגעזעגנט מיט די בורגס. לינאַ האָט יעדן גאַס צוגעשטעלט די ווייכע האַנט צו די ליפּן.

מאיר הורוויץ האָט אָנשטאָט לינאַס האַנט אַ קוש געטאָן דער קליינער ראָזאַן אין קאָפּ . . .

אַ קינדער־מעשהלע

די פינף־יאָריקע ראָזע האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען אין הויף. אין דער פרי, נאָך איידער די עלטערע ברידער און די שוועסטער זיינען אַוועק אין שולע, פלעגט שוין די קלענסטע זיין אין הויף. דער הויף האָט זי פאַרכאַפּט און פאַרוואונדערט. אויף וואָס צו קוקן איז דאָ געווען מער ווי זי האָט זיך אין אירע פינף יאָר געקענט פאָרשטעלן און מער ווי זי האָט באַדאַרפט.

עדוואַרד און לינאַ האָבן ניט געוואוסט, אַז דאָס האָט אַנטאָני, דער סטרוזש, אויפגעוועקט ביים קינד אַ באַזונדער אינטערעס צום הויף און די שכנים, און אַז דאָס האָט ער מיטגעווירקט, אַז זי זאָל אויף גאַנצע שעהען פאַרשווינדן אין גרויסן הויף.

לינאַ האָט ראָזען פאַרבאָטן אַראָפּצוגיין אין הויף איידער דער פאָטער שטייט אויף פון שלאָף. פלעגט זי זיך אויפכאַפּן פאַרטאָג, זיך אַוועקשטעלן אין פענצטער און אַראָפּקוקן.

עדוואַרד האָט שוין דערקענט, אַז ראָזע איז אַ פאַרעקשנט קינד. די עקשנות איז איר געלעגן אין אַ דינעם קנייטשעלע צווישן די קלוגע טיפע אויגן. אַט וועגן דעם קנייטשעלע, האָט ער געטראַכט: עס וועט ברעכן אייזן!

אין דער פרי, די קליינע שטייט שוין ביים פענצטער. עדוואַרד שטייט לעבן איר. ביידע קוקן אַראָפּ אין הויף. אַנטאָני, דער הויף־וועכטער, אין זיין שאָפּענעם פעלצל, וואָס ער טראָגט ווינטער און זומער איז נאָרוואָס אַרויסגעקומען פון זיין קעלער־שטיבל. ווי טוי אויף אַ שטרויענעם דאַך ליגט נאָך אויף אים די פאַרטאָגיקע פייכטקייט און קלעפּט זיך צו זיין נאָז, צו די וואָנצעס און צו די וויעס אַרום זיינע פאַרזשמורעטע אויגן.

ביסלעכווייז דערוואַכט דער גאַנצער הויף. די בייגל־בעקעריי הייבט אָן רויכערן. פון אַ קעלער־וואוינונג קומט אַרויס אַ דינסט־מיידל, גיסט אויס אַ פּאָמעשאָף אין אַ מיסטקאַסטן. קראָען פליען אָן, נישטערן אין מיסט, רייסן מיט שאַרפע שנאָבלען, אַז די לופט ווערט פול מיט קראָקען.

פון אַ קעלערדיקן פענצטער קריכט אַרויס אַ קאַץ און שפּרינגט אַריין אין אַ צווייטן פענצטער, וואו עס הערן זיך גוואַלדן פון ווייבער און קינדער . . .

ווי נאָר עדוואַרד און די קינדער צעגייען זיך פון שטוב לויפט די קליינע מיט די טרעפּ אין הויף.

אַ קליין הענדעלע איז אַרויסגעלאָפן פון אַ קעלער־פענצטער. ראָזע לאָזט זיך נאָך אים, וויל אים כאַפּן. זי צעשפּרייט אַלע פינגערלעך, ווי יעדער פינגערל באַזונדער וואָלט געוואָלט כאַפּן דעם האָן. אָט איז ער שוין ביי איר אין די הענט, אָבער די פינגערלעך לויפן צוריק, טוליען זיך צונויף אין אַ פויסטל. דער הענדל לאָזט אַרויס אַ קריי און אַנטאָני כאַפּט אים פאַר אַ פליגל . . .

אנטאני פאַרטיקט זיך אָפּ מיט זיין אַרבעט, גייט צוריק אין זיין שטיבל און די קליינע גייט אים נאָך. לינאַ האָט געעפנט אַ פענצטער און רופט:

— ראָזעלע, ראָזעלע! — אָבער דאָס קינד איז שוין אין אַנטאָניס שטיבל.

ביסלעכוויז ווערט דאָס פינף־יאָריקע מיידעלע היימיש מיט דעם סטרוזשס אָרעם שטיבל. באַזונדערס האָט זי ליב דעם קליינעם קאַנאַריקל, וואָס זיצט דאָרט אין אַ שטייגעלע. עס איז אַ קליינס, אַ שטילינקס, זיצט איינגעניורעט דאָס פיסקל אין בריסטל און וויגט זיך שטיל.

שפּעטער, אַז לינאַן געלינגט שוין אָפּזוכן ראָזען און זי אַריינשלעפּן אין שטוב, צעווייגט זיך ראָזע. זי בענקט נאָכן קאַנאַריקל. לינאַ נעמט זי איין מיט אַ מעשהלע.

מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָט געלעבט אַ קלוגער מענטש און האָט געהייסן דער קיניג שלמה. זיין נאָמען איז געוועזן באַקאַנט איבער ווייטע לענדער. ער האָט פאַרשטאַנען דאָס לשון פון חיות, פון פייגל. —

די קליינע ראָזע קוקט מיט אירע ברוינע ליכטיקע אויגן. זאַפּט איין יעדעס וואָרט.

— . . . שלמה פלעגט אַרויסגיין אין וואַלד. עס זיינען דאָרט געווען אַלערליי פייגעלעך. שוואַרצע מיט געלע פיסקעלעך, גראָע מיט רויטע קעפּעלעך, שוואַרצע מיט טשוביקלעך אין זייערע קעפּעלעך. ער האָט געזען ווי די פויגעלעך זיצן אין נעסטן און ווי זייערע מאַמעס ברענגען זיי עסן און ווי אַזוי די מאַמע לייגט יעדן קינד אַריין אין מויל אַביסל עסן און ער האָט זיך איינגעהערט אין זייער זינגען, אַנדערע האָבן געפּייפט ווי

דער ווינט אין קוימען פון דער בעקעריי אין הויף.

פון וואַלד פלעגט זיך שלמה אומקערן אין זיינע שטאַלן און דאָרט זיינען געשטאַנען פערד, קי און ציגן.

— וויפל פערד האָט ער געהאַט? — וויל ראָזע וויסן.

— אפשר טויזנט.

— און וואָס עסן פערד?

— היי מיט האָבער.

— און אַ קו, אַ ציג?

— אויך דאָס זעלבע.

— און זיי קאָנען רעדן?

— יאָ, מיין קינד. מען דאַרף נאָר פאַרשטיין וואָס זיי רעדן. שלמה האָט פאַרשטאַנען.

דאָס איז שטאַרק געפעלן ראָזען. זי איז געבליבן זיצן אַ פאַר־טראַכטע און געקוקט אין דער וויטקייט. באַלד האָט זי זיך אָנגערופן:

— און וואָס האָבן זיי געזאָגט צו דעם קעניג?

— די קו האָט געזאָגט: איך קיי אַ גאַנצן טאָג היי און שטרוי און דו נעמסט ביי מיר צו מיין מילך. דער פערד האָט געזאָגט: איך גיי גע־בויגן, איך שלעפּ פאַר דיר דעם אַקער, פיר האָלץ און שטיינער און מער ווי האָבער צום עסן קריג איך ניט. און דער הונט האָט געזאָגט: אַ גאַנצע נאַכט ליג איך ביי דער שוועל, צוגעבונדן צו אַ קייט און היט, אַז איך דער־הער טריט הייב איך אָן בילן. און דו וואַרפסט מיר צו אַ ביין.

— און דער קאַנאַריקל? וואָס האָט ער געזאָגט? — פרעגט ראָזע און ענטפערט אַליין:

— איך ווייס.

— אָ, דו ווייסט יאָ? דערצייל דו מיר.

— איך זיץ פאַרשפאַרט אין שטייגעלע. עס איז מיר ענג און אין דרויסן איז אַזוי שיין און פיין . . .

ראָזעס ענטפער האָט דער מאַמען געבראַכט צו טרערן. זי האָט אַרומ־גענומען די טאָכטער, זי לאַנג געקושט.

פון קיך איז שוין ראָזע ווידער אַראָפּגעלאָפן אין הויף. זי דאָרטן אַרומגעשפּילט ביז פאַרנאַכט.

דער הויף האָט געשמעקט מיט קויטיק וועש, מיט צערינענע טראָפּנס שוויס פון בעקער־געזעלן, מיט צעפוילטע ברעטער וואָס האָבן אַרויס־

געסטאַרטשעט פון שלעכט-ברוקירטן פלאַסטער.

הינטערן הויף און פון יענער זייט איבער די דעכער איז געלעגן די שטאָט: ענג-פאַרבויטע גלייכע און געדרייטע גאַסן, געסלעך און ליקן וואָס פּלאָנטערן זיך, הויך-גארנדיקע פענצטער און נאָך העכערע קלויסטער-שפּיצן, וואָס קוקן אַרויף מיט פרומקייט אויף איבערצוצלעמען דעם הימל.

פון דעם לעבן וואָס ברויזט איבער די דעכער פון הויף האָט נאָך די פינף-יאָריקע ראָזע ניט געאָנט און דאָך האָט זי געגלויבט, אַז דאָס אמתע לעבן איז ערגעץ „דאָרט” און ניט דאָ אין הויף . . .

גלייך נאָך ראָזעס זעקס-יאָריקן געבוירנטאָג האָט איר דאָס לעבן אָפּגעטאָן עפּעס, וואָס האָט איר אויף אַ גאַנץ יאָר געמאַכט פאַרגעסן אין הויף, אין אנטאָנען און אין דעם קאַנאַריקל . . .

אין לאַנגע ווינטער־נעכט

די ווינטער־אָוונטן זײַנען דעמאָלט געווען לאַנגע איבערגאַנגען פון טאָג צו נאַכט. דאָס אָנהויב טונקלען, די ערשטע פינצטערקייט אין די ווינקלען, איז איבערגעצויגן געוואָרן מיט דער שיין פון נאַפט־לאָמפּ, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן טיש, אַ שיין, וואָס האָט ניט געקענט פאַרטרייבן דעם אומעט און די פּיין, וואָס האָט אַרויסגעווייעט פון מיידלשן אַלקערל, וועלכער האָט געהאַט בלויז איין קליין שמאָל־פענצטערל. אין אַלקערל האָט שטום געלויערט דער חושך און לינאַ האָט אַהין געקוקט מיט פאַרוויינטע אויגן.

פאַרנאַכט. הינטער די פענצטער פון גרויסן צימער איז צוגעפאַלן דער אָוונט. אינעם טונקעלן הויף האָבן אויפגעפלאַמט פלעמלעך פון לאָמפּן, דער סטרוזש אַנטאָני האָט געטראָגן די קליינע רויכערדיקע לעמפּלעך צו באַלייכטן די טרעפּ און אַ רחמנות צו דער גאַנצער וועלט האָט זיך אויפגעהויבן אין ראָזעס הערצל, אַ רחמנות צו די מענטשן־קינדער, וואָס וואָגלען ערגעץ אַרום אין דער פינצטערניש, ווײַט פון דעם לאָמפּ און ווײַט פון דער מוטערס וואַרעמער אויפזיכט. אַז לינאַ פלעגט אַזוי גיך ניט אָנצינדן דעם לאָמפּ האָט ראָזע מיט אַ ציטער געבעטן:

— מאַמע, ווען וועסטו שוין אָנצינדן?

און דעמאָלט האָט עפּעס פּאַסירט. דאָס קינד איז אײַנגעפאַלן און די מאַמע האָט עס אַוועקגעטראָגן אין אַלקערל.

פון יענעם אויף דער נאַכט האָט שוין אויך לינאַ אָנגעהויבן שרעקן ראָזען. ראָזען, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די מוטער האָט עפּעס געמיינזאַמעס מיט דער פינצטערניש, אַז זי פאַרלייקנט פון איר אַ סוד.

אין יענע ווינטער־טעג ווען די פענצטער זײַנען פאַרבלאָזן מיט אַ בייזער און קאַלטער פרעמדקייט האָט זיך פאַר איר די וועלט אַוועקגעטראָגן ווײַט, ווײַט און דער קאַרגער בליאַסק פון טאָג אין פענצטערל איז באַלד איבערגעגאַנגען אין אַ גרויסער לאַנגער נאַכט, אין וועלכער דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין פון שרעק.

... שפּעטער איז זי שוין געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און איר וואַכער מוח האָט אויפגעכאַפּט יעדן שאָרך, וואָס איז געפאַלן אין שטוב. אין דער העל־גרינער ליכט פון לאָמפּ זיינען געזעסן די עלטערן, די ברידער און די שוועסטער און אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט האָט איר דערציילט פון דער וועלט, וואָס איז אין הויף און פון יענער זייט הויף.

זי איז ניט געשלאָפן לאַנג און איר מוח איז געווען אָנגעשפּיצט. אירע אויערן האָבן ניט דורכגעלאָזן דעם מינדסטן קלאַנג און אַן אומרואיק וואַרטן האָט אַרומגענומען איר האַרץ.

זי איז שטאַרק קראַנק געווען. האָט אָפט געפילט דער מוטערס וואַ־רעמע האַנט אויפן שטערן און די באַרירונג פון קאַלטע פרעמדע הענט פון דאָקטוירים. איין דאָקטאָר, מיט אויגן איינגעראַמט אין גאָלדענע ברילן, האָט געקלאַפּט מיט אַ זילבערנעם העמערל איבער אירע קני און וואו ער האָט זיך צוגערירט האָט אַלץ־מער וויי געטאָן.

ראָזען האָט זיך געדאַכט, אַז די קעשענעס פון די דאָקטוירים זיינען פול מיט זאַכן צו מאַכן ווייטיקן און עס האָט איר שטאַרק געוואונדערט, וואָס די מאַמע האַלט זיי אין איין ברענגען.

אַממיינסטנס געדענקט זי דעם בייזן דאָקטאָר, וואָס איז אַראָפּגע־קומען אַהער פון אַ ווייטער שטאָט, דעם דאָקטאָר מיט אַ קאָפּ גרויע שטע־כיקע האָר און מיט הענט, וואָס האָבן געשמעקט מיט עפּעס אַ זאַלב וואָס האָט געשמאַרצט. ער האָט גערעדט שטיל און האַלב בייז און נאָך זיין אַוועקגיין פלעגט איר באַשלאָגן אַ מידקייט און עס פלעגט זיך איר דאַכטן, אַז אַלע זיינען פון שטוב אַוועק ערגעץ און זי איבערגעלאָזן אַליין מיט די שאָטנס אין אַלקערל.

שפּעטער האָט ליבאַ געעפנט די טיר און דער ליכטיקער רייף פון לאָמפּ האָט אַהער אַריינגעשימערט און ראָזע האָט געקוקט אויף דער מאַמעס אַראָפּגעלאָזענע אויגן און אויף דער גרויער וואַנט לעבן בעטל, וואו זי האָט שוין געקענט יעדן פלעק, אירע גרויסע, טיפע אויגן, אָנגע־שטעלט אויף דער מוטער האָבן געפרעגט: ביז וואַנען? ווי לאַנג נאָך?

טעג, וואָכן, חדשים זיינען פאַראיבער. יעדן טאָג האָט ראָזע גע־קלעפּט אירע אויגן צו דער פאַרמאַכטער טיר און געהערט ווי פון יענער זייט טראָגט זיך אַ שטילער גערודער. און אין איין פאַרנאַכט האָט זי זיך שטיל אַראָפּגעלאָזן פון בעטל און ציטערנדיק פון עפּעס אַ קעלט זיך אַריינ־געגנבעט אין עסצימער.

עדוואַרד האָט איילנדיק זי אַרויפגעכאַפּט אויף די הענט, בשעת לינאַ האָט אַ פּלאַטער געטאָן אין סודותדיקער צעשראָקנקייט און האָט אַ וואונק געטאָן די אַנוועזנדיקע אין שטוב צו שווייגן.

אויף מאָרגן, אַז ראָזע האָט אויפגעריסן די אויגן, איז לעבן איר בעטל אויף אַ בענקל געזעסן דער בייזער דאָקטאָר. ער האָט אויסגעצויגן אַ קורצע האַריקע האַנט און איר באַפוילן:

— גיי אַראָפּ פון בעט!

ראָזעס שפּיגלדיקע אויגן זיינען שטיין געבליבן אויף די עלטערן און ברידער, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום. זי האָט דערפילט אַ קרעפטיקייט אין די פיס און איז אַראָפּ פון בעטל. פאַר זיין אַוועקגיין האָט דער דאָקטאָר אָפּגעזאָגט זיינס קורץ און שאַרף:

— אַ ירושה־דערשיינונג. ביי איינעם אָדער איינער פון אייערע באַבעס און זיידעס איז געווען אַן אָנצינדונג, וואָס איז פאַרבליבן אין די ביינער. עס וועט איר פאַרבלייבן אַ לייכטע אויסלענקונג אין די היפטן. זי וועט אַ גאַנצן לעבן שטעלן קרומלעכע טריט, אפשר אַביסל אונטער הינקען, אָבער עס מאַכט ניט. אויפן שכל וועט זי שוין גאַרניט הינקען . . .

לינאַס ליפּן האָבן זיך לייכט באַוועגט, ווי זיי וואָלטן אין דער שטיל עפּעס געזאָגט. ראָזע האָט צוגעלייגט אירע ליפּן צו דער מאַמעס. דעמאָלט האָט זי דערפילט ווי איר האַנט האָט שטיל אַרומגענומען איר קאָפּ. אירע ליפּן זיינען דאָס מאָל געווען ביטער און אַ טרער האָט אַ ברי געטאָן איר הויט . . .

***

ראָזע האָט ליב געהאַט צו צייכענען און צאַצקענען אויף פּאַפּיר.

פון זינט זי האָט זיך אויסגעהיילט פון דער קראַנקהייט איז ראָזע געזעסן גאַנצע טעג און פלייסיק געצייכנט. עס איז איר איינגעפאַלן אויסצוצייכענען דעם הויף און דעם הויכן אנטאָניק.

עדוואַרד איז געשטאַנען הינטער דער טאָכטערס פּלייצעס און נאָכגעקוקט יעדער באַוועגונג אירע. זי האָט יעדעס מאָל אויפגעהויבן די אויגן ווי אַ געניטער מאָלער, וואָס זוכט עפּעס אַ שטריך וואָס זאָל אים צוניץ קומען אויף צו פאַרענדיקן אַן אָנגעהויבענע צייכענונג.

דעם פאָטערס בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּאַפּיר און עס איז קאָנטיק געווען, אַז ער איז פאַרכאַפּט.

עס איז אָנגעקומען דער דרייצן־יאָריקער ברודער ניקאָלאַס:

— פאַפּאַ, — האָט ער אויסגערופן און אַ וויג געטאָן די פּלייצעס מיט קינדערשער אומרו, — ווייסט וואָס איך האָב געהערט פון די ייִנגלעך אין שולע? — קינדער וועלכע האָבן אַ פעלער זייַנען זייער טאַלאַנטירט. צום ביישפּיל, ביי דעם וואָס די פיס זייַנען שוואַך, זייַנען די הענט שטאַרקער...

— ניין! איך וויל נישט! — האָט ראָזע פּלוצים אויסגעשריגן און דערפילט אַ נייע קרעפטיקייט אין הינקענדיקן פוס . . .

— זייער גוט, טאָכטער, — איז עדוואַרד צוגעפאַלן צו איר, — גיי שטענדיק גלייך און בראַוו, דער וועלט אַנטקעגן!

ספּאַרטאַקוס

די נויט האָט ביסלעכווייז אַריינגענומען אין אירע אָרעמס די אָרעמע באַפעלקערונג פון וואַרשע. אין די שטובן־לעכער פון די וואַרשע־ווער הויפן, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט אַ שטענדיקער טומל, איז איצט אויפגעגאַנגען אַן אומעט. דער הייזער־בוי אין אַ טייל פאַבריקן, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט גאַלאַנטעריי־סחורות פאַר רוסישע און אַזיאַטישע מערק, האָט זיך אָנגעהויבן אָפּשטעלן.

אייגנטלעך איז די פאַבריקאַציע די לעצטע יאָרן אין וואַרשע ניט געווען אויף געזונטע יסודות. פון דער העלער הויט זיינען אויפגעקומען קליינע פאַבריקלעך, נישט דערפאַר ווייל מ׳האָט די סחורה אַזוי נויטיק געדאַרפט, נאָר דערפאַר ווייל קליינע סוחרים, וואָס זיינען אָנגעקומען אַהער פון דער פּראָווינץ, האָבן באַקומען ביליקן קרעדיט אין די באַנקען. ביי דעם קלענסטן מאַנגל אין געלט האָט זיך די אַרבעט אָפּגעשטעלט.

דאָס האָט אויך אָנגערירט די אַנדערע געשעפטן מחוץ גאַלאַנטעריי, ווי לעדער־אויסאַרבעטונגען, און מיטגעשלעפּט מיט זיך די קליינע באַלמע־לאָכעס, וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן היימישן געברויך, ווי שניידערס, שוס־טערס, קאַמאַשן־מאַכער.

פאַר עדוואַרד בורגן איז שווער געווען אָנצוהאַלטן זיין שותפות־געשעפט פון לעדער אויפן פּשעיאַזד. אין חודש פעברואַר 1878 האָט ער באַקומען אויסגעצאַלט עטלעכע הונדערט זלאָטעס, וואָס איז אים אַרויסגעקומען פון געשעפט, און אָנגעהויבן זוכן „גליקן". די פאַמיליע האָט דערווייל געלעבט פון גרייטן געלט.

סוף ווינטער פון יענעם יאָר איז שוין די פאַמיליע געצוואונגען געווען זיך אַרויסצוקלייבן פון לעשנאַ אין אַ ביליקערער דירה אויף ניזקע גאַס.

די לופט אין הויף אויף ניסקע איז געווען אַ שווערע און אַ דורכגעפוילטע, ווי אין אַן אַלטן ברונעם, און עס דאַכט זיך, אַז די שווערע לופט ווערט קיינמאָל ניט אָפּגעפרישט, כאָטש פון טויער טראָגט זיך פון צייט־צו־צייט דורך אַ ווינטל אָנגעזאַפּט מיט וואַסער פון ווייסל.

די וואוינונגען אין הויף זיינען שמוציק, און דאָרט וואו די זון שיינט שוין אַביסל אַריין אין אַ פענצטערל, באַלייכט זי שמוציקע מאַטראַצן, אַרויסגעלייגטע צום טריקענען זיך. אויפן הויף איז אַ שטענדיקע באַוועגונג. דאָ באַווייזן זיך און פאַרשווינדן פאַרשיידענע מאָדנע ברואים, אַלטע און יונגע, ווייבער און קינדער. די טוכלעקייט ציט אַרויף זשאַווער אויף די קינדערשע קולעכלעך און באַדעקט זייערע פּנימלעך מיט אַ בלייכקייט.

צווישן די מאָדנע באַשעפענישן, וואָס קומען אָפּט אין הויף געפינט זיך דער בלינדער קאַזשמיעזש, וואָס שפּילט אויף אַ האַרמאָשקע. יעדן פאַרנאַכט דערטראָגט זיך פון אַ ווינקל אין הויף עפּעס האַרמאָנישע קלאַנגען. דאָס זיצט דער אַלטער שפּילער אַרומגערינגלט מיט אַ כאַפּטע קינדערלעך און שפּילט עפּעס אומעטיקס. צווישן די קינדער געפינט זיך די קליינע ראָזע. זי איז אַלט ניין יאָר, אָבער זעט מער ניט אויס ווי זעקס, אַזוי שטאַרק האָט זיך פאַרהאַלטן איר וואוקס. צוליב איר שוואַכן פוס מוז זיך ראָזע געפינען אין דרויסן, זיך וואַרעמען אין דער זון.

גאַנצע שעהען פאַרברענגט זי אין הויף. די עלטערע ברידער, וואָס גייען שוין אין גימנאַזיע קומען ערשט פאַרנאַכט אַהיים. צו די צוויי מיידלעך קומט אַ פּריוואַט־לערער, וואָס גרייט זיי צו דער שול. ווי נאָר ראָזע פאַרטיקט זיך אָפּ מיטן לערער גייט זי אַראָפּ אויפן הויף. ערשט דאָ באַקענט זי זיך מיט די קינדער פון אַלע שכנים. אויף אַלץ און אַלעמען איז זי נייגעריק. אירע גרויסע אויגן קוקן זיך צו צו יעדער זאַך וואָס ווערט דאָ אָפּגעטאָן און אַלע זאַכן זאַפּן זיך איין אין איר האַרץ און מוח, אָבער מער פון אַלץ ציט איר צו דעם בלינדן קאַזשמיעזשס שפּילן.

די גאַנצע צייט וואָס ער שפּילט, קוקן אירע גרויסע אויגן פאַרוואונדערט און זיינע טענער וואָס די שכנים באַגלייטן מיט דעם איינציקן אויסדרוק „סמוטנע מי באָזשאַ" וועקן אין איר האַרץ עפּעס אַ מיטלייד־געפיל צו אַלע איינוואוינער פון הויף. זי ווערט איינס מיט די פאַרחושכטע שאָטנס, וואָס דרייען זיך אַרום אין הויף און פאַרשווינדן דורכן טויער.

דער סטרוזש סטאַשעק, אַן אַלטער, אַ דיקער מיט ברייטע וואָנצעס, אַן אויסגעדינטער אַרמיי־קאַפּיטאַן נאָך פון די „פּאַווסטאַניע" צייטן. ער האָט ליב צו לייענען די „פּאָליציי באַריכטן", ער האָט אַביסל אַן איינגעהויקערטע פּלייצע, ווען ער גייט, שאַרט ער מיט די פיס, און ווען ער איילט זיך זעט ער אויס ווי אַן אָנגעברוגזטער האָן, וואָס יאָגט זיך נאָך הינער.

ישראל דער שניידער, אַ נידעריקער ייד, מיט אַ גרויסער, גרויער באָרד, אַ ברייטע נאָז, דיקע ברעמען און ברילן, וואָס זעען אויס ווי אַ טייל פונעם שטערן.

פיװל דער שוסטער, וואָס האָלט דריי געזעלן און פינף לערן־יונגען. זיי נייען שטיװל מיט הויכע אָפּצאָסן און לאַנגע כאַלעװעס. ער איז אַ גרויסער אָפּלאָכער, שפּאָט נאָך יענעמס רייד, מאַכט נאָך יעדנס מינע, באַזונדערס האָט ער אַ טאַלאַנט איבערצוקרימען ווערטער און ווען ער רעדט האַלט מען זיך ביי די זייטן.

שלמה דער קוילן־הענדלער, אַ ברייט־ביינעקער ייד, האָט אַ סקלאַד פון שטיין־קוילן אויף דער דזשיקע גאַס, צווישן ניסקע און נייע מילע. ער איז דער רייכסטער פון הויף.

אויף דעם ערשטן שטאָק איבער דער וואוינונג פון בורגן, וואוינט אַ סטודענט פון מעדיצין מיט אַ מוטער און אַ שוועסטער. אַן עלטערע פּאַניענקע. די געזעלן מורמלען, אַז אין איר איז פאַרליבט אַן אָפיציר.

שלמה דער דראָזשקאַזש, וואָס האָט געהאַט צוויי דראָשקעס און צוויי פּאָר פערד, וואוינט אויפן דריטן שטאָק. אַנטקעגן בורגס וואוינונג לעבט די אַלמנה גיטע, וואָס איר טאָכטער נייט העמטשקעס אויף אַ האַנט־מאַשינקע. די דאָזיקע נייטאָרין האָט אַ חברטע אויף דער קראָכמאַלנע גאַס, וואָס הייסט זאשע און יעדן טאָג קומט זי אין הויף.

מיט די בורגס האָבן די איינוואוינער קיין גרויס מגע־ומשא ניט. מען קוקט אויף זיי אַביסל פרעמד, ווי אויף געבילדעטע, איידעלע, וואָס כאָטש זיי זיינען אַליין אָרעם זיינען זיי דאָך „אַנדערש".

אַנהויב ווינטער ווערן אַלץ ווינציקער די מענטשן אין הויף. זיי פאַרשווינדן אין זייערע האַלב־פאַרפרוירענע קעלערס און שטיבלעך און אויך די שוואַכע ראָזע זיצט שוין גאַנצע טעג איבער ביכער און טראַכט וועגן די קומענדיקע גליקלעכע טעג ווען זי וועט פאַרטיק זיין אַריינצוטרעטן אין דער מיידל־שול.

יוזעף, דער עלטערער ברודער, האַלט שוין ביים פאַרענדיקן די שול. דער פאָטער האָט אים געוואָלט שיקן אין אַ האַנדלס־שול, אָבער, צוליב דער אָרעמקייט אין הויז האָט ער זיך פאַרעקשנט, אַז ער מוז קריגן אַ שטעלע, פאַרדינען, און דערווייל געהערט ער צו עפּעס אַ געהיימען סטודענטן־קרייזל וואָס שרייבט פּאַראַדיעס אויפן צאַר און „נאַטשאַלסטוואָ".

אַז יוזעף קומט פון שול לויפט די קליינע ראָזע גלייך צו צו אים, עקזאַ־

מינירט זיינע ביכער און לייענט פאַר אים פאַר פון אירע ביכער. אָפט לייענט אויך יוזעף פאַר איר פאַר פון עפּעס אַ זשורנאַל, און דאָס ניין־יאָריקע מיידעלע מיט די לויטערע אויגן זאַפּט אין זיך אַריין יעדן קלאַנג און וואָרט.

***

דער שפּעט־ווינטערדיקער פאַרנאַכט האָט זיך שנעל געטונקלט און אָנגעפּילט די ווינקלען פון שטוב מיט שאָטנס. אין שטוב איז קאַלט, כאָטש אין אויוון שפּילט און פלאַטערט אַ רויטער פלאַם. לינאַ האָט נאָך אַלץ ניט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. שטייט דער לאָמפּ אַ קאַלטער אויפן טישל מיטן בלויען טישטעכל מיט די ווייסע פרענזן.

עס ווערט פינצטער, און דער אָוונט קוקט שוין אַריין דורך די פאַרנעפּלטע פענצטער ווי אַ בייזער הונט. אויף דער שוואַרצער גלאַנציקער קאַנאַפּע שפּילט זיך איצט דער רויטער בליאַסק פונעם פייער אין אויוון. אין שטוב איז קיינער, חוץ דעם ברודער מיט דער שוועסטער ניטאַ, און יוזעף לייענט עפּעס פאַר פון אַ געשיכטע ביכל. ראָזע קוקט אים גלייך אין מויל אַריין, זעט ווי ער אַליין ווערט פאַרכאַפּט פונעם לייענען:

— . . . דער יונגער שיינער ספּאַרטאַק איז געווען אַ שקלאַף און אַ זון פון אַ שקלאַף. ער איז געוואָרן געקויפט און פאַרקויפט ביז ער איז אָנגעקומען צו אַזאַ האַר, וואָס האָט אים אויסדערוויילט פאַר דער קאַריערע פון אַ גלאַדיאַטאָר.

די גלאַדיאַטאָרן פלעגן אויפטרעטן אין עפנטלעכע אַרענעס, וואו זיי פלעגן זיך ראַנגלען מיט לייבן פאַרן פאַרגעניגן פון די האַרן, ביז איינער פלעגט פאַלן טויט. די גלאַדיאַטאָרן האָבן געקעמפט מיט טיגערן און לעמפּערטן און פלעגן אָפט פאַלן אויף דער אַרענע צעריסן אין שטיקער.

נאָכדעם ווי די אַריסטאָקראַטישע דאַמען און הערן האָבן זיך גוט אָנגעטרונקען, פלעגן אויפטרעטן אויף דער אַרענע צוויי אָדער פיל גלאַדיאַטאָרן און פעכן מיט קינזשאַלן, ביז וואַנען איינער פלעגט דעם צווייטן טויטן. פאַרשכורט פון וויין און בלוט, פלעגן די ברוטאַלע געסט אַפּלאָדירן יעדעס מאָל ווען אַ גלאַדיאַטאָר איז געפאַלן אין אַ טייך בלוט.

ספּאַרטאַק האָט געוואוינט אין דער שיינער שטאָט קאַפּוא, וואו עס האָבן זיך געפונען אַ סך אַרבעטער און שקלאַפן. ער איז באַלד געוואָרן דער פירער פון די אומצופרידענע שקלאַפן און האָט אָנגעהויבן גרייטן זייער אַנטלויפן. געהיימערהייט, אויף אַ געהיימען וועג האָט ער צוזאַמענ־

גענומען 78 גלאַדיאַטאָרן און מיט די ווערטער: „בעסער שטאַרבן אין קאַמף פאַר פרייהייט, איידער איינע די אַנדערע טויטן פאַרן פאַרגעניגן פון די האַרן", האָבן זיי אַמאָל אויפגעבראָכן אַ טיר פון שטאָט־מויער, צע־שלאָגן די וועכטער און אַנטלאָפן. אַרויס אויף דער פריי האָבן זיי זיך פאַר־נומען אויפן וועג צום באַרג וועזוואו, ביי דער שטאָט נעאַפּאָל. אויפן וועג האָבן זיי באַגעגנט אַ פור מיט וואָפן פאַר די סאָלדאַטן און גלאַדיאַ־טאָרן פון קאַפּוא. האָבן זיי עס צוגענומען און דערוויילט ספּאַרטאַקן פאַר זייער פירער.

זיי זיינען אָנגעקומען צום באַרג, אויפגעקלעטערט פינף טויזנט פוס אין דער הויך און דאָרט אויפגעשטעלט זייער לאַגער צווישן די וויינ־גערטנער.

...די האַרן פון קאַפּוא האָבן זיך פאַרבונדן מיט רוים און האָבן געש־שיקט אַן אַרמיי פון דריי טויזנט מאַן צו פאַנגען די אַנטלאָפענע גלאַדיאַ־טאָרן און אָנוואַרפן אַ מורא אויף די צעבונטעוועטע שקלאַפן. ספּאַרטאַק האָט באַלד באַפוילן זיינע העלדן אויסצופלעכטן פון די ווינשטאָקן לאַנגע לייטערס און ווען עס איז געוואָרן פינצטער, האָבן זיך אַלע גלאַדיאַטאָרן אַרונטערגעלאָזן פאַמעלעך דורך דער גלאַטער פעלזן־וואַנט, וואָס איז ניט געווען באַוואַכט.

די רוימישע מחנה איז געווען פאַרזונקען אין שלאָף. דער רוימישער גענעראַל איז געווען זיכער, אַז באַלד וועט ער פאַנגען די שקלאַפן און זיי אַלע אויסהענגען אויף די קרייצן, באַר פלוצלינג האָבן ווילדע קריגס־קולות, ווי געקומען פון צען טויזנט מאַן, דורכגעדרונגען די לופט. די רוימישע סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן פליען פאַר שרעק און איבערגעלאָזן אין די הענט פון ספּאַרטאַקן און זיינע קנעכט דעם גאַנצן וואָפן. אַ שרעק איז געפאַלן אויף די האַרן פון רוים.

***

שאָטנס האָבן געוואָרגן דעם צימער. די קליינע ראָזע איז געזעסן אַ פאַרגאַפטע, פאַרחלומט, און אין איר הערצל האָט עפּעס געשלאָגן, ניט געזען ווי ליבאַ האָט די לעצטע עטלעכע מינוט צוגעגרייט דעם לאָמפּ, האָט געפוצט דאָס גלאָז מיט שטעקעלע, אַז דאָס גלאַטע גלאָז האָט געשריגן. דער פלאַם האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן. ביסלעכווייז האָב זיך אויף די ווענט אָנגעהויבן רודערן קנוילן־שאָטנס. די ליכט האָט זיך צעשפּרייט אין אַ ראָד.

— ווייטער. לייען ווייטער, יוזעף! — האָט ראָזע געבעטן.

— האָ? איז וואו האַלט איך? — האָט ער געזשמורעט מיט די אויגן.

„— אויף די הארן פון רוים“.

. . . און די הארן האָבן גלייך אַרויסגעשיקט אַ נייע אַרמיי. נאָר דערוויל האָבן פון אַלע זייטן געגומען שטראָמען אומצופרידענע שקלאַפן. ספּאַרטאַק האָט זיי אַלעמען באַוואָפנט מיט געווער און זיי פלעגן באַפאַלן רוימישע לעגיאָנען און אָפּהאַלטן איין זיג נאָכן אַנדערן. די מאַכט פון ספּאַרטאַקן און זיינע מחנות שקלאַפן איז געוואַקסן פון טאָג־צו־טאָג. אומעטום וואו זיין האַנט האָט דערגרייכט זיינען די שקלאַפן באַפרייט געוואָרן. ספּאַרטאַק האָט זיך געשטעלט אַלס ציל אַרויסצופירן אַלע פרעמדע שקלאַפן פון איטאַליע און זיי ברענגען צוריק אין זייערע היים־לענדער ווי באַפרייטע מענטשן.

. . . די מחנות שקלאַפן וואָס ספּאַרטאַק האָט געפירט האָבן זיך גערופן פּראָלעטאַריער, און די פּראָלעטאַריער האָבן אַנגעוואָרפן אַ מורא אויף דער גרויסער רוימישער מלוכה. דער מוט און די העלדישקייט פון די שקלאַפן האָט צעשטערט דעם גלויבן פון די גריכיש־רוימישע הארן, אַז קנעכט האָבן ניט קיין נשמות און אַז ווער עס אַרבעט שווער האָט ניט קיין נשמה. ביסלעכווייז איז זיך די אַרמיי פון די פּראָלעטאַריער אַזוי צעוואַקסן, אַז זי איז אַריבערגעשטיגן אין צאָל די רוימישע אַרמיי און ספּאַרטאַק האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן איינצונעמען די שטאָט רוים. נאָר רוימס מאַכט איז, ווייזט אויס, נאָך געווען גענוג שטאַרק און ווען ער איז צוגעקומען ניט ווייט פון דער שטאָט זיינען פון אַלע זייטן אים באַפאַלן רוימישע סאָלדאַטן און מיט זייערע שווערדן אים צעשניטן אויף שטיקער. נאָר אַרום ספּאַרטאַקן איז געלעגן אַ באַרג מיט טויטע רוימער וואָס זיינען געפאַלן פון זיין שווערד, אַזוי אַז צום סוף פון קריג האָט מען ניט געקענט דערקענען זיין קערפּער. — — —

די טיר האָט זיך געעפנט. עדוואַרד איז אַריינגעקומען. יוזעף האָט איבערגעריסן דאָס לייענען.

— גיי שלאָפן, ראָזע, — האָט איר דער פאָטער אַ קוש געטאָן אויפן שטערן.

נאָך קיינמאָל האָט ראָזע אויפן געלעגער ניט געטראַכט אַזוי פיל ווי דאָס מאָל. זי איז געלעגן אויפן בעטל און ניט געקענט איינשלאָפן. זי קוקט אין טונקעלן חלל און זעט ספּאַרטאַקן ביי די מויערן פון רוים,

אַרומגערינגלט פון זיינע העלדישע שקלאַפן. די טאָגע אין וועלכער ער איז געווען איינגעהילט, וואַרפט פון זיך רויטע פלאַקערנדיקע שטראַלן, וואָס פאַרניכטן אַלץ. זי האָט נאָך אַזוי פיל געוואָלט וויסן וועגן סוף פון יענעם שקלאַפן־אויפשטאַנד, אַז פאַרטאָג איז זי שוין געווען ביי יוזעפן אין צימער און אים געוועקט:

— יוזעף, יוזעף!

— וואָס ווילסטו?

— און די שקלאַפן, די פּראָלעטאַריער, וואָס זיינען פאַרבליבן האָבן ווייטער געפירט דעם קריג?

— זיכער יאָ!

— און זיי האָבן געזיגט?

— ניין! אָבער זיי האָבן געקעמפט! דאָס איז וויכטיק.

ראָזע האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

די נייטאָרין

אַ טונקעלע נאַכט. דער הויף אויף ניזקע ווינטערט. דער אַלטער סטרוזש גייט אַרום און לעשט אויס די לאַמטערנס. פון פאַרבליבענעם לאַמטערן ביים קעלער פון שוסטער־וואַרשטאַט, פאַלט אַ קאַרג ליכט אויף די טרעפּ פון עדוואַרד בורגס וואוינונג.

אין הויז שלאָפן אַלע. נאָר עדוואַרד איז וואַך. ער ליגט און טראַכט. די מחשבות רויבן צו זיין שלאָף. שוין דאָס זעקסטע יאָר זינט ער איז אַוועק פון זאַמאָשטש. דער צוועק פון זיין איבערציען זיך קיין וואַרשע איז געווען צו באַזאָרגן די קינדער מיט אַ תכלית, אָבער עס איז אים אַוועק שלעכט.

יוזעף, דער עלטערער זון, פאַרענדיקט באַלד די גימנאַזיע און איז ניט צופרידן. די גאַנצע אָרדענונג, וואָס הערשט דאָרטן איז אים דער־ווידער. לעצטנס ווערט ער אין די אָונטן ערגעץ פאַרפאַלן. ליִנאַן באַ־אומרואיקט זיין אַוועקגיין. עפּעס דאַכט זיך איר, האָט זי אים געזאָגט, אַז נאָך יוזעפן שפּירט מען נאָך. נאָר קען זיין אַז ס'איז ניט מער ווי געדאַכט. כאָטש, אַ מאַמעס האַרץ! ווער ווייסט!

דער ווינט אין הויף וואָיעט שטאַרקער, רייסט אויף אַ לאָדן.

ראָזע איז אַלט צען יאָר. מאָרגן טרעט זי אַריין אין דער צווייטער שולע פאַר מיידלעך אויף דער זלאָטע גאַס. זי איז קלוג און געראָטן. זי באַאומרואיקט אים און ליִנאַן מיט פראַגן. אַנומלטן איז זי אַריינגעלאָפן און געפרעגט פאַרוואָס די פּאָליציי האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע אַרבעטערקעס מוזן אונטערזוכט ווערן.

— וואָס גייט עס דיר אָן? דו ביסט נאָך צו־קליין צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן, — האָט איר ליִנאַ געענטפערט.

— זיי וועלן דאָך באַלד זיין מיינע חברטעס, — האָט זיך דער קליי־נערס פּנים פאַרקרימט און עס האָט זיך באַוויזן אַ קנייטש אויף איר ווייסן, פרישן שטערן.

מען האָט אים איבערגעגעבן, אַז אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע וואָס רופט

זיך „פּראָלעטאַריאַט“ האָט אַרויסגעלאָזן אַ פּראָטעסט קעגן דעם באַפעל פון דער אויבער־פּאָליציי צו באַהאַנדלען די אַרבעטערקעס ווי פּראָסטיטוטקעס, אָבער פובוואַנען האָט זיך די קליינע דערוואוסט וועגן דעם? זאָל עס זיין אַז זיין זון, יוזעף, געהערט אויך צו דער אָרגאַניזאַציע? עפּעס קלעפּט זי זיך צו יוזעפן, ראָזע, מער ווי צו די אַנדערע קינדער. אויף וויפל קינדער זיינען ניט געהיט! האָט זיך געלוינט צו פאַרלאָזן זאַמאָשטש?

עפּעס האָבן זיי ביידע, עדוואַרד און לינאַ, דאָס געפיל, אַז זייער לעבן וועט שוין פון היינט אָן ניט זיין רואיק, געמיטלעך ווי ביז איצט.

דער זייגער קלאַפּט אויס זעקס. עדוואַרד גייט מיט שוואַכע טריט אַראָפּ פון בעט און לאָזט זיך צום פענצטער. זיינע אויגן זיינען רויט פון ניט שלאָפן.

פרימאָרגן. אַ צעריסענער פּלעק ליגט אין גרויען וואַרשעווער הימל. די זון איז דאָ ניטאָ. אַ הייזעריק קול פון בעזעמער אין די הענט פון הויף־וועכטער, וואָס שפּאַלטן די ברוקירטע גאַסן. לאָפּעטעס גלאַנצן, ווי איז וואָלט געוואָרן שטאָל. שניי, ווינט און שניי.

עדוואַרד פירט ביידע טעכטער אין דער שולע. פאָראויס גייט ראָזע. זי הינקט אַביסל אונטער, אָבער באַוועגט זיך שנעל.

ראָזע איז אַ פלייסיקע שילערין. זי איז די אויסגעצייכנטסטע אין קלאַס און האָט דאָרטן פּריווילעגיעס. מען פאַרגעסט כמעט איר יידישן אָפּשטאַם. אָבער דווקא ווייל זי געפעלט אייניקע לערער איז זי גרויס אין די אויגן פון אירע חברטעס. זיי לאָזן איר וויסן, אַז זי רעדט אַ שלעכטן רוסיש און אַז זי איז אַ יידישקע . . . אויסער איר פלייסיקייט אין שולע האָט זי אויך אַ ליידנשאַפטלעכן בייגער צו אַלץ. אירע גרויסע אויגן קוקן מיט טראַציקייט אויף יעדן איינעם. פון ערשטן קוק אָן ציען די אויגן צו צו זיך מיט כוח דעם וואָס קוקט אין זיי אַריין טיפער. טיפער טיילט זיך אויך דער שוואַרצאַפּל און שפּליטערט זיך אויף אַ סך קייקעלעך.

פאַרטאָג איז עדוואַרדן גרינגער דער קאָפּ פון דאגות. ער האָט ליב די פריע שעה, ווען הינטערן פענצטער הייבט נאָר אָן ווערן עטוואָס ווייסלעכער די לופט. יעדעס מאָל, ווי פרי ער זאָל ניט אויפשטיין, איז שוין ראָזע אויף די פיס. זי כאַפּט זיך אויף ווען דער זייגער באַווייזט האַלב זעקס, פאַרהאַלט זיך אַ ווײַלע אויפן געלעגער, דערנאָך דעקט זי זיך האַסטיק אָפּ, שפּרינגט אַראָפּ און וועקט אויף די שוועסטער, וועלכע קערט זיך ערשט איבער אויף דער צווייטער זייט, און זי לויפט אין קיך צום

וואַשן זיך.

עדוואַרד האָט דערוויל אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן אירע העפטן, וואָס ליגן אין אַ הויך בערגל אויפן טיש. ער צעעפנט זיי יעדעס מאָל מיט אַ לייכטן אומרו, — אַזוי עפנט מען בריוו פון פריינט. עס איז אים אָנגענעם נאָכצושפּירן, ווי די בוכשטאַבן און ציפערן ווערן יעדעס מאָל געשניררעוועט מיט אַ מער דערפאַרענער און זיכערער האַנט.

אין די נעכט דיסקוטירט עדוואַרד מיט דעם עלטערן זון יוזעף. ער פּרואווט אים איבערצייגן, אַז די ווידערשפּעניקייט קעגן דער רוסישער קרוין, וואָס די סטודענטן זייען אין די הערצער פון די פּוילישע אַרבעטער, קאָן נאָר דעמאָלט האָבן אַ זינען ווען זי וועט אַפּעלירן צו אַלע שטאַנדן פון פּוילישן פאָלק, רייכע ווי אָרעמע, צום נאַציאָנאַלן געוויסן פון גאַנצן פאָלק.

אין אַלע וויכוחים, וואָס דער פאָטער פירט מיט דעם דערוואַקסענעם זון, איז ראָזע שטענדיק אויף דער זייט פון ברודער. עדוואַרדן דאַכט זיך, אַז ראָזע איז שוין מער ניט קיין קינד. ביסלעכווייז שפּאַנט זי אַריין אין דער עלטער פון יוגנט, אָבער זי איז קאַרגע עלף יאָר אַלט.

אין דער מיידל שולע האָט מען פון גאַנץ פרי אָן געוואוסט, אַז היינט איז אַ גרויסער טאָג אין וואַרשע. דער דייטשער קייסער ווילהעלם וועט זיין אין זאַקסישן גאָרטן.

. . . אַלע קינדער וואָס ווילן אים זען מוזן זיך פאַרזאַמלען אין זאַק־סישן גאָרטן. זיי מוזן זיין אָנגעטאָן ציכטיק, אויסזען ריין און שיין. די קינדער האָט מען האַלב טאָג אַרויסגעלאָזט פון שולע.

אין הויף איז אַ באַרוועס ייִנגעלע געלאָפן און געסאָפּעט.

— איטשעלע, שטיי! — האָט צו אים פּלוצים אַ געשריי געטאָן דער טאַטע זיינער.

— אוי, טאַטע, אַ קייסער וועט דורכפאָרן.

— וואו?

— מען זאָגט, ער וועט פאָרן אין זאַקסישן גאָרטן!

פייוול דער שוסטער האָט אַ וויש געטאָן זיין פעך־שוואַרצע באָרד, גענומען דאָס ייִנגעלע ביי דער האַנט און אַרויס פאַרן טויער, וואו מענטשן זיינען געלאָפן.

דאָס ייִנגעלע האָט זיך אַרויסגעריסן פון פייוולס האַנט און איז אַנט־

לאַפּן. פּיוּול האָט אים געזוכט. עס איז אָנגעקומען דער סטרוזש. די פּאַ־לעס פון זיין רעקל זיינען ביי אים געווען צענומען. ער האָט געהאַלטן פאַר־פרעסט די פויסטן און האָט זיך געבייזערט.

פּיוּול האָט אים עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער דער סטרוזש האָט גע־מורמלט: דער קייסער וועט פאָרן, פאָרן זאָל ער שוין . . . — ער האָט ניט פאַרענדיקט און זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט.

— הער נאַר, ווי ער בייזערט זיך . . . ווי אַ פאָלגער שלאָכטשיץ, — האָט זיך פּיוּול אָנגערופן, און דערזען ראָזען אַריינגיין אין הויף.

ראָזע איז אַרויף אויף די טרעפּ און נאָך באַוויזן צו הערן ווי אַ הויכער שוסטער־געזעל האָט געענטפערט פּיוּולען:

— ווען מען לאָזט מיך גיין מקבל־פּנים זיין ווילהעלעמען, וואָלט איך אים אָפּגעגעבן דעם שיינעם ווילקאָמען, אַז עס וואָלט אים פינצטער געוואָרן . . .

ראָזע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. גענומען די פען אין האַנט און געשריבן:

„ענדלעך וועלן מיר דיך זען, מעכטיקער הערשער פון וועסטן.
דאָס הייסט, וועסט קומען אין זאַקסישן גאָרטן.
איך וועל דאָרט ניט זיין, ווייל עס אינטערעסירן מיך ניט
דיינע באַציאונגען מיט אונדזערן.
אין פּאָליטיק פאַרשטיי איך ניט, בין אַ נאַרישע שאָף.
אָבער איינס וויל איך דיר זאָגן, ליבער ווילהעלם,
זאָג דאָרטן דעם מיניסטער דיינעם, ביסמאַרקן,
אַז ער איז אַ לומפּיקער קערל . . . “

ראָזע האָט פאַרמעקט די אָנגעשריבענע שורות, באַגאָסן מיט פולע פענעס טינט די שורהלעך און ניט באַמערקט, ווי אין פענצטער פון איר צימער קוקט אַריין די נייטאָרין זאָשע, וועלכע קומט אין הויף צו איר חברטע, די הענטשיקמאַכערין.

זאָשע האָט טיפער אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין פענצטער און איינגע־קוקט זיך וואָס ראָזע טוט ביי זיך אין צימער. זי האָט ניט געוואוסט, ווי זאָל זי געבן פון זיך צו וויסן, איבערשרעקן די קליינע שילערין מיט אַ הוסט, מיט אַ געלעכטער און אפשר גאָר אַריינגיין אין צימער, ווייל די טיר איז, דאַכט זיך, אָפן, און קיינער איז ניטאָ. זי איז פאַרטאָן

אין דער אַרבעט. וואָס שרייבט זי דאָרט? אפשר אַ ליבע־בריוועלע?

מיט איר, מיט זאָשען, האָט ראָזע, די גאַנצע צייט, וואָס זי קומט אַהער, נאָך קיין וואָרט ניט גערעדט. כאָטש זי האָט זי עטלעכע מאָל געזען ביי דער אַלמנה און ס'האָט געטראָפן, אַז ביידע זיינען שווייגנדיק אַראָפּגעגאַנגען פון די זעלבע טרעפּ.

זאָשע איז אַן אַרבעטערקע. פון קינדווייז אָן האָט זי געאַרבעט ביי יענעם, זיך אויסגעלערנט נייען, שטיקן און העפטן. שוין אַ צייט, אַז זי אַרבעט פאַר זיך, ווייל איר באַלעבאָסטע איז פאַראַרעמט געוואָרן און אָפּגעלאָזן די קענטשאַפט. זאָשעס אַ שוועסטער האָט אָפּגעקויפט ביי איר באַלעבאָסטע די ניי־מאַשין און אַז זי האָט חתונה געהאַט האָט זי איבערגעלאָזן זאָשען די ניי־מאַשין און די קונדן.

זאָשע איז אַריין אין הויז. זי מוז זיך באַקענען מיט דער שילערין.

— ווי לערנט זיך עפּעס אין דער שולע אויף זלאָטע?

ראָזע פאַרטיפט ביים טיש, האָט אויפגעציטערט און זאָשע האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— וואָס שרייבסטו? לייען מיר איבער. צו וועמען שרייבסטו דאָס ליבע־בריוול?

— דאָס איז ניט קיין בריוו.

— וואָס דען איז דאָס?

— פּאָעזיע, דיכטערישע געדאַנקען.

— וועגן וואָס געדאַנקען?

— מען קען שרייבן וועגן דער נאַטור און וועגן מענטשן און וועגן דיר אפילו אויך.

— לייען איבער.

— עס איז ניט קיין וויכטיקע זאַך.

— ווי אַלט ביסטו?

— זיבעצן יאָר.

— דו לייגסט ניט?

— אַביסל לייג איך: איך בין זעכצן.

— פאַרוואָס זאָגסטו, אַז דו ביסט זיבעצן?

— ווייל איך וויל אַלט זיין זיבעצן.

— און אַז זיבעצן, וואָס וועט זיין?

— וועל איך קאָנען אַריין אין „קרייזל".

— וואוהין?

פון שלאָף־צימער האָט זיך דערהערט לינאַס קול.

— מיט וועמען רעדסטו דאָרטן, ראָזע?

— אָ, מען איז דאָ אין הויז . . . — שאַרט זיך זאָשע צו דער טיר.

— האָבן קיין מורא ניט, — וויל ראָזע זאָגן, נאָר זאָשע איז שוין פון יענער זייט טיר.

ראָזע זעצט זיך ווידער צום טיש. רייסט אַרויס אַ שטיקל פּאַפּיר און שרייבט אויפסניי דאָס ליד וועגן ווילהעלמען, דאָס מאָל שוין אין גראַמען.

דער לעצטער באַנקנאָט

ראָזע איז פון די בעסטע שילערינס אין שולע, אָבער איר קאָפּ איז מער אין דרויסן. זי איז מיד פון הערן די לערער, באַזונדערס איז איר פריקרע דער לערער פון רעליגיע. אַלע זיינע געדאַנקען קרייזלען זיך אַרום גלויבן און ער פאָדערט, אַז די שילערינס זאָלן גלויבן אין זאַכן, וואָס זיי קאָנען ניט זיך אויסמאָלן מיטן שכל, אָדער זיינען קעגן דער נאַטור. ראָזע האַלט אָבער, אַז דאָס וואָס דער שכל קאָן זיך ניט דערגרונטעווען קאָן אויך דאָס האַרץ ניט דערפילן. דערפאַר האָט זי ליב סיי נאַטור־וויסנשאַפט, סיי מוזיק, ווייל זי האַלט, אַז מען דאַרף אויפנעמען קעגנשטאַנדן סיי מיטן האַרץ און סיי מיטן קאָפּ.

ראָזע לייענט אַ סך. אָפט טראַכט זי: אַזוי פיל שטאַרקע און גוטע מענטשן זיינען אין די ביכער פאַרשריבן און אין דער אמת? זיינען טאָקע קיין אמתע מענטשן ניט פאַראַנען? מענטשן מיט יושר און געוויסן? אַזעלכע מענטשן וואָס זאָלן ניט דערלאָזן מען זאָל די אָרעמע איינוואוינער אַרויסלייגן די זאַכן אין דרויסן, ווייל זיי האָבן ניט קיין דירה־געלט.

אין איין טאָג האָט איר זאַשע אונטערגערוקט אַ ביכל צום לייענען, פאַרשוואָרן קיינעם ניט צו ווייזן. דאָס ביכל געהערט צו איר בחור, האָט זאַשע געזאָגט. ראָזע האָט עס איבערגעלייענט און מיטן גאַנצן קערפּער געציטערט פון איבעראַשונג. קיינמאָל, קיינמאָל איז איר אַזוינס ניט איינגעפאַלן. אַלץ האָט באַקומען אַן אַנדער אויסזען. זי האָט זיך אַזש צעשמייכלט פון פרייד. דער שמייכל אַרום איר מויל, מיט די עטוואָס צעעפנטע ליפּן, האָט געלויכטן איבערן גאַנצן פּנים. זי איז געפאַלן זאַשען אויפן האַלדז קושן. דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט זי זיך געוואָרפן אַליין אַריינצונעמען אַ צווייטער.

איבערגעלייענט דאָס בוך און עס אָפּגעטראָגן זאַשען, איז ראָזע שוין געוואָרן אַן אָפטע אַריינגייערין צו דער נייטאָרין.

דער הויף אויף קראַכמאַלנע־גאַס. אַ נעפּלדיקער גרויער אָרום האָט דאָ געשראָקן מיט זיין פוסטקייט. אין פאַרגלייך מיט די רוישיקע גאַסן,

יערוזאַלימסקע, מאַרשאַלקאָווסקע. דאָ, אויף קראָכמאַלנע, איז טונקל. פון די פענצטער זעען די ברענענדיקע לאָמפּן אויס ווי בילמעס.

עס איז געווען אַ שפּעטער פעברואַר־פאַרנאַכט. אַ קליין שנייעלע האָט זיך געראַנגלט מיטן ווינט, עס האָט געוואָלט בלייבן אויפן אָרט, אָבער דער ווינט האָט עס געקערט און געטריבן אין די ריזון. זייער זעלטן האָט זיך דורכגעטראָגן אַ פּייטאָן מיט אַ פאַרבלאַנדזשעטן פּאַסאַזשיר. ראָזע, וואָס גייט צו איר נייער חברטע, טראַכט, אַז דער אויסזען פון פּאַסאַזשיר פּאַסט גאָרניט צו דער פּוסטקייט און אָרעמקייט פון דער גאַס.

מיט שוואַכע טריט דערקלייבט זיך ראָזע צו דער וואוינונג פון דער בייטאָרקע. פון דער קעלט זיינען ביי איר די באַקן צעפלאַמט. די האָר אויפן קאָפּ שטייען געדיכט און פאַרעקשנט.

זאָשע אַרבעט אַ גאַנצן טאָג און וואַרט, אַז אָט־אָט וועט צופאַלן די נאַכט, די טיר וועט זיך עפענען און עס וועט אַריינקומען איר בחור . .

די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז אַריינגעקומען ראָזע. זאָשע האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט און געקוקט מיט דרך־ארץ אויף דער ייִנגערער און געלערנטער חברטע.

— און דער בחור דיינער, נעמט דיך גאָרניט צו די זיצונגען פון זיין קרייזל? — רייסט זיך אַרויס פון ראָזעס מויל אַן אומדערוואַרטעטע פראַגע. די בייטאָרקע בלייבט אַ ווײַלע שטיין צעטומלט. שוין עטלעכע מאָל, אַז איר בחור האָט זיך ביי איר געבעטן, זי זאָל קיינעם ניט זאָגן וואוהין ער האָט זי מיטגענומען. וועלנדיק פאַרשטומען אַ סוד ענטפערט זי אַביסל פאַרלוירן:

— וואָס ווייס איך פון קרייזלעך? מיינסט ער דערציילט מיר אַלע סודות.

ראָזעס שטערן קנייטשט זיך פאַרעקשנט:

— אַ סוד. פאַר מיר זיינען ניטאָ קיין סודות. מיין ברודער יוזעף געהער אויך צום קרייזל. מען קומט זיך צונויף אויף דזשעלנאַ. קום, קום מיט מיר, מיר ביידע קומען אַהין אומגעריכט! — זי האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ שטאַרקייט, אַז זאָשע איז געפּלעפט געוואָרן פון דער שטראַליקער שטרענגקייט וואָס איז געלעגן אויף ראָזעס פּנים.

. . . ביידע מיידלעך זיינען אַראָפּ פון די טרעפּ און זיך געלאָזט אויף דער דזשעלנאַ־גאַס.

ס'איז שוין געווען אויף דער נאַכט. די לאַמטערנס, וואָס זיינען געווען

קליין און טונקל, זיינען געלעגן מיט זייערע פאַרביסענע שאָטנס אויף די אַלטע מויערן און אָנגעטריבן אַ ווייסטע מרה־שחורה. צווישן די מויערן איז געלעגן אַ פינצטערניש, טוסטו אַ טראָט, גליטשסטו זיך אויס און פאַלסט אין אַ גראָבן און זי, ראָזע, ליידט פון אַ קראַנקן פוס. עס איז פינצטער, זעלטן ווען עס ווינקט אַ פרעטשמעליעט פּייערל פון אַן אויסגעקרימטן פענצטער אויף אַ דריטן גאָרן.

אָט גייט אַן אַלטער מאַן, באַגלייטנדיק זיינע וואַקלענדיקע טריט מיט אַ שטעקן, וואָס קריצט איבערן אָנגעפּראָרענעם שניי.

די פאַרפרוירענע האַלבע לבנה איז מיד און גלייכגילטיק אונטער די וואָלקנס. זי פרוואווט זיך פון צייט־צו־צייט אַרויסרייסן מיט אַ פאַרלאָשענעם בליק איבער דער געגנט, נאָר אומזיסט, אַ ווינט פאַרדעקט זי מיט אַ טרויעריקן פייפן און מיט קריכנדיקע וואָלקנס.

שטיל און אומעטיק זיינען די ווינטער־נעכט אין דעם הויף אויף ניסקע. שטיל און אומעטיק זיינען די פאַרנאַכטן אין הויז. אין די טונקעלע שעהען פאַרטיקט זיך לינאַ אָפּ מיט דער אַרבעט און זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע מיט דער דייטשער ביבל און מורמלט עפּעס מיט די ליפּן. ראָזען דאַכט זיך, אַז דער מאַמעס ווערטער שפּרינגען אַרום ווי פאַרבלאָנדזשעטע טרוקענע פליגן.

ווי נאָר ראָזע איז אַהיים געקומען פון שולע האָט זי זיך אָוועקגעזעצט איבער אַ בוך, זיך פאַרטיפט אין לייענען און האָט ניט באַמערקט ווי עס איז צוגעפאַלן דער שפּעט־ווינטערדיקער פאַרנאַכט און באַקלעפּט די שויבן מיט קעלט. אירע ברוינע אויגן האָבן זיך געקלעפּט צום בוך און זי האָט געלייענט. עס איז געווען אַ ניי בוך פון דעם רוסישן שרייבער דאסטאַיעווסקי „אָרעמע און באַליידיקטע". זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים זאַץ: „אַן אָרעמער מענטש איז ערגער פון אַ שמאַטעקעלע און קען פון קיינעם קיין שום דרך־ארץ ניט קריגן. וואָס זיי זאָלן דאָרטן זאָגן אָדער שרייבן יענע שמירער וועט אַלץ אין דעם אָרעמען מענטשן בלייבן ווי געווען. בלייבט אַ פראַגע: „פאַרוואָס וועט אַלץ בלייבן ווי געווען?"

ראָזע האָט פאַרשטייפּט די אויגן און זיך פאַרטראַכט. דער צימער איז איצט שוין געווען איינגעטונקען אין דער טונקעלער שיין. פון אײן צעשמאַלצן ליכט האָט געטריפט דער חלב.

דעם לאָמפּ האָט נאָך לינאַ ניט אָנגעצונדן, אויף די ווענט האָבן זיך

געוויגט די שאָטנס פון דער מאַמען מיט דער טאָכטער.

לינאַ האָט געפרעגט:

— פאַרענדיקט שוין?

— נאָך ניט, — האָט ראָזע אויסגעדרייט דאָס פּנים צו איר.

— האָסט אַ צינד־העלץ? נעם צינד אָן דעם לאָמפּ.

— מען דאַרף ניט. דאָס ליכט איז גענוג.

— צינד אָן דאָס אַנדערע ליכט, אַ שאָד די אויגן!

ראָזע האָט זיך אויפגעהויבן, אַ כאַפּ געטאָן אַ פּאַפּירל וואָס איז געלעגן אויפן טיש און עס אָנגעצונדן אינעם צעשמאָלצענעם ליכט.

— ראָזע! אום גאָטעס ווילן! וואָס האָסטו געטאָן? — האָט לינאַ אַרויסגעלאָזן אַ פאַרצווייפלטן געשריי, — דער באַנקנאָט! דער לעצטער באַנקנאָט וואָס דער פאָטער האָט איבערגעלאָזן אויפן טיש פאַרן „זשאַנצע" פאַר דירה־געלט, האָסט אים פאַרברענט.

ראָזע האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן. ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. זי האָט בלויז געזען ווי די מוטער האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, באַהאַלטן די אויגן, דערנאָך איז איר פּנים מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין די הענט.

לינאַ האָט גענומען די ביבל און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער. ניט געוואָלט, אַז די טאָכטער זאָל באַמערקן איר צער און פאַרדרוס.

ראָזע איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און געקוקט אין דער נאַכט. איין ליכט האָט זיך פאַרלאָשן. דאָס אַנדערע ליכט איז אויסגעגאַנגען. אַביסל חלב האָט זיך צעגאָסן איבערן לייכטער און אַראָפּגערונען. דער קנויט איז אומגעפאַלן, צוריק זיך אויפגעהויבן, זיך איבערגעבויגן אויף דעם צעגאָסענעם חלב און איינגעזונקען אין דער פינצטערניש. דורכן פענצטער האָט די לבנה, ווי אַ זילבערנער רובל געגלאַנצט אין דער טיפער אויסגעשליפענער הייך.

מיצקעוויטש

ביי די בורגס אין אָרעמלעך־באַלויכטענעם עסצימער האָט אין אַלע אָוונטן געצויגן מיט גרויער וואָך פון דער אָפּגעקראָכענער סאָפע. אַביסל יום־טוב האָט זיך געהאַלטן בלויז אַרום גרינלעכן טישטוך, וואָס לינאַ האָט אויסגעשפּרייט צוליב די געסט.

לעצטנס זיינען אַלץ־זעלטענער געוואָרן די באַזוכן פון געסט אין הויז. אַמאָל, אויף לעשנאַ, פלעגט מען אין די שבת־אָוונטן דיסקוטירן וועגן דער שליאכטע, וועגן דער פויערים־פּראַגע און וועגן אויסלענדישע צייטונגען. לעצטנס האָבן אָבער די געסט אַלץ ווייניקער אָנגעהויבן אַריינקומען און עדוואַרד פלעגט שוין פאַרברענגען אַליין מיט זיינע ביכער און פעריאָדישע־אויסגאַבן.

הייַנטיקן שבת פאַלט אויס דער זיבעצנטער יאָרטאָג פון דער „פּאָור־סטאַניע״ און אין הויז זיינען פאַרזאַמלט עטלעכע געסט.

קוים זיינען די געסט אַריינגעקומען אין שטוב האָבן זיי דערפילט דעם יום־טוב. דאָס גלעזערנע שענקל פונוואַנען עס האָבן אַרויסגעקוקט ביכער־רוקנס, די סאָפע, די עטלעכע געבעטע און ניט־געבעטע שטולן און די רעפּראָדוקציעס פון בילדער אויף די ווענט, אַלץ האָט אויסגעזען ווי וואָכעדיק, נאָר פון דעם געבונדענעם קאָמפּלעט „טריבונאַ־לודא״ און מיצקעוויטשעס ווערק, וואָס זיינען געלעגן אויפן טיש, האָט געוויעט אַן אומדערוואַרטעטע יום־טובדיקייט.

אויסער מאיר הורוויץ און ה. נוסבוים האָט זיך דאָ געפונען אַ יונגער מאַן בארקין, אַ שוואַרץ־בערדיקער מיט אַ בלייכן פּנים און מיט אַ שמייכל פון פאַרלעגנהייט אויף זיינע ליפּן. ער איז געקומען פון ערגעץ ווייט אין רוסלאַנד צו קרובים אין וואַרשע און האָט זיך דערנערט פון געבן לעקציעס אין פאַרמעגלעכע יידישע הייזער. ער האָט זיך באַגעגנט מיט יוזעפן און זיי זיינען גלייך געוואָרן חברים. להיפּוך צו יוזעפן, וואָס האָט זיך געהיצט, האָט בארקין כמעט שטענדיק געשוויגן.

די שבת־אָוונטן האָט עדוואַרד די לעצטע צייט באַשטימט פאַר דע־

קלאַמאַציעס און פאַרלעזונגען פון פּאָעזיע, וואָס עדוואַרד, און אַמאָל יוזעף אָדער דער קלענערער ברודער מיקאָלאַס, פלעגן פאַרלעזן פאַר דער מוטער און די קינדער פון דער פאַמיליע.

ווי נאָר די געסט זיינען פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן און האָבן אָנגעהויבן בלעטערן די טאָג־צייטונג „קורירער וואַרשאַווסקי״ און די זשורנאַלן „ביוואַ״ און „איזראַעליטא״, איז עדוואַרד אויפגעשטאַנען און זיך גענומען צו זיין ביכער־שענקל. ער האָט געהאַט גרויס חשק פאַרצולעזן פאַרבאָטענע ביכלעך ווי די דראַמע „קאָרדיאַן״ און „לילי ווענאַדאַ״ פון סלאָוואַצקין, וואָס באַווייזן די פוילישע טראַגעדיע און וועקן די פוילישע „טאַט״ אין געהיימניס. ער האָט זיך אָבער אַביסל געפילט אומבאַקוועם פאַר דעם פרעמדן יונגערמאַן, וואָס איז געזעסן ביים טיש און פאַרשטייט ניט קיין פויליש. אָבער צום סוף איז זיין חשק פאַרצולייענען אַזוי געשטיגן, צוערשט שטיל, דערנאָך וואָס אַמאָל שטאַרקער, מיט אַ שטימע וועלכע האָט וויברירט מיט ציטערדיקע טענער.

„פוילן — מען שפייזט דיך מיט שפּילערייען,
אַ גילדענע פּאַווע ביסטו געווען —
און אַצינד ביסטו אַ דינסט ביי פרעמדע,
דער רויב־פויגל עסט אויף דיין מוח״.

אָבער דאָ האָט אים דער גאַסט איבערגעריסן:

— דערלויבט, וואָס איז דאָ צו רעדן וועגן פּאַטערלאַנד. די זעלבע „פּאַווסטאַנצעס״, ווי נאָר זיי ווערן רייך, פאַרראַטן זיי דאָך די אייגענע ברידער.

— און איך וואָלט געוואָלט וויסן אויב דאָס פּאַטערלאַנד וועט מיר געבן אַ שענערע דירה ווען איך וועל באַדאַרפן, — האָט יוזעף אַ ברום געטאָן אונטערן טיש.

— דו באַדאַרפסט עס שוין! — האָט די שוועסטער אַנאַ צוגעוואָרפן.

— אַ, דו, יוזעף, — האָט עדוואַרד געזאָגט, — זינט האָסט פאַרלאָזן די גימנאַזיע און געוואָרן אַן אַרבעטער, ווילסטו אַנדערש ניט, ווי זיך פאַרמעסטן אויף דער קרוין, אַראָפּוואַרפן דעם צאַר . . .

— אַ קנעכט, אַז ער אַנערקענט זיין צושטאַנד איז שוין אַ האַלבער שקלאַף.

— אָבער וויפל אַזעלכע באַוואוסטזיניקע קנעכט פאַרמאָגט עס פוילן?

— ספּאַרטאַקוס האָט אָנגעהייבן דעם קאַמף מיט צוויי הונדערט שקלאַפֿן און נאָכדעם איז זיין אַרמיי געוואַקסן און געוואַקסן, — האָט זיך דער־הערט פֿון ווינקל ראָזעס שאַרף־דינע שטים.

— בראַוואָ, ראָזע! — האָט יוזעף אויסגערופֿן.

— ראָזע, אפֿשר וואָלסטו אונדז עפּעס פֿאַרגעלייענט פֿון דיינע „שריפֿטן" ? — האָט מאיר הורוויץ, וואָס איז ביז איצט געזעסן אין אַ ווינקל, פֿאַרטיפֿט אין אַ צייטונג, — געזאָגט.

ראָזע איז אַוועק צו זיך אין צימער, געבראַכט פֿון דאָרט אַ העפֿט און אָנגעהויבן לייענען אַ מעשהלע וואָס זי האָט אַליין פֿאַרפֿאַסט.

. . . ערגעץ אין אַן אַלטן אָרעמען דאָרף האָט זיך געפֿונען אַ יידיש שטיבעלע צוגעדעקט מיט שטרוי. אין יענעם שטיבל האָט געוואוינט אַ ייד וואָס האָט געהאַלטן אַ שענק. טאָג און נאַכט האָבן די דאָרפֿסלייט פֿאַרבראַכט אין דער שענק.

די אָרעמע פּויערים זיינען געקומען צום שענקער מיט זייער לעצטן גראָשן. זיי זיינען געווען הונגעריקע קנעכט. דער פּריץ האָט אויסגעזויגן זייער לעצט ביסל קראַפֿט, פֿלעגן זיי דאָ זיצן און פֿאַרטרינקען זייער צאָרן און שילטן זייער גורל.

דעם שענקערס וויב פֿלעגט מעסטן די קווערטלעך בראָנפֿן פֿאַר די פּויערים און די פּויערים האָבן צו איר געשריגן:

— נאָך אַ קווערטל, נאָך אַ קווערטל! ס'האָט דער פּאַן היינט מיט דער שווערד אויף מיר געפּאַטשט, זיך געוואָרפֿן אויף מיר ווי אַ הונט . . . גיב נאָך איין טרונק . . .

. . . און אַז דער האַס האָט זיך געמערט אין דאָרף, האָט די שענקערע געזאָגט צום מאַן:

— בעסער וואָלסטו אויפֿגעגעבן דעם שענק, געאַרבעט אויף דער ערד מיט זיי צוגלייך. — אָבער דער קייסער האָט פֿאַרבאָטן דעם יידן צו באַ־אַרבעטן די ערד און געניסן פֿון איר פּרוכט.

דער ייד האָט ניט געהאַט קיין אַנדער זאַך פֿון וואָס צו פֿאַרדינען זיין ברויט.

. . . און אַוועק זיינען יאָרן אין שענק. דער האַס קעגן פּריץ, קעגן גלח איז געוואַקסן און אויך קעגן שענקער און זיין שענק . . .

. . . אין איין נאַכט, ווען וויטיק האָט געברענט אין די פּויערשע אויגן, האָט זיך אַ פֿייער אַ הויב געטאָן פֿון קוימען. עס האָט זיך אָנגע־

כאַפּט דער דאַך. די פלאַמען האָבן זיך געשפּאָלטן אויף הונדערטער צונ־געז, זיך געהויבן העכער פונעם קלויסטער און דער קלויסטער האָט גע־קלונגען. דאָס טרוקענע שטיבל האָט געפלאַקערט אין דער דאָרפישער פינצטערניש און דער ייד איז אַרויסגעלאָפן מיט אַ גוואַלד:

— ראַטעוועט! ראַטעוועט!

די גלעקער האָבן אויפגעוועקט די שלאָפנדיקע אין די כאַטעס. זיי האָבן געכאַפּט עמער, זיך איבערגעצלעמט, און געלאָפן צום ברונעם מיט שרעק אין די אויגן.

דער פּריץ איז אַרויס פון שטוב באַגלייט פון זיינע זיבן זין, פּאַנעס. ער האָט אַ שמייכל געטאָן אין זיינע וואָנצעס און געזאָגט צו זיינע באַ־גלייטער:

— ווער האָט דערלויבט די פּויערים נעמען עמער, העלפן דעם זשיד? „פּשאַ־קרעוו"! אַלע זאָלן גלייך אַרויסגעטריבן ווערן פון דער שטוב! איך האָב ליב צו זען ווי דאָס פאַרמעגן פון אַ זשיד גייט אַוועק אין פלאַמען.

די סוויטע האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט נאַהייקעס און מיט בייטשן אויף די פּויערים:

— אַהיים! — האָבן זיי באַפוילן. — ווער עס רירט אָן אַן עמער קריגט הונדערט שמיץ!

איצט האָט שוין דער שענקער אַליין געמוזט לויפן מיטן עמערל צום ברונעם און דער פּאַן איז געשטאַנען און געלאַכט. דאָס שטיבל האָט גע־פלאַקערט, פונקען האָבן זיך געטראָגן און דער שענקער, אַ בלאַסער און אַ מידער האָט געשלעפּט דאָס וואַסער.

און מיטאַמאָל האָט דער פּאַן אויסגעשריען:

— עפּעס הער איך, עמיצער טראָגט זיך אַהער. אַ הילך פון פער־דישע טריט דערגרייכט מיינע אויערן. ווער קאָן עס ביינאַכט זיך איילן אַהער?

און באַלד איז צוגעפאָרן אַ וואָגן און עס איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ מאַן מיט אַ קאָפּ געדיכטע האָר און אַ קליין בערדל. זיינע צוויי אויגן האָבן געגליט ווי קוילן.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט דער מאַן געפרעגט און דערזען ווי די פונקען פליען, — וועמענס כאַטע ברענט עס?

מיט שיכורע אויגן האָט דער פּאַן אויסגעשריען:

— אַ זשידאָווסקע כאַטע פלאַקערט, פּאַניע, מען דאַרף ניט לעשן,

זאָל זי ברענען, — און האָט זיך צעלאַכט.

. . . און דער גאַסט האָט זיך אַרויסגעריסן פון קרייז־מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען און אין שיין פון די פלאַמען באַטראַכט זיין פּנים; ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַן עמער אין די הענט, אַ שליידער געטאָן אין ברונעם, אַרויפגעצויגן און אַ גאָס געטאָן אויף די ברענענדיקע ווענט. אַלע האָבן געקוקט אויפן גאַסט און געשטוינט און דער ייִד, אַ בלייכער, אַ נאַסער, האָט אויפגעהויבן די הענט צום הימל:

— ווער איז דאָס מיין רעטער — אַ מלאך צי אַ מענטש?

דעם גאַסטס קול האָט געדונערט:

— נעמט די עמער, פּויערים! אַלע זיינען מיר אדמס קינדער, העלפט!

. . . דער עולם איז אַרויס מיט די עמער באַגריסן דעם גרויסן גאַסט. שטראָמען וואַסער האָבן געפּלייצט פון מענטשלעכע הענט. דער פּריץ מיט זיין סוויטע איז ניט געוואָרן. די פלאַמען האָבן זיך געלאָשן, די פונקען צעפלויגן, און דאָס שטיבל איז געראַטעוועט געוואָרן . . .

. . . דעם פּאַנס נאָמען, אויך דער נאָמען פון שענקער איז שוין פאַר־געסן. נאָר דאָס דאָרף האָט נאָך אַ סך יאָרן גערעדט וועגן דעם גרויסן רעטער, דעם מענטשן, וואָס האָט אַ הייב געטאָן דעם אמת אין אַ פינצ־טערער נאַכט, און געטראָגן ליבע אויף דער ערד און זיין נאָמען איז געווען אדם — אַ מענטש. — — —

הורוויץ האָט אַרומגעכאַפּט ראָזען. לינאַ האָט אָפּגעווישט אַ טרער אין איר גרין קלייד. עדוואַרד האָט אָנגעלענט זיין קאָפּ אויף די הענט, פאַרמאַכט די אויגן און אַוועקגעשוואומען ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט.

דער אַטענטאַט אויפֿן קיסר

ראָזע לערנט אין דער צווייטער גימנאַזיע פאַר מיידלעך אויף זלאָטע גאַס. אין קלאַסצימער הענגען פּאָרטרעטן פון ניקאָלאַי דעם ערשטן און אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. אַלעקסאַנדערס שטאַרע אויגן קוקן נאָך די אויסגעקעמטע שפּיצן פון זיינע קורצע באַקן־בערד.

פון זיין בילד וויעט מיט שטרענגקייט וואָס וואָרנט: פאַר יעדער ניט געהאָרכזאַמקייט, וועלן קומען טורמעס, קאַטאָרגע, תליות, . . .

דער לערער פון געשיכטע זאַווילאָוו, אַ הויכער פאַרשוין מיט טונקעלע בליקן און אַ גלאַט ראַזירט פּנים, איינער פון די וואָס האָבן אַמאָל געהאָלפן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד פון 1863, האָט זיך אָוועקגעשטעלט איינמיטן קלאַס און געזאָגט: „די בעסטע קינדער אין געשיכטע זיינען ביי מיר מאַריע לעוויצקי און העלענע דאמבראָווסקאַ. אָט זיי האָבן אָנגעשריבן אַ פיינע זאַך וועגן פּוילנס דאַנקבאַרקייט צו דעם „גרויסן אימפּעראַטאָר". ער האָט מיט זיינע טונקעלע אויגן אַ קוק געטאָן אויף דער באַנק, וואו ראָזע איז געזעסן און צוגעגעבן:

— אָט, לערנט זיך פון זיי פּאַטריאָטיזם!

זאַווילאָוו איז געווען אַ בייזער און אַ שטעכיקער. יידן און פּאָליאַקן האָט ער ניט ליב געהאַט. אויף ראָזען האָט ער געטראָגן אַ האַרץ, ווייל זי האָט אָנגעשריבן אַן עסיי וועגן מיצקעוויטשן, אין וועלכער זי האָט באַוויזן, ווי דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער האָט געהאַסט די פרעמדע מאַכט, וואָס האָט געדריקט דאָס פּוילישע פאָלק. זאַווילאָוו האָט אויסגעשטראָכן אַלע שורות אין ראָזעס העפט, וואָס זיינען אים ניט געפעלן, און פון יענעם טאָג אָן שוין געהיט יעדן מינדסטן אויסדרוק פון דער געראָטענער שילערין.

ראָזע האָט גוט געקענט די רוסישע גראַמאַטיק. אויף די גראַמאַטישע רעגעלן האָט זי געקענט פון שלאָף ענטפערן. נאָר די פּוילישע אויסשפּראַך האָט זיך געהערט אין רוסיש. פון איר פּוילישן אַקצענט האָט עס זאַווילאָוו אָפּגעלאַכט.

אַ גרוי־ווינטערדיקער טאָג. דער קלאַס איז פול. זאווילאוו שפּאַנט איבערן קלאַס, ער בלייבט שטיין לעבן ראָזעס ריי:

— בורג, איר וועט ציטירן פּושקינס פּאָעמע.

ראָזע האָט זיך אויפגעשטעלט און ציטירט אויף אויסנווייניק עטלעכע זאַצן. ווען זי פאַרענדיקט זייַנען זאווילאַווס אויגן פול מיט חוזק:

— ביי אייך אין זאַמאָשטש רעדט מען אַזאַ רוסיש . . .

זיין האַרטע שטים האָט ווייטיקדיק אַ שמאַרץ געטאָן איבערן באַוואוסטזיין פון דער קליינער שילערין.

אין דער צייט האָט זיך דערהערט אַ קלונג. דער לערער האָט ווי זיין שטייגער, אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און זיך געלאָזט גיין.

ביים אַרויסגאַנג האָט אים ראָזע אָפּגעשטעלט:

— גרעגארי פּעטראוויטש, — האָט די עלף־יאָריקע שילערין שטאָלץ אַ גלאַנץ געטאָן אויף אים מיט אירע קלוגע אויגן, — איר האַנדלט ניט אין פּאַטריאָטישן גייסט ווען איר באַליידיקט אַ שטאָט. פּאַרגעדענקט עס!

זאווילאַווס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט רויטקייט, ער האָט אָפּגעמאָסטן מיט כּעס דער קורצזוואוקסיקער מיידל און איז אַוועק.

נאָך חדשים פון שניי און פראָסט האָט זיך דער וואַרשעווער פרילינג פאַרשפּעטיקט. נאַסע און קאַלטע ווינטן האָבן אַרומגעוויקלט די שטאָט. די קעלט און נעץ האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער, געוויייטיקט ראָזעס קראַנקן פוס.

אין הויז איז קאַלט, שטיל און אומעטיק. יוזעף קומט שפּעט אַהיים פון דער אַרבעט, מיקאַלאַס און אַנאַ זייַנען ביי די חברים. בלויז ראָזע קוקט דורך אַ שויב, זעט ווי דער שניי צעגייט. מאָרגן וועט זיין אַ מילדער וועטער, אַנהייב פרילינג.

און מאָרגן ביי האַלבן טאָג קערט זי זיך אום פון שולע. לינאַ באַגעגנט זי מיט אויסגעשטרעקטע הענט און אַ דערשראָקן פּנים:

— וואָס האָט פּאַסירט, קינד? פילסט זיך ניט גוט?

— ניין, גאַרניט. מען האָט היינט איבערגעריסן דאָס לערנען צוועלף אַזייגער. די טעראָריסטן האָבן געוואָרפן אַ דינאַמיט־באָמבע און דערהרגעט דעם צאַר. מיר וועלן דריי טעג ניט האָבן קיין גימנאַזיע. עס טוט זיך אין שטאָט. אויף ראַג נאַוואָליפּיע כאַפּט מען די צייטונגען, מיר דאַכט, אַז דער פאָטער געפינט זיך אויך דאָרט. — זי האָט אַרויסגעזאָגט די

ווערטער אין איין אָטעם און מיט אַ שמייכל אויפן פּנים, ווי די גאַנצע מעשה וואָלט איר גוואַלדיק הנאה געטאָן.

שפּעט אין אָוונט: מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערט זיך ראָזע צו צו יוזעפס רייד וועגן דער „גאַראַדנאַיאַ וואָליאַ" און איר פאַנטאַסטישן גע־לונגענעם אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. זיינע רייד וועגן העראָאישן געראַנגל צווישן אַ הייפעלע העלדן און דער אומגעהויערער מאַכט פון צאַריזם, קלינגען אַלץ פאַרכאַפּנדיקער, געהיימניספולער.

ראָזע דערוויסט זיך אַלץ מער וועגן דער מאָדנער און וואונדערלעכער פּאַרטיי און וועגן אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, וואָס האָט געלאָזט פּייניקן און פאַרפּייניקן, פאַרמויערן אויפן גאַנצן לעבן, הענגען און שיסן פיל רעוואָלוציאָנערן.

יעדן אָוונט, אַ גאַנצע וואָך, האָט זיך ראָזע צוגעהערט צו די חברטעס פון קלאַס, צו זאָשען און צו די עלטערע ברידער, וואָס האָבן דערציילט און איבערדערציילט אַלע פאַרכאַפּנדיקע איינצלהייטן וועגן אַטענטאַט אויפן קיסר, וועגן אַ קעז־קראָם, פונוואַנען מען האָט דורכגעפירט די באָמבע צו דער גאַס וואו דער קיסר האָט געזאָלט דורכפאָרן.

איר נשמה וויברירט און איר האַרץ איז פול מיט מיטגעפיל צו די געהויבענע נקמה־נעמער פון צאַר, דעם טיראַן.

פון אַלע העלדישע נעמען, וואָס האָבן דורכגעפירט דעם אַטענטאַט, קריצן זיך ביי איר באַזונדערס איין אין זכרון די דאָזיקע נעמען: וויעראַ פיגנער, סאָפיע פעראָווסקאַ און העסיע העלפמאַן, די „שוואַנגערע יונג־פרוי", וואָס „דערפאַר וועט מען זי ניט הענגען, נאָר מען וועט זי פאַרפּיי־ניקן אויף אַ שרעקלעכן אופן אין טורמע".

פרילינג. די נאַטור ענדערט זיך. דער הימל איז ערטערווייז נאָך פאַרצויגן מיט אַ בלייענער נעץ און ערטערווייז בלוי־קלאָר.

אינעם זאַקסישן גאָרטן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אַנטפּלעקן פון אונ־טער דער ווינטערדיקער געפרוירנקייט, שטיקער פייכטע פרילינגדיקע ערד. וואָרצלען פון נאַקעטעביימער זויגן שוין די פייכטקייט און גיסן אָן קראַפט אין זייערע נאַקעטע צווייגן.

פריי פון לערנען איז ראָזע היינט — אין כאַגע־טאָג — אויפגעשטאַ־נען, שפּעטער ווי אַלעמאָל. איר פּנים נאָר־וואָס געוואַשן, אירע האָר נאָך ניט אַריבערגעפלאָכטן אויפן קאָפּ. זי איז אַ ווילדע געשטאַנען ביים

פענצטער און אירע יונגע אַקסלען האָבן זיך געהייבן. זי האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז היינט טרעפט זי זיך מיט אַ גרופּע עלטערע סטודענטקעס, וואָס האָבן איר צוגעזאָגט זי צו נעמען אין „קרייזל" און זי איז אַזש אויפ־געשפּרונגען פאַר פרייד, אונטערגעטאַנצט מיט רעכטן און לינקן, גע־זונטן פוס.

דעם גאַנצן טאָג האָט זי זיך אַרומגעדרייט אין די אלייען. גערעדט מיט די חברטעס וועגן לערער, וועגן די עקזאַמענס, אָבער וועגן קרייזל האָט קיינער ניט דערמאָנט.

ערשט פאַרנאַכט אין דער היים האָט יוזעף באַמערקט, אַז ראָזע איז אומעטיק.

— פאַרוואָס האָבן זיי מיט מיר ניט גערעדט, — האָט ראָזע פּלוצים איינגעבויגן דעם קאָפּ, באַהאַלטן די אויגן.

— ביסט נאָך צו יונג, זאָל כאָטש אַוועק נאָך אַ זומער.

— אָבער איך ווייס אַלץ, וואָס מען רעדט דאָרט, — האָט זי צעשפּרייט די הענט מיט אַ טענה — און איך פיל אַז איך געהער אַהין. איך וועל דאָרט צוניץ קומען.

יוזעף איז איבערראַשט געוואָרן. ער האָט ניט געוואוסט די ערשטע מינוט וואָס צו ענטפערן. ער האָט געפינטלט מיט די אויגן און געטרייסלט ניט ווילנדיק מיטן קאָפּ. ער האָט געקוקט אויף דער וואַנט און גערעדט:

— דער קרייזל אין דיין שולע הייסט „מאַרקסאווקע". מען שטודירט דאָרט מאַרקס שריפטן. מען בילדעט זיך אויף עקאָנאָמיע און דיך איב־טערעסירט גאָר מוזיק, שאָפּען. מוזט מער שטודירן געשיכטע, עקאָנאָמיע.

ראָזעס פּנים איז רויט, ס'ברענען ביי איר אַזש די אויערן:

— איז פאַרוואָס זאָלסטו מיר טאַקע ניט געבן די שריפטן? פרעגט זי.

יוזעף האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט געשוויגן. ראָזע איז אַריינגעלאָפן אין איר צימער. געבליבן אַליין האָט דער ברודער אַ טראַכט געטאָן: ניט קיין געראָטן און געבילדעט קינד איז ראָזע, נאָר טאַקע אַ רייפער מענטש.

צוויי חברים

שמעון מאיר מענדעלסאָנס געשעפטן האָבן אַ שם אין דער וועלט. מיט פופצן־צוואַנציק יאָר איז נאָך שמעון מאיר געווען אַן אָרעם חסידיש בחורל, אין גלאַנציקע שטיוועלעך, אין אַ סורדוט מיט אַ שפּאַלט פון הינטן. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ וואַרשעווער דענקע־היטל און אויף זיין טייג־גרינעם פנים איז נית געווען קיין האָר. נאָר פלינק איז שמעון מאיר געווען און אַ דריי־קאָפּ, — אַז וואַרשעווער סוחרים האָבן שוין דעמאָלט גערעדט, — לאָזט אים, וועט ער אייך אָפּקויפן אַלע פּריצישע וועלדער פון פּלאָצק ביז דאַנציק. היינט איז ער שוין דער באַנקיר מענדעלסאָן, וואָס וואוינט אויף אַליי יערוזאַלימסקע, האָט אַן אייגענע קאַטש מיט אַן אייגענעם שפּאַן. זיין צוויי־שטאָקיקן מויער האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק אויסגעבויט דער פּוילישער אַדוואָקאַט יאַלעווסקי. פּאַר די פּאַראַד־טירן פון דער פאַרנטיקער וועראַנדע האָט יאַלעווסקי איבערגעלאָזט געגנוג פּלאַץ פּאַר אַ וואַרטנדיקער קאַטש. יעדן פרימאָרגן דערהערן זיך איבערן ברוק די רעדער פון קאַטש און דער דזין־דזין פון גלעקל, דאָס פאָרט שמעון מאיר צו זיין באַנק, וואו ער האָט ליגן וועקסלען אויף מיליאָניקע פּריצישע מאַיאַנטקעס.

דער אויפגעקומענער גביר, האָט דריי טעכטער, אויף וועמען וואַרשעווער סוחרים זאָגן, אַז זיי קאָנען פאַרשטעקן אין גאַרטל אַלע וואַרשעווער שוואַרצאויגיקע און צאַרטהויטיקע, בלייכע בת־מלכות. זיין בן־יחיד שאול, סטאַניסלאַוו, לערנט זיך אין אוניווערסיטעט און העלפט אַרויס דעם טאַטן אין באַנק, אין די געשעפטן, דער עיקר ביים איינמאָנען דאָס דירה־געלט. וואָרום חוץ דער באַנק האָט שמעון מאיר מענדעלסאָן אויך צוויי מויערן אויף סמאטשע גאַס און דריי קראָמען אויף דזשלנע. אין די שטיבער וואוינען שכנים, וואָס צאָלן דירה־געלט און אין די קראָמען זיצן קרעמער וואָס טראָגן אים קראָם־געלט.

די שכנים צאָלן דירה־געלט. עס רעדט זיך אַזוי ! זיי דאַרפן צאָלן, ווייל דער זון זיינער, סטאַניסלאַוו, איז אַ שלעכטער מאָנער. יעדן חודש,

אַז ער, שמעון מאיר, קוקט איבער דעם לאָקאַטאָרן־בוך פעלט עפּעס צו דער קאַנטע. עפּעס איז ער הינטערשטעליק זיין גראַטענער זון, דער סטודענט.

עס איז געווען אַ ליכטיקע שעה אין שמעון מאיר מענדעלסאָנס שטוב. שעווע מענדעלסאָן איז געזעסן אין טיפן פאָטער־שטול ביים פענצטער מיט די טיולענע גאַרדינען און געשטריקט אַ וואָלענעם זאָק. די פאַרנאַכטיקע זומער־זון האָט געצונדן די שטאָלענע שפּיזלעך אין אירע פינגער, האָט אָנגעגאָסן פאַרב אויף דער טונקעלער בלייכקייט פון אירע באַקן און באַ־גאָסן מיט מעטאַל־גלאַנץ אירע שוואַרצע האָר. אַ מנהג אַזאַ ביי איר פון זינט זי, אַ וואָרקער חסידס טאָכטער, האָט חתונה געהאַט מיט שמעון מאירן, קיינמאָל ניט אַרויסלאָזן די שפּיזלעך פון אירע פינגער.

ביים גרויסן עס־טיש איז געזעסן שמעון מאיר מיט זיין חבר דעם אַקציזניק יואל טייטלבוים און געשפּילט אין אַ טויזנט.

דער אָפּגעשפּיגלטער שקיעה־פייער אין סאַמאַוואַר־ניקל אויף דער ווינקל־עטאַזשערקע און אין וואַנט־שפּיגל הינטערן אויבנאָן שטאַרבט ביס־לעכווייז אָפּ. שמעון מאיר און יואל שפּילן שוין דעם פערטן טויזנט. אַלע דריי מאָל האָט יואל געוואונען, און דריי מאָל אַראָפּגענומען די צען־רובלדיקע פון טיש. שמעון מאיר היצט זיך שוין, זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן לויפן אום רעכטס און לינקס. ער שטעלט זיך אויף און גיט אַ זאָג:

— שעווע, וואָס זיצן מיר אין דער פינצטער?

אַ דינסט צינדט אָן דעם בליך־לאָמפּ איבערן טיש.

סטאַניסלאַוו איז אַריינגעקומען. שמעון מאיר איז געבליבן שטיין מיט די הענט אין די קעשענעס פון זיין ראָז און ווייס געשטרייפטן בייקענעם כאַלאַט. פון איין אייבערקעשענע פון דער וועסט אונטערן כאַלאַט ציט זיך ביי אים אַ גאָלדן קייטעלע. שמעון מאיר קוקט אויפן זון מיט שמייכלדיקע בליקן און זאָגט:

— זון מיינער, איך האָב שוין פאַרשפּילט מער וויפל דו האָסט איינגעמאָנט דירה־געלט.

סטאַניסלאַוו שמייכלט אויך, נאָר ער זאָגט דערוויל גאָרניט.

— פּאַפּאַ, זאָגט ער, נאָך עטלעכע מינוט שווייגן, — איך בין געקומען דיר זאָגן, אַז איך פאָר ערגעץ אַוועק אויף דריי טעג.

— וואוהין, זון מיינער?

— דאָס איז אַ סוד.

שמעון מאירס אויגן צעלויפן זיך איינס אַהער און דאָס אַנדערע אַהין:

— סודות גאָר, און גראָד איצט . . . ווען מ׳דאַרף איינמאָל פאַר אַלע־מאָל מאַכן אַ לאַד מיט די שכנים.

סטאַניסלאַוו לאָזט זיך גיין און שעווע ווערט ניט זאַט אָנצוקוקן זיין שיינקייט און זיין וואוקס. זי ווייסט, אַז מער ווי דעם טאַטנס געשעפטן גייען אים אָן די פּוילישע אָרעמע סטודענטן און סטודענטקעס, מיט וועלכע ער דרייט זיך אַרום גאַנצע טעג. נאָר וואָס זאָל מען מיט אים טאָן? זי, שעווע, לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פון איר זון. זי וויל וואָרענען. אַ מאַ־מעס האַרץ! נאָר אָט האָט זי באַמערקט אין זיינע אויגן דעם בליק, וואָס זי קען אים פון קליינוויז אָן. סטאַניסלאַוו האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום קאָרידאָר, האַסטיק, אָבער באַרעכנט. ער האָט אָנגעטאָן דעם מאַנטל, דעם הוט און פאַרן געזעגענען זיך אַ ברום געטאָן:

— עס פעלט דיר ניט קיין וועקסלען אין באַנק, פּאַפּאַ! קאָנסט זיך באַגיין אָן די אָרעמע פאַר רובל פון די הייזער אויף סמאַטשע, — און איז אַרויס פון שטוב.

*
**

אויף דער קליינער האַלב־טונקעלער סמאַטשע־גאַס זיינען שוין די נעבעכדיקע קרעמלעך געווען געשלאָסן. די גאַס איז קוים באַלויכטן געווען מיט איינצלנע לאָמטערנס. אין די טונקעלע הויפן, הינטער די פענצטער פון די הייזער האָבן וואָר־ניט־וואו געברענט שיטערע קנאַפּע פייערלעך פון די קעראָסין־לעמפלעך. פון אָן אָפענעם קעלער־פענצטער האָט זיך געטראָגן דער וואָרעמער גערוך פון געקאָכטע גרעט.

שמעון דיקשטיין, מאַטעס דעם פאַרבערס זון, איז געגאַנגען צו זיינע אָרעמע עלטערן.

פאַר דער הויז־טיר זיינען געשטאַנען אַ פּאָר ווייבער. ער האָט נאָר קורץ אַרויסגעמורמלט אַ „גוטן אָוונט״, און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין טונקעלן פירהויז. ער האָט געעפנט די טיר.

— גוטן אָוונט, טאַטע.

מאַטעס דער פאַרבער, אַ ייד פון אַ יאָר פינף־און־פערציק, מיט אַ לאַנ־גער באָרד, וואָס צווישן די האָר זעט זיך אַרויס אַ קאָלנער פון אַ קויטיק העמד און די טונקל־גראָע פאַרב פון זיינע מאָגערע באַקן מאַכן אים על־טער, — האָט דערזען דעם זון און אַ זאָג געטאָן:

— נו, אַ גאַסט! האָסט אפשר געבראַכט אַ פּאָר רובל, געלערנטער

זון מיינער? אַז דער טאַטע האָט ניט קיין אַרבעט אין דער פֿאַרבאַרניע, וואו זאָל ער נעמען צו צאָלן דירה־געלט? ביסט דאָך עפּעס אַ פּאַני־בראַט מיט שמעון מאירס זונדל. אפשר וואָלסטו ביי אים געפּועלט?

— צאָל ניט, צאָל ניט, טאַטע! ער וועט ביי דיר ניט מאָנען, — ענטפֿערט שמעון און דרייט זיך אויס צו דער טיר.

מאטעס האָט אַ פֿיר געטאָן מיט די פֿינגער אין דער באָרד:

— נו, אַז דו זאָגסט, מסתמא ווייסטו. וואָס־זשע איילסטו זיך? ביסטו דאָך נאָר־וואָס אַריינגעקומען.

— עטקע, עטקע, גיב אים אַ גלאָז טיי. זע נאָר, ווי ער קוקט אויס דער סטודענט דיינער! — האָט שמעון געהאַלטן אין איין קעמען די באָרד.

עטקע, מאטעס ווייב, נאָך ניט קיין אַלטע יידענע, מיט אַ צעגראָבן פּנים און בלויע אויגן, פֿון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט אַ צער, וואָס מען קען אים מיט קיין ווערטער ניט איבערגעבן, — האָט זיך געפּאָרעט ביים איוועלע און עס האָט זיך דערהערט איר קול.

— צו מיינע שונאימס קעפּ! וואוהין איילסטו זיך, שמעון? און זע נאָר ווי ער האָט זיך צעדערשנט וועגן דירה־געלט. וואָס איז ער שולדיק, אַז שמעון מאיר מענדעלסאָן שיקט זיין זון דעם סטודענטל, יעדן חודש אין די הויפּן?

מאטעס האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים טישל און אַרויסגעזיפּצט:

— טו נאָר אַ קוק, ווי אַלע זיינען היינט בייז.

אין דער קיך לעבן דער פּליטע איז געווען אַזוי פֿיל פּלאַץ, אַז מען האָט זאַלבעצווייט געקאָנט זיצן ביים טיש. שמעון האָט אַרויפֿגעלייגט די עלנבויגנס אויפֿן טיש און האָט זיך צוגעקוקט, ווי די מאַמע פּאַרקעט זיך מיט די טעפּ.

— נו, שמעון, ווילסט עפּעס עסן, אָדער ביסט שלעפֿעריק?

שמעון האָט אויפֿגעהויבן דעם פּנים און אַ פֿאַרשלאָפֿענער אַ גלעט געטאָן זיך איבערן קאָפּ. ערשט איצט האָט עטקע באַמערקט, ווי בלאַס און מיד ער זעט אויס. זינט ער איז אַריין אין אוניווערסיטעט, זעט מען אים אינגאַנצן ניט אָן. עפּעס האָבן זיי, עטקע און מאטעס, געהערט אַז ער, שמעון, געהערט צו אַן אָרגאַניזאַציע פֿון סטודענטן, וואָס זאָרגט פֿאַר די אַרבעטער און דאָס נעמט ביי אים אַוועק יעדע פֿרייע מינוט. ער האָט ניט קיין צייט זיך אויסצושלאָפֿן. און וואָס וועט סוף־כל־סוף פֿון דעם זיין? געצנוג וואָס ער האָט זיך אַרויסגענומען די אויגן ביים שטודירן די ביכער,

דאַרף ער נאָך פּטרן דאָס ביסל געזונט אין אָרגאַניזאַציעס ?

— בחור, גיי שלאָפן, גלייך אין בעט . . . פּאָלג אַ טאַטן ! — האָט מאַטעס פאַרענדיקט זיין באַפעל מיט אַ גענעץ.

פּאַמעלעך האָט זיך שמעון אויפגעהויבן און איז אַריין אין צווייטן צימער, דעם איינציקן חדר וואָס איז נאָך געווען אין דער אָרעמער דירה, אויסער דער קיך.

שמעון האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט. דאָס בעטגעוואַנט איז געווען פייכט און פאַרדומפן, ווי די גאַנצע וואוינונג, וואָס אויף אירע ווענט זיינען געווען גרויסע נאַסע פלעקן.

דער הויף איז געשלאָפן. ערגעץ־וואו האָט זיך מיט אַ געדויש אַראָפּגעקייקלט אַ פענצטער־זאַשליוזיע, אַ דערשראָקענע קאַץ איז איבערגעלאָפן איבערן ברוק און איז פאַרשוואונדן אין אַ צעבראָכענער קעלער־פענצטער. דערנאָך איז ווידער שטיל געוואָרן.

שמעון איז געלעגן און געטראַכט וועגן זיין עלטערן חבר סטאַניסלאַוון, וואָס וויל פאַרלאָזן דעם רייכן טאַטנס הויז און אַוועק אין דער שווייץ.

שמעון האָט שוין לאַנג זיך געוואָלט דערשלאָגן ביי די מיטגלידער פון זיין קרייז, אַז יעדערער פון זיי זאָל זיך פאַרבינדן מיט די אַרבעטער פון די פאַבריקן.

סטאַניסלאַוו האָט געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע פון זייער קרייז באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס מען דאַרף זיך זעלבסטבילדן ; דעריבער איז נייטיק אַרויסצוגעבן וואָס מער ביכער, צייטשריפטן, אָבער פאַרדרייען זיך איצט דעם קאָפּ מיט די אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער, — איז אַן אוממעגלעכע זאַך ! ס'איז דערוויילע אַ טרוים.

— כאָטש ביסט דערפאַרענער פון מיר, סטאַניסלאַוו, — האָט שמעון געטענהט, — דאַך פיל איך, אַז פאַרנעמען זיך בלויז מיט זעלבסטבילדונג צווישן דער אינטעליגענץ, הייסט פאַרציען אונדזער אַרבעט אויף יאָרן ; מען דאַרף האָבן די וואָס אַרבעטן. דאָס פאָלק, וואָס אַרבעט אויף די זאַוואָדן. צו זיי דאַרפן מיר גיין. צו אַזעלכע ווי מיין טאַטע, מאַטעס דער פאַרבער.

הפּנים די דאָזיקע ווערטער האָבן געווירקט אויף סטאַניסלאַוון, ווייל ער האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דעם הויף אויף סאַמטשע. ער געדענקט ווי סטאַניסלאַוו האָט מיט גרויס חידוש געקוקט אויף אים און געפרעגט :

— מאטעס דער פאַרבער, וואָס וואוינט אויף סמאטשע, אין דריטן הויף, איז דיין טאַטע?

— יאָ, וואָס איז דען? — איז ביי שמעונען געוואָרן אַ טרויעריק פּנים.

— גאָרניט. איך קען אים . . .

אָט אין יענער פראַגע האָט זיך שמעון דערמאָנט איצט אויף זיין געלעגער און ניט געקענט איינשלאָפן. מאטעס רייד וועגן דירה־געלט האָבן פאַרגיפטעט די אַפּריל־נאַכט אין דריטן הויף אויף סמאָטשע־גאַס.

צוויי פיגורן זיינען איבערגעבויגן איבער אַ געוויינלעכן שוסטער־וואר־שטאט, אויפן וואַרשטאט איז געשטאַנען אַ ליכטל. ס׳האָט פון דעם געקאָפּעט דער חלב. אַלעמאָל האָט איינער פון די צוויי אויסגעשטרעקט אַ האַנט און געלאָזט אַפּטריפן דעם חלב, וואָס קלייבט זיך צונויף ביים קנויט און שטיקט דאָס פייער. ווען די האַנט רירט זיך צו צום ריטשקעלע, וואו דער חלב, ווערט ליכטיק אינעם נידעריק שוסטער־צימערל.

איינער פון די צוויי זאָגט:

— סטאַניסלאַוו, איך נעם זיך אַרויס די אויגן.

— נעם נאָך ניט, סימאָן, מיר דאַרפן נאָך האָבן דיינע אויגן.

שוין אַ פּאָר חדשים, אַז סטאַניסלאַוו האָט געדונגען אַ שוסטעריי ביי אַן אָרעמען שוסטער אויף דזשעלנאַ און עס געמאַכט פאַר דער קוואַרטיר פון דער אָרגאַניזאַציע און אַהער קומען די אָנפירער פון אָרגאַניזאַציע לודוויק וואַרינסקי און קאַזשמיעזש דלוסקי.

סימאָן האָט זיך צוגעבונדן צו סטאַניסלאַוון, אָבער אים איז דאָך נעענ־טער געווען לודוויק וואַרינסקי מיט זיין פּראַקטישן שכל, איידער סטאַניסלאַוו דער טעאָרעטיקער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין רעדן וועגן ביכער און פּראָגראַמען.

איצט פאַרברענגען זיי גאַנצענע טעג און נעכט אין דער שוסטעריי. הייסן הייסט עס, אַז זיי לערנען זיך אַ מלאכה. שמעון ערגערט זיך שטאַרק, ווען ער זעט אַז די ליכט גייט אויס.

— איך׳ל היינט ניט ענדיקן די פּראָקלאַמאַציע.

סטאַניסלאַוו לאָזט ניט אַרויס דעם ציגאַרל פון מויל. ער זעט דעם חברס שוואַרצע וואַנצעלעך, אויף וועלכע עס איז פאַרגליווערט געבליבן אַ שטיקל חלב, צשמייכלט ער זיך.

— איך וויל אַוועקפאָרן אין דער שווייץ, דאָרטן העלפן גרינדן אַן

אָרגאַן פאַר אונדזער זאַך.

— און מיך ציט צו קאָנספּעראַטיווער אַרבעט. איך האָב ליב צו רעדן צו דער אָרעמקייט. אַ פאַרגעניגן! ווי זיי פאַרשטייען דיך.

— דו הערסט, סימאָן, ערשט אויף דער פריי, אין דער שווייץ, וועלן מיר אויפהייבן אַ וועלט פאַר אונדזער אידייע.

די ליכט קנאַקן ווי מען קנאַקט ניסלעך.

די בונטאַרישע יוגנט

אין זיין זומער־וואוינונג הינטער וואַרשע האָט איינזאַם גערוט דער נייער רעדאַקטאָר פון דער העברייאישער צייטונג „הצפירה“ און דער מיטאַרבעטער פון „איזראעליטא“, נחום סאָקאָלאָוו.

ער פלעגט גאַנץ פרי אַרויסגיין און קוקן צו דער שטאָט. איידער ער זעצט זיך צום שרייב־טיש האָט ער ליב צו קוקן אויף דער שטאָט מיט אירע מויערן און טויערן, וואָס טראָגן אויף זיך דאָס אויפגייענדיקע זונען־גאָלד, פריילעך און איינדערפריענדיק פריש.

פון זיין רעדאַקציע האָט ער מיטגענומען דאָס ביסל ביכער, דעם לעצטן נומער פון אַ רוסישן ליטעראַרישן זשורנאַל, שולמאַנס „דברי הימים“ און זיין אייגענע העברייאישע איבערזעצונג פון שילערס „רויבער“.

אין דער זומער־וואוינונג זיינען אין פלאַמיקן יונגן מוח, אויפגעקומען צענער אינטערעסאַנטע ליטעראַרישע פלענער, אונטערנעמונגען און קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

טרעפט אַז קיינער קומט ניט צום רעדאַקטאָר צוגאַסט, זיצט ער איינזאַם ביים שרייבטישל, צווישן דיביימער, און טראַכט וועגן זיינע קינדער־יאָרן, וועגן פאַרגאַנגענע טעג . . . .

ווישעגראַד איז אַ קליין פויליש שטעטל, וואָס ליגט אויף אַ הויכן באַרג און ציט זיך צום ווייסל, וואָס שפרייזט דורך כמעט גאַנץ פוילן און פאַלט אַריין ביי דאַנציק אין באַלטישן ים; באַרג אַראָפ געפינט זיך די קליינע סטאַנציע פאַר די סטאַטקעס,* וועלכע גייען פון וואַרשע קיין פלאָצק און צוריק.

אויפן שפיץ באַרג, ביים אַריינגאַנג אין שטעטל, דרייען זיך אַרום קלענערע און גרעסערע ייִנגלעך, אין לאַנגע קאַפּאָטקעלעך. פון אונטער די קורצע יידישע היטעלעך, וואָס לאָזן זיך אויס מיט אַ פאַרשפיצטן דאשעק,

---

* שיפן.

באַהאַלטן זיך געקרייזלטע פּיאותלעך. דאָס יונגוואַרג קוקט אַראָפּ מיט גרויס קנאה אויף די סטאַטקעס מיט זייערע פּאַסאַזשירן, וואָס קומען פון נאָענטער גובערניע־שטאָט פּלאָצק, פון וואַרשע. עס עפענען זיך די אויגעלעך ביי די קליינע ווישעגראַדער בית־מדרש ייִנגלעך און זיי ווערן געוואויר, אַז חוץ זייער שטעטל איז נאָך דאָ אַ גרויסע ליכטיקע וועלט, וואו ס'וואוינען יידן וואָס קאָנען רוסיש, דייטש, פּויליש, שיקן זייערע זין און טעכטער אין רעגירונגס־שולן, קליידן זיך אין מונדירן און קומען אָן אין די אוניווערסיטעטן צו ווערן באַרימטע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן.

פון דעם הויכן ווישעגראַדער באַרג האָט מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק אַראָפּגעקוקט אויך דער קליינער נחום סאָקאָלאָוו. שעהען איז ער דאָרט געשטאַנען און זיך לאַנג צוגעהערט צו דעם אייביקן ליד פון ווייסל, וואָס אירע כוואַליעס האָבן באַדעקט מיט שוים דעם ווייכן גראָז פון באַרג. ער האָט אויך מקנא געווען די מענטשן וואָס קומען פון דער גרויסער וועלט.

נחום סאָקאָלאָוו איז געווען אַ בית־מדרש־ייִנגל, אַן עילוי. ס'איז ניט געווען קיין איין ספר אין הויכן בית־מדרש־שאַנק, אין וועלכן ער זאָל ניט וואַרפן קיין אויג. זיין זכרון האָט זיך געשאַרפט ווי שטאָל און זיין מוח האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַלץ ווי אַ קאַלכגרוב, וואָס פאַרלירט ניט קיין איינציקן טראָפּן.

דער גוטער נאָמען פון וואוילקענעוודיקן ווישאַגראַדער בחורל האָט דערגרייכט וייטע ערטער און דער גרעסטער נגיד פון דער שטעטל מאַקאָוו האָט שטאַרק חשק געהאַט אים צו נעמען פאַר אַן איידעם. זיין געבילדעטע טאָכטער רבקהלע, וואָס האָט געלערנט שפּראַכן און געקענט פּויליש, האָט ניט געוואָלט דעם ישיבה־בחור, אָבער דער טאַטע איז באַשטאַנען און זי האָט אים געמוזט נאָכגעבן. רבקהלע האָט אָבער נאָך דער חתונה געמאַכט פון איר מאַן אַ „לייט". אין אַ גאַר קורצער צייט האָט ער זיך אויסגעלערנט דייטש, רוסיש, פראַנצויזיש. געלעבט האָט ער צום ערשטן אויפן געלט, וואָס רבקהלע האָט געירשנט פון טאַטן, און אַז דאָס געלט האָט זיך אָנגעהויבן אויסלאָזן איז ער געוואָרן אַן אַגענט פון וואַרשעווער לעדער־בייטל סוחרים. ער האָט זיך אָבער ניט באַנוגנט מיט זיינע גליקן אין מסחר, נאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַריינלאָזן אין זאַכן, וואָס זיינע באַלעבאַטים, די לעדער־סוחרים, האָבן גערופן „נאַרישקייטן", געשריבן מאמרים, שירים און ליטעראַטור; באַלד האָט ער פאַרלאָזן די לעדער־בראַנזשע און זיך באַזעצט אין וואַרשע וואו ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון

„הצפירה״ און דער פויליש־יידישער וואָכנשריפט „איזראעליטא״. אין אַ קורצער צייט אַרום ווערט ער דער רעדאַקטאָר פון „הצפירה״.

זינט ער האָט איבערגענומען דעם בכבודיקן אַמט, האָט ער אָנגעהויבן נאָכטאָן דעם עלטערן רעדאַקטאָר חיים זעליג סלאָנימסקי און אַלע זומער אַרויסגעפאָרן מיטן ווייב אויף דאַטשע.

עס איז שוין געווען אַ האַלבער טאָג, ווען דער רעדאַקטאָר האָט אַ רוף געטאָן זיין ווייב, די שוואַרץ־חנעוודיקע רבקה און איר פאַרגעלייגט צו הערן דעם אָנהויב פון זיינס אַ מאמר, וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

— רבקהלע, — האָט ער געזאָגט, — זעץ זיך צו און איך וועל דיר עפּעס פאַרלייענען.

— איך האָב ניט קיין צייט, — האָט דעם מאַקאָווער גבירס טאָכטער פאַרשנירעוועט די ליפּעלעך, — איך דאַרף זיך גרייטן צו דער רייזע. מיר פאָרן דאָך היינט קיין וואַרשע צו שמעון מענדעלסאָן. האָסט פאַרגעסן?

— האָט זי זיך אויסגעדרייט און איז אַריין אין זומער־שטיבל.

אַ ווינטל האָט אומבאַמערקט אַ קלוגג געטאָן צווישן די קרוינען פון די ביימער און ניט געשטערט דער שטילער זומערדיקער רו אויף דער לופט הינטערן שטאָט. ווי נאָר סאָקאָלאָוו האָט זיך געלאָזט מיט דער סטעזשקע צווישן די ביימער צום טישל, האָט זיך באַוויזן דער הויכער רעדאַקטאָר פון דער רוסישער צייטונג, סערגיי קאַזאַקאָוו. סאָקאָלאָוו איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען מיט צעשפּרייט הענט.

— פּאַזשאַלוסטאַ, פּאַזשאַלוסטאַ, — האָט ער געזאָגט אויף רוסיש.

דער גאַסט האָט אַרויסגעוויזן גרויס העפלעכקייט צום באַלעבאָס און אים געוואָלט עטלעכע מאָל דערמאָנען, אַז פון זינט ער איז מיט אים באַקאַנט, קען ער ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק און דעם פאַרגעניגן צו זיין באַקאַנט מיטן באַוואוסטן העברייאישן ליטעראַט סאָקאָלאָוו.

דער באַלעבאָס האָט זיך קלוג און באַשיידן אויסגעדרייט פון דעם גאַסטס קאָמפּלימענט. ער האָט אַרויסגערופן די דינסט און געבעטן דערלאַנגען טיי און אַליין זיך איינגעמאַסטעט אין ווייכן שטול.

— איך האָב שטענדיק ליב געהאַט אייערע אַרטיקלען, איך האָב אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך און וויל איינלאַדן אויך רוסישע און פּוילישע שרייבער.

קאַזאַקאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף סאָקאָלאָוון:

— זייער גוט, זייער גוט. אָבער איך מוז אייך זאָגן, פּאַני סאָקאָלאָוו,

אין זאַך, וואָס וועט אייך ניט זיין אַנגענעם.

סאָקאָלאָוו האָט אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויפן גאַסט:

— וואָס־זשע?

קאָזאָקאָוו האָט זייער באַצאַרנט, מיט געמאַכטן באַדויער דערציילט וועגן דער קראָמאַלע, און וועלכע עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אויך יידישע סטודענטן.

ביי סאָקאָלאָוון האָבן זיך אָנגעצונדן די טיפע אויגן. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול, ס'איז ביי אים אַרויסגעפאַלן דאָס לעפעלע מיטן איינגעמאַכטס פון קאַרשן.

ער האָט געזאָגט מיט אַ רואיק קול:

— איר דאַרפט געדענקען, אַז יידן האָבן מיט זייער האַנדל שטענדיק מיטגעהאָלפן דעם וואוקס פון יעדער מלוכהשער ווירטשאַפט. די רוסישע רעגירונג דאַרף בפירוש זיין פאַראינטערעסירט צוצוציען דעם יידישן האַנדל. ס'איז נייטיק אויסצונוצן די הונדערטיאָריקע דערפאַרונג פון פאָלק. און וואָס שייך יידישע ניהיליסטן, בונטאָווש טיקעס, וועלן זיי, די סוחרים, שוין אַכטונג געבן אַז זיי זאָלן ניט זיין. מיר זיינען צו עטיש. ביאָלאָגיש איז דאָס אוממעגלעך, אַז יידן זאָלן פאַרגיסן בלוט. איר ווייסט, איך בין איבערצייגט, אַז די יידישע יונגעלייט וואָס זיינען פאַרפירט געוואָרן דורך די פוילישע מיאַטעזשניקעס, זיינען געווען פסיכיש געריַרט . . .

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. קאָזאָקאָוו האָט שטיל געפרעגט:

— אָבער וואָס רעכנט איר צו טאָן?

— אך, יאָ, איך וועל אָנשרייבן אַ גרויסן אַרטיקל וואו איך וועל איבערצייגן, אַז סיי דער יידישער נאַציאָנאַלער גייסט און סיי די רעאַלע מעגלעכקייטן זיינען קעגן דעם . . . איר דאַרפט ניט פאַרגעסן, אַז דער גרעסטער טייל יידישע סטודענטן וועט קיינמאָל ניט גיין מיט די יידישע קראָמאָלניקעס. אויף דעם דאַזיקן טייל דאַרפן מיר זיך אָנשפאַרן . . .

איצט איז סאָקאָלאָווס פנים געווען ראָז און די טיפע אויגן האָבן געהאַט אַ גרינלעכן אָפּגלאַנץ.

דער גאַסט האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַרריסן דעם קאָפּ צו דער הויך, וואָס האָט געצויגן צו זיך מיט איינגעהאַלטענעם ווינטיקן אָטעם. פון דיביימער איז פון צייט צו צייט אַראָפּגעפאַלן אַ בלעטל און פאַרבלאָנקעט אויפן טיש צו די צעשטעלטע גלעזער טיי מיט דער קאַרשן־איינגעמאַכטס.

סאָקאָלאָוו האָט גענומען אַ בלעטל און צוגעטראָגן צו די ציין, עס געגריזשעט, פאַמעלעך אָפּגעטיילט דערפון די אָדערן און עס גלייכגילטיק אוועקגעוואָרפן.

שפּעטער, ווען סאָקאָלאָוו האָט באַגלייט קאָזאַקאָוון אויף די שטילע סטעזשקעלעך פון זיין זומער־וואוינונג, האָט זיך דער גאַסט דערמאָנט צו זאָגן:

— איך דאַנק איך פאַר גאַסטפריינטלעכקייט.

ער האָט צוגעזאָגט צו ברענגען אַן אַרטיקל פאַרן זאַמלבוך, וואָס סאָקאָלאָוו פּלאַנט אַרויסצוגעבן.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט ווען סאָקאָלאָוו האָט פאַרענדיקט זיין אַרטיקל „היהודים ביחס השיטות המדיניות".* ער האָט גענומען די אָנגעשריבענע בויגנס־פּאַפּיר און געלייענט אויף אַ קול: „זאת השיטה הנקובה בשם סאָציאַליזמוס לא תוכל להיות למכשול לב לאיש יהודי אשר עוד לא נכבה בקרבו הזיק האחרון מרגשי לאומו. המסחר אשר הוא עמוד התוך בקיום רוב עם היהודים, הוא כעשן לעיני המקנאים שיטה זו, והוא פטר ראשית למודי הדעמאַגאָגים כי אחרי חלוקת הארץ לפי העבודה — אשר בראו להם החוקרים ההם ברוח דמיונם — אז עץ חיים זה יגדע והיה לבער".**

פון די סטעזשקעלעך איז אויפגעגאַנגען אַ האַרבער ריח פון איבער־געפּריעטע גראָזן. ס'איז דערגאַנגען אַ וואַסער־רויש פון ווייסל און פאַרלוירן געוואָרן מיט פאַרשיידענע קולות אין דער געדיכטעניש פון די ביימער.

***

פון דער באַנק איז שמעון מאיר מענדעלסאָן היינט אַהיים געקומען

---

* די יידן אין דער באַציאונג צו די פּאָליטישע טעאָריעס.

** די דאָזיקע טעאָריע וואָס הייסט סאָציאַליזמוס, קאָן ניט זיין קיין שטרויכלונג פאַרן האַרץ פון יידישן מענטשן, וואָס דער לעצטער פונק פון נאַציאָנאַלע געפילן איז אין אים נאָך ניט אויסגעלאָשן. דער מסחר וואָס איז דער מיטלסטער זייל פאַר דער עקזיסטענץ פון דער מערהייט יידן, איז ווי רויך אין די אויגן פון די פאַנאַטיקער פאַר דער טעאָריע, און דער אָנהויב פון דער לערע פון די דעמאַגאָגן, ווייל נאָכדעם ווי די וועלט וועט צעטיילט ווערן לויט דער אַרבעט, — וואָס די דאָזיקע חוקרים האָבן געשאַפן אין זייער פאַנטאַזיע — דעמאָלט וועט דער לעבנסבוים פון מסחר אָפּגעהאַקט ווערן.

בייז. ער האָט זיך ניט אַוועקגעלייגט תיכף, ווי ער טוט עס שטענדיק, אויף דער ווייכער גרינלעך־באַצויגענער קאַנאַפּע, נאָר ער איז אַריין גלייך צום ווייב, וואָס האָט זיך געמאָסטן אַ קלייד אין אַלקער. שמעון מאיר האָט אויף גיך געעפנט די טיר, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און געטאַפּט צי איז עמיצער דאָ.

— אוי, ווער איז דאָרטן? איך שטיי נאַקעט, — פאַרמאַכט!

דער מאַן האָט ניט געלייגט קיין אַכט אויפן אויסגעשריי און גלייך זיך געלאָזט צו דער האַלב־נאַקעטער פרוי:

— ער, שואל, דער תכשיט דיינער . . .

די בייטערקע שיינדל, וואָס האָט געמאָסטן דאָס קלייד, האָט זיך אַביסל פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן . . .

— נו, שמעון מאיר, גיי שוין אַרויס, — האָט שעווע זיך געבייזערט אויפן מאַן, — ווי שעמסטו זיך ניט?

שמעון מאירן איז ניט געגאַנגען גאָרניט אין קאָפּ. ער האָט אפילו דאָס ווייב ניט באַמערקט, ניט באַמערקט אירע רונדע געזונטע הענט, וואָס האָבן זיך פאַרהויבן אויף אַריין אין אַ ניי זיידן־קלייד, זיך ניט צוגעקוקט צו דעם העלן קלייד מיט וועלכן דאָס ווייב האָט היינט געוואָלט איבער־ראַשן די געסט.

ער האָט געברומט:

— שואל, סטאַניסלאַוו, אַ ניהיליסט.

— וואָס איז ער? אַ ניהיליסט? . . .

— יאָ, ער איז דער אָנפירער פון די טעראָריסטן. זיין געהילף איז איינער אַ שמעון, ווי הייסט ער דאָרט, יאַן, יאַן מלאַט פון וואַרשע. פון מיין הויז אויף דער סמאָטשע . . .

דאָס ווייב האָט זיך ניט געמאַכט. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן אים און זיך באַרימט:

— געפעלט דיר? אַזאַ זיידנס איז ביי קיינעם אין וואַרשע ניט פאַראַן.

שיינדל די בייטאָרין האָט געזען, ווי ביי דעם באַלעבאָס זיינען צע־פלאַנטערט די בליקן. ער הערט גאָרניט, זוכט עפּעס און איז פאַרטיפט אין געדאַנקען, פון וועלכע עס איז אים שווער זיך אָפּצורייסן.

— איר זעט, זאָגט זי, מאַדאַם, זיי הערן איצטער ניט.

שעווע האָט אויף גיך אויסגעטאָן דאָס נייע העלע זיידענע קלייד, עס אַוועקגעלייגט אויפן בעט, איבערגעלאָזט די בייטאָרין איינע אַליין און אַרויס

אין עס־צימער. דאָס ערשטע וואָס זי זאָגט דעם מאַן:

— שמעון מאיר, לאָז אָפּ דאָס קינד. ער איז געלערנטער פון דיר.

שמעון מאיר זעצט זיך אַ דערשלאָגענער צום טיש.

שעווע לויפט אין קיך, באַפעלט עפּעס דער דינסט און אַליין גייט זי אַוועק צו דער בייטאַרין.

שיינדל האָט פאַרן אַוועקגיין געהערט ווי דער באַנקיר האָט געזאָגט צו זיין ווייב:

— ער שרייבט קראַמאַלנע זאַכן. ווי האָב איך געקענט וויסן, סיידן קריך אַריין צו אים אין קאָפּ.

שעווע האָט ניט אויפגעהערט צו רעדן צו אים:

— וואַרף עס אַרויס פון קאָפּ. היינט דאַרפן זיין געסט, און דו מיט קראַמאַלנע . . .

שמעון מאיר האָט פאַרצווייפלט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך געוואָלט פאַרגעסן אין דרימל אויפן וויכן קאַנאַפּקעלע. ער איז אַזוי אַנטשלאָפן געוואָרן, אַז דאָס ווייב האָט אים קוים אויפגעוועקט, ווען אין שטוב זיינען אַריינגעקומען דער רעדאַקטאָר פון „הצפירה" און זיין ווייב.

דערזען סאָקאָלאָוון, איז שעווע צו צום קאַנאַפּקעלע און שנעל אַ טאָרע געטאָן דעם מאַן:

— שמעון מאיר, מ'איז שוין דאָ . . .

— וואָס? — פאַרשטייט ער ניט און רייסט אויף די אויגן מיט גרויס מאַטערניש.

— סאָקאָלאָוו איז שוין דאָ ביי אונדז.

— אַך, סאָקאָלאָוו, זייער וואויל, — ער טוט זיך אַ הייב אויף פונעם קאַנאַפּקעלע און לאָזט זיך גלייך צו די געסט:

— נחום סאָקאָלאָוו, איך בין צופרידן אייך צו זען און אייך, מאַדאַם.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש. אויפן טיש זייען שוין געשטאַנען פלאָדן, וואָס שעווע האָט צוגעגרייט. דאָס געבעקס האָט געגלאַנצט מיט זיינע פאַרבאַקטע עקן קעגן דער שיין פון די ליכט.

אינמיטן טיי טרינקען האָט זיך דער באַלעבאָס אָנגערופן:

— יידישע יונגעלייט קאָנען דערגיין צו אַ בונט. מען וועט איבער זיי שניידן אַלעמען, און דער עיקרשט די שולד פאַלט דאָך אויף אונדז, מיר האָבן ניט אַכטונג געגעבן.

סאָקאָלאָוו האָט זיך דערמאָנט אין זיין מאמר, וואָס ער האָט אָנגע־

שריבן נאָך קאַזאַקאָווס באַזוך.

— איך פרעג, פאַני סאָקאָלאָוו, וואָס זאָגט איר דערויף?

— אָ, — האָט זיך סאָקאָלאָוו ווי אויפגעכאַפּט, — איך האָב שוין וועגן דעם אָנגעשריבן אַ גרויסן מאמר. ס'איז טרויעריק, אָבער מיר וועלן באַווייזן דאָס שלעכטס אויסראָטן, מיט דער שאַרף פון אונדזער פען אי־בערשניידן די וואָרצלען . . .

— און מיין זון איז ביי זיי אַ גאַנצער אָנפירער, — האָט האַלב־סודות־דיק, האַלב־דערשראָקן — געזאָגט שמעון מאיר.

— נו, אַ געבילדעטער יונגערמאַן. ער וועט מסתמא פאַרן קיין אויס־לאַנד, עלטער ווערן, וועט ער קומען צום שכל, — האָט סאָקאָלאָוו אים באַרואיקט מיט אַ שמייכל.

סאָקאָלאָוו האָט זיך געפילט אַביסל שלעכט פאַרן באַנקיר, וואָס שטיצט מיט אַ ברייטער האַנט זיין זאַמלבוך „האסיף". ער האָט אפילו אים גע־פרוואווט איינרעדן, אַז צווישן יידן קאָנען ניט זיין קיין ווידערשפעניקע. שמעון מאיר האָט שוין אָבער ניט געהערט, ווייל שעווע האָט זיך געווענדעט צו סאָקאָלאָווס פרוי זי זאָל פועלן ביי איר מאַן ער זאָל עפּעס פאַרלייענען.

ס'איז שוין געוואָרן שטיל. מ'האָט זיך צעזעצט אין די ווינקעלעך און ניט אַראָפּגענומען קיין רגע די אויגן פון דעם רעדאַקטאָר. סאָקאָלאָוו האָט פאַרגעלייענט אַ העברייאיש ליד און דער טרויעריקער אינהאַלט פו־נעם ליד האָט זיך געהערט אין זיין שטימע.

נאָכן לייענען, אַז דער שרייבער מיט זיין ווייב האָבן זיך אויפגע־הויבן, איז זיי שמעון מאיר געגאַנגען באַגלייטן.

— איר זאָלט וויסן, פאַני סאָקאָלאָוו, וואָס פאַר אַ כבוד איר האָט אונדז אָנגעטאָן, — האָט שמעון מאיר געזאָגט ביים געזעגענען זיך, שטייענ־דיק אויף די טרעפּ, וואו אַ נאַפט־לעמפּל האָט זיך געשטאַרקט אַרויסצו־שיינען זיין שווינדזיכטיק ליכט אין דער לבנה־נאַכט אַריין.

אומקערנדיק זיך אין שטוב האָט ער נאָך געהערט, ווי מאַדאַם סאָקאָ־לאָוו זאָגט צום מאַן:

— סאַר־אַ פאַמיליע־טראַגעדיע? דער זון, דער יורש . . .

— וואָס פאַר־אַ טראַגעדיע? אַ געראָטענער זון. הלוואי האָב איך אַ גרויסע טאָכטער, שליס איך שוין אַ שידוך. נעם איך אים פאַר אַן איידעם.

ביים גענעראל גובערנאַטאָר

דער וואַרשעווער דאזאר משה לײַנהענדלער זיצט אינעם צימער אין אַ טיפֿן פֿאָטער־שטול לעבן זײַן דרוקערײַ אויף מוראַנאָווסקע פֿאַר אַ טיש, בײַ אַ שטאַרקער גלאָז טיי און אַ טעלערל אײַנגעמאַכטס פֿון אַגרעסן, וואָס שפּרייטן אַ יום־טובֿדיקן ריח. ער מישט פֿאַמעלעך מיטן לעפֿעלע די טיי, כאַפּט אַ קוק אינעם אָפֿענעם בלאַט „הצפֿירה“. ער פֿאַרקנײַטשט דעם שטערן און פֿאַרטיפֿט זיך אין סאָקאָלאָווס מאמר, זײַנע ליפּן מורמלען די ווערטער וואָס די אויגן כאַפּן אויף:

„. . . החפץ לשנות פני תבל מחברה הסוציאליסטים הפועלים בין עם ועם באירופא — אינטערנאַציאָנאַל אַרבעטער אַסאָציאַציאָן — אשר זה כשש עשרה שנה נוסדה באירופא . . . רבות בשנים שמה לה סתר־פנים ותעש בחושך מעשיה, ורבים מבני הנוער ברוסיא אשר הועילו הלוך אחרי התוהו נתפשו במכתרה ויצאו מרעה אל רעה לפרוץ גדרי המוסד והחברה האנושית, עד כי היו למרצחי חרש ולמרימי יד במשיח ה׳“.*

לײַנהענדלער האָט אַוועקגעלייגט דעם בלאַט און זיך געלאָזט גיין אי־בערן צוגעקליבענעם צימער, וואָס איז געווען מיט געפּאַרבטע דילן. די ווענט באַהאַנגען מיט בילדער פֿון קרובֿים, פֿון רמב״ם און משה מאָנטיפֿיאָרע.

אַרומגייענדיק איבערן צימער האָט ער געטראַכט וועגן מאמר. וועמען מיינט ער דאָס, דער רעדאַקטאָר? אַוודאי די וואָס האָבן דערמאָרדעט דעם קיסר און מען זאָגט, אַז דאָס שלעכטס האָט זיך שוין אויך באַוויזן צווישן די היגע סטודענטן.

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט ווי זײַן משרת הענעך טענהעט מיט

---

* „דער ווילן צו ענדערן דאָס פּנים פֿון דער וועלט פֿון דער חבֿרה סאָציאַליסטן, וואָס שוין זעכצן יאָר אַז זיי טוען אין דער פֿינצטער זייער אַרבעט, און אַ סך פֿון דער יוגנט אין רוסלאַנד, גייען נאָך דער ליידיקייט און זײַנען געפֿאַנגען אין אירע נעצן צו צעשטערן די פּלויטן פֿון מאָראַל, ביז זיי זײַנען געוואָרן שטילע רוצחים און האָבן אויפֿגעהויבן אַ האַנט אויף דעם געזאַלבטן פֿון גאָט . . .“

עמיצן אויף רוסיש אין פּאָדער־צימער. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ הויכער זשאַנדאַרם מיט ברייטע וואָנצעס. ער איז צוגעגאַנגען צום באַלעבאָס און געמאָלדן:

— זיין עקסעלענץ, דער גענעראַל גובערנאַטאָר האָט אייך געשיקט רופן צו זיך.

דער דאזאר האָט האָט דערשטוינט און דערשראָקן ניט באַוויזן אפילו גוט באַטראַכטן דעם שליח. ער האָט בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אין אַ זייט.

דער שליח האָט זיך אויסגעדרייט אויף זיינע זשאַנדאַרמיש־אָנגעקאָוועטע אָפּצאַסן און זיך געלאָזט צו דער טיר.

ליינהענדלער האָט פלינק אָנגעטאָן די ברילן, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם טולעפּ, צוגעקעמט דאָס אונטערגעהאַקטע גרויע בערדל און איז אַרויס פון הויז.

ער איז דורכגעגאַנגען עטלעכע גאַסן און איז געבליבן שטיין ביי אַ טיר מיט געשניצטע קאַרביזן און געקוקט אויפן באַגילדטן פלעטל, וואו עס איז געווען אויסגעקריצט אויף פויליש — יאקוב בערקסאָן. דאָס איז געווען דער אַסימילירטער נגיד און יחסן בערקסאָן, דער אייניקל פון בערעק יאסעלעוויטש און דער חסידישער נגידתטע טעמערל.

האַלב־שולדיק און האַלב־האָפערדיק האָט ליינהענדלער אָנגעקלונגען.

די טיר האָט זיך געעפנט און עס האָט זיך באַוויזן אַ דינער.

— צום פּאַן בערקסאָן.

— ער נעמט היינט קיינעם ניט אויף.

— זאָג אים אַז ס'איז ליינהענדלער, דער דאזאר.

ליינהענדלער איז אַריינגעפירט געוואָרן אין קאַבינעט.

פון אַ ווייכער שטול, באַצויגן מיט טונקלען סאַמעט, האָט זיך אויפגעהויבן אַ הויכער מענטש, אַ גאָלער קאָפּ, אַ שאַרף צוגעשוירן בערדל און הינטער די שטייפע פענסנע אַ פּאָר פאַרנעפּלטע אומרואיקע אויגן. זיי האָבן געפרעגט:

— וואָס עפּעס פּלוצים אומדערוואַרט?

— איך האָב אייך אפשר געשטערט, פּאַני בערקסאָן?

— יאָ, איך בין פאַרנומען, גרייט זיך גיין אין טעאַטער. אָבער זיצט, — האָט דער איבערגעוואָקסענער בערקסאָן אָנגעוויזן דעם דאזאר אויף אַ שטול.

— מען רופט, פּאַני בערקסאָן; דער גענעראַל גובערנאַטאָר רופט אונדז, — האָט דער דאזאר געזאָגט אין אַ האַלב־שולדיקן טאָן.

— פּאַני ליינהענדלער, איך קאָן דאָרט ווייניק וואָס אויפטאָן, — האָט זיך בערקסאָנס שאַרף אומרואיק פּנים נאָך שאַרפער געצייכנט, — בעסער וואָלט געווען איר זאָלט רופן נאַטאַנזאָנען. ער איז געווען אין בעלוועדער מער אַנגעזען. איר ווייסט דאָך, אַז אויף מיר איז נאָך דאָ אַ חשד. איך בין ניט געבוג כשר. אין זייערע אַרכיוון געפינען זיך באַווייזן, אַז מיינע זיידעס האָבן געהאָלפן די „פּאווסטאַנצעס". אַט וועל איך צושיקן מיין דינער צו נאַטאַנזאָנען.

ליינהענדלער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. אויסגעשטרעקט די האַנט דעם באַלעבאָס און גענומען שטעלן טריט צו דער טיר.

בערקסאָן האָט זיך צוריק אַריינגעזעצט אין זיין טיפער שטול און גענומען לייענען די „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ". זיינע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצן באַריכט פון פּויזן, וואו דער קאָרעספּאָנדענט באַשולדיקט די דאָרטיקע אַנטיסעמיטן, אַז זיי העצן צו פּאָגראָמען אויף יידן.

ביים גענעראַל גובערנאַטאָר אין פּעדערצימער האָבן שוין געוואַרט די גמינע־לייט: יעקל קאָרנגאָלד, יוסף גראָסגליק, משה ליינהענדלער, דער באַנקיר נאַטאַנזאָן, דער רב יעקל געזונדהייט און נאָך עטלעכע חשובע באַלעבאַטים.

ס'איז געווען פּאַר אַכט אַזייגער אויף דער נאַכט. שוין עטלעכע מאָל האָבן די געקומענע געסט געקוקט אויפן זייגער, וואָס האָט אַלע פּופצן מינוט אויסגעקלונגען די צייט.

די יידן האָבן ניט אויפגעהערט צו קוקן דער טיר, וואָס האָט געפירט אין גענעראַלס קאַבינעט. ניט אויפגעהערט צו קוקן אויפן וועכטער, וועל־כער איז געשטאַנען אויסגעצויגן לעבן דער קאַבינעט טיר.

אַ ייד מיט אַ רויטלעך פּנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אַראָפּ פון דער אויבערשטער באַנק אין מרחץ, האָט נאָך באַלד, ווי ער איז געקומען אָפּגעזיפצט:

— יידן, ס'איז אַ נייע גזירה.

— איז זייער גוט, וואָס נאַטאַנזאָן איז דאָ מיט אונדז, — האָט געענט־פערט ליינהענדלער, ניט אָן חניפה.

— און בערקסאָן? — האָט עמיצער געפרעגט.

— איך בין ביי אים געווען. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— דאָס עפּעלע איז געפאַלן ווייט פון ביימעלע, טעמערלס אייניקל, — האָט יעקל קאַרנגאָלד אַ ברום געטאָן און אין זיין קול איז געווען תרעומות.

פונקט ניין אַזייגער איז פונעם גענעראַלס קאַבינעט אַרויס דער זשאַנדאַרם, וואָס האָט די יידן גערופן אַהער, און געמאָלדן:

— זיין עקסעלענץ!

די גערופענע זיינען אריין אַריין איינציקווייז אין קאַבינעט.

אַנטקעגן איז זיי געקומען אַ מיטלוואוקסיקער פעסט־געבויטער מי־ליטערמאַן מיט אַ גלאַט פּנים און זיי באַגריסט.

די יידן זיינען געבליבן שטיין אין האַלב־קרייז.

דער גענעראַל האָט אַ פיר געטאָן מיט זיינע דורכדרינגלעכע אויגן איבער די יידן, זיך איינגעקוקט אין אַלעמענס פּנימער, געזוכט עמיצן און אַז ער האָט באַגעגנט דעם בליק פון באַנקיר נאַטאַנזאָן האָט ער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: גוט.

— איר ווייסט, גאָספּאַדאַ, וואָס איך האָב אייך גערופן?

— ניין, מיר ווייסן ניט, — זיינען די געסט געווען אומגעדולדיק.

— מיר האָבן געמיינט, אַז די צייטן ווען יידן האָבן געהאָלפן בונ־טאָווטשטישקעס זיינען שוין פאַראיבער. וויזט אויס, אַז מיר האָבן זיך אָפּגענאַרט. צווישן אייך געפינען זיך אַזעלכע.

— צווישן אונדז? — קוקן זיך די יידן איבער.

— אויב ניט צווישן אייך, די עלטערע, איז עס צווישן אייערע קינדער. איר דערציט זי שלעכט. זיי וואַקסן ביי אייך בונטאָווטשיקעס. איר קענט אַזעלכע יידיש סטודענטן: דיקשטיין, סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן, יוזעף בורג, פעליקס פּערל, פעליקס קאָן, יוזעף בורגס שוועסטערל רוזשקאַ בורג. זיי טיילן פאַנאַנדער שעדלעכע ביכער די פּוילישע סטודענטן פון די גימנאַ־זיעס. מירן אַרעסטירן אַ סך יונגעלייט, אַרעסטירן, אַריינוואַרפן אין צי־טאַדעל. וואָס זאָגט איר דערויף?

— איז וואָס זאָגט איר דערויף? — איז דעם גענעראַלס קול געוואָרן שטרענגער און בייזער, — איר שוויגט?

דעמאָלט איז צוגעגאַנגען צום גענעראַל דער באַנקיר נאַטאַנזאָן:

— הער גענעראַל, אַנטשולדיקט. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס כל זמן מיר, די פירער פון דער גמינע, האָבן באַשטימט וועלכעס קינד

עס קאָן אַריינטרעטן אין גימנאַזיע, זיינען ביי אונדז קיין ביהיליסטן ניט געווען, אָבער ווי נאָר די רעגירונג האָט גענומען אין אירע הענט די דערציאונג פון די קינדער, זיינען זיי געוואָרן אויסגעלאָסן. — ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, געזוכט מיט די אויגן, וואָס ווערן עפּעס זאָגן די איבעריקע גערופענע. ווייזט אויס, אַלע זיינען געווען באַפרידיקט מיט דעם גבירס ענטפער.

לעבעדינסקי האָט געמאַכט עטלעכע טריט פאַראויס, זיך גוט איינגעקוקט אין באַנקיר און געזאָגט:

— איך דערוואַרט, גאָספּאָדאַ, איר זאָלט אַליין אַרויסשלאָגן די „קראַמאָלע" פון זיי. זענט איר גרייט דערויף?

זעליק נאַטאַנזאָן האָט פאַרגעלייגט דער רב זאָל צונויפשטעלן אַ קול־קורא און אים איבערלייענען אין אַלע שולן און אים אויפקלעפּן אין די גאַסן וועגן דעם, אַז „יעדער, וואָס ווייסט וועגן די פאַרברעכערישע פאַרשפּרייטער פון די אומווירדיקע ביכלעך, מוז מודיע זיין קהל און מאַכט".

ביים גענעראַל גובערנאַטאָר האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויפן פּנים און ער האָט פאַרן אַוועקגיין פונעם פעדערצימער צו זיך אין קאַבינעט יעדערן באַזונדער דערלאַנגט די האַנט.

דער זשאַנדאַרם האָט אַרויסגעלאָזט די גערופענע מיט מערער אָפּשיי ווי מ'האָט זיי אהער אַריינגעלאָזט.

ראָזע האָט זיך געאיילט פון שולע. פּאַסמעס האָר, שוואַרצע, זיינען געפאַלן איבערן שטערן, איבער די געבויגענע אַקסלען. איר לייכט מאַנטעלע האָט זיך געהויבן, זיך געווינטלט אַרום די שוואַכע פיס. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים טויער פון ברייטן שול־הויף אויף טוואַרדע, וואו אַ רעדל מענטשן האָבן געלייענט אַ ווייס, העברייאיש צעטל, וואָס איז געווען אויפגעקלעפּט אויף דער וואַנט. אין רעדל האָט זי דערקענט איר ברודער יוזעף. יוזעף האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט גרויס חידוש.

— וואו קומסטו אַהער? אַזוי שפּעט?

— בין פאַרבליבן לענגער אין שולע, יוזעף. וואָס איז דאָס פאַר אַ צעטל?

— עס איז דאָך געשריבן אין העברייאיש. ווי קאָן איך לייענען?

— פרעג.

אַ הויכער דאַרער ייד האָט אים דערקלערט אין אַ צעבראָכענעם פּויליש

דעם אינהאַלט פון קול־קורא, וואָס דער רב האָט געהייסן אויפקלעפּן לויטן אויפטראָג פון דאזאר.

דער ברודער מיט דער שוועסטער האָבן אָפּגעוואַרט ביז דאָס רעדל איז זיך צעגאַנגען. עס איז שוין קיינער ניט געווען. בלויז אין פּאַרפּרוי־רענעם הויף האָבן סקריפּנדיק געהילכט טריט. יוזעף האָט זיך אומגעקוקט, אַרונטערגעריסן דעם האַלב־נאַסן צעטל און עס אַריינגעשטופּט ראָזען אין האַנט.

ביידע האָבן זיך געלאָזט אַהיים, אויף ניסקע.

ראָזע איז אַריינגעלאָפן צו דער מאַמען אין קיך, אַ וואָרף געטאָן דאָס צעטל און אויסגערופן:

— נעם, שיק עס צו דיין ברודער דעם לעמבערגער ראַבינער. ס'איז פון זיינעם אַ קאָלעגע, וואָס חנפהט אויך דעם קיסר.

— וואָס שטייט דאָ? — האָט לינאַ געפרעגט מיט אַ טיף־בעטנדיקער שטים.

— ער הייסט מען זאָל אונדז, סטודענטן, איבערגעבן צו דער מאַכט.

לינאַ האָט זיך צעוויינט.

***

שפּעט־זומער. די פענצטער זיינען אָפן; עס שפּילט אַ קאַטערינקע; ראָזע האָט ליב אַרויסצוקוקן אין הויף, אויפכאַפּן אַלע קלאַנגען, רייד, קללות, קרעכצענישן און געזאַנגען.

זי האָט ליב מוזיק. שאָפּענען, היידן און מאָצאַרטן. אָבער גענוג דער שטילער ניגון אין סקריפּ פון טויער, עס זאָל איר קלאָר ווערן דער גאַנצער ווײ און טרויער פון דער וועלט. ניט נאָר שאָפּען, נאָר אויך די שפּראַך פון אַ פאַרזשאַווערט שטיקל בלעך אויפן הויף, וואָס דער ווינט באַוועגט עס, דערציילט איר דעם צער פון דער וועלט. איצט שפּילט אַ קאַטערינקע. אַ הייזעריקער זינגער קלאָגט אויס אַ ליד.

„צי זאָל איך וויינען, צי זאָל איך שרייען,
ווער קאָן מיר העלפן צו מיין געוויין —
דאָס איז אַ גזר מן השמים,
און אין האַרצן איז מיר ווינד און ווײ.“

אין שטוב איז אומעטיק און שטיל.

קלאַנגען זיינען דערגאַנגען, אַז ווייט אין רוסלאַנד קומען פאַר פּאָ־

גראַמען. און דער איינדרוק איז צעשמעטערנדיק. די רייד אין די אָוונטן ביי די בורגס אין הויז ווערן אַלץ אומעטיקער. עדוואַרד טענהט, אַז דער נייער קיסר וועט די טעראָריסטן ניט נאָכגעבן. ער פאַרנעמט זיך נאָך אויף אַ שטרענגערן וועג. און די פּאָגראָמען? — מיט זיי — גיט צו יוזעף, — מיינט מען לעשן דעם צאָרן ביים דערדריקטן פינצטערן פאָלק.

די ידיעות וועגן די פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד אינאיינעם מיט די פּרואוון פון פּוילישע באַנדיטן אַרויסצורופן אַ פּאָגראָם דאָ אין שטאָט, האָבן דער צוועלף־יאָריקער גימנאַזיסטקע אַלץ מער און מער דורכגענומען, איר אַריינגעגראָבן טיפער אין זיך און מיטאַמאָל פאַרענדערט אין אירע אויגן דעם אויסזען פון מענטשן, פון דער וועלט, און פון די יידן אויף שליסקע, אויף ניסקע, אויף שענע און אויף טוואַרדע, וואָס האָבן זיך יעדן טאָג געזאַמלט אויף די ראַגן און געהערט די טרויעריקע ידיעות.

ראָזען קומט אויפן זין אַ באַשרייבונג פון אַ טאַבון אין פעלד ביי־נאַכט, וואָס דערשמעקט אַז דער פאַרצוקער קומט. די טויט־צעשראָקענע באַשעפענישן שטעלן זיך אויס אין אַ קרייז, קאָפּ צו קאָפּ, און בריקען מיט די הינטערשטע פיס. די טויט־צעשראָקענע יידן אין די וואַרשעווער גאַסן האָבן זיך אָבער ניט געבריקעט. זיי שטייען אַרום די קראָמען, די הויפן, פאַרלאָרענע, פאַרפינצטערטע, הערן די מעשות, קרעכצן און זיפצן: הלוואי זאָל עס אַהער ניט דערגיין, הלוואי!

ג.

יוגנט

ראָזע לוקסעמבורג, אין דער צווייטער גימנאַזיע, וואַרשע

דער פּאָגראָם

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי: אין טאָג פון „באָזשע־נאַראָדזע־ניע" (ווייַנאַכט) אין גרויסן קאַשטשיאָל אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס. דער טאָג איז פון זיין סאַמע אָנהייב אָן דווקא געווען אַ ליכטיקער און צו טרוקענער פאַר אָנהייב יאָר. אין מיטן דער תפילה האָט מען מיטאַמאָל דערהערט אַ פאַרצווייפלטן געשריי: „פייער!" קיינער ווייסט ניט ווער עס האָט דעם געשריי אַרויסגעלאָזן. אָבער סאַראַ מהומה דער דאָזיקער געשריי האָט אָנגעמאַכט! עס איז געוואָרן אַ געלאָף, אַ שטופּעניש. אַלע האָבן זיך געריסן צו די טירן זיך צו ראַטעווען. עטלעכע און צוואַנציק זייַנען צעטראָטן געוואָרן אויף טויט, אַ גרויסע צאָל זייַנען פאַרוואונדעט געוואָרן.

טייל פון די אַרויסגעראַטעוועטע האָבן נאָכדעם געזאָגט, אַז דאָס האָבן גנבים אַרויסגעלאָזן דעם געשריי. אין דרויסן פון קאַשטשיאָל זייַנען געשטאַנען אַנדערע און האָבן געהעצט, אַז דאָס זייַנען געווען יידישע גנבים, זיי האָבן זיך דערבײַ פרום איבערגעצלמט און געשוואָרן ביי יעזוס־מאַריען, אַז עס איז וואָר.

עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ פייף, דער סיגנאַל פאַרן אָנהייב פון פּאָגראָם און עס האָבן זיך געיאָוועט מחנות וואָס האָבן זיך געלאָזן אויף די יידישע גאַסן. פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן די כוליגאַנעס. מען ווייסט גאָרניט פונוואַנען האָבן זיך אַזוי פיל גענומען.

ווען ראָזע האָט, גייענדיק פון דער שולע, דערגרייכט די טוואַרדאַ, האָט שוין די גאַס אויסגעזען, ווי עס וואָלט געשנייט. דאָס האָט דאָס פליען פון די פעדערן פון יידישן בעטגעוואַנט אויסגעזען ווי אַ געדיכטער שניי.

ווי תמיד אין טיפן טראַכטן האָט זי, אַרייַנגייענדיק אין הויף, שוין מער קיינעם אַרום זיך ניט געזען. זי האָט כמעט ניט געדענקט, אַז זי געפינט זיך שוין אין דער היים, און ווען זי איז געקומען אין הויז, האָט זי דערזען, אַז זי געפינט זיך אינאיינעם מיט דער שוועסטער אַנאַ ביי זיך אין צימער.

פון אָנגעשטרענגטן אָטעם האָט זיך געוויגט איר קוים אויסגעקײ־לעכטע, כמעט ייִנגלשע ברוסט. אינעם ציטער פון אירע נאָז־לעפּלעך, אינעם געדיכטן סאַמעט־ברוינעם גלאַנץ פון אירע אויגן, האָט זיך אָפּגע־שפּיגלט דער מוטערס פאַרוויינט פּנים, וואָס איז צוגעפאַלן צו איר:

— ראָזעלע, ביסט דאָ!

ערשט איצט האָט זי דערזען, ווי לינאַ און עדוואַרד קוקן אויף איר מיט פאַרווייטנע אויגן.

— מיר מוזן אויפהענגען אַ קרייץ אויפן טיר! — האָט לינאַ מאָנע־דיק געקוקט אויף עדוואַרדן, — איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז מיר מוזן זיך אַרויסציִען פון דאַנען.

דאַן האָט ראָזע אַוועקגעלייגט איר האַנט אויף דער מוטערס קני און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— איך וועל שוין זען זאָלסט עס ניט טאָן!

צוויי מעת־לעת האָט געדויערט דער פּאָגראָם אין ייִדישן טייל פון וואַרשע. געהרגעט האָט מען געציילטע ייִדן. פאַרוואונדעט עטלעכע צענד־ליק. צעהאַקט אַ סך שענקען, געוועלבער און בתּי־מדרשים, צערויבט אַ סך פאַרמעגן.

אויף מאָרגן איז שוין ראָזע באַגלייט געוואָרן פון איר פאָטער אין שולע. פאַרנאַכט, ווען זי האָט זיך צוריקגעקערט, האָט זי אָנגעטראָפן אַ חברטע, וועלכע האָט איר דערציילט, אַז די מוטער פון עטל גאָלדמאַן האָט מען היינט אין דער פרי געפונען אַ טויטע, מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ.

די ידיעות וועגן די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָט ראָזע אין אַלגעמיין אויפגענומען ווי עפּעס העסליכעס, נאָר דאָס וואָס זי האָט צוגעזען האָט אָנגערירט אין איר עפּעס אַזוינס וואָס האָט אַ שייכות צו איר שטאַם.

אירע עלטערן האָבן זיך שטענדיק געפילט פון ייִדן דערווייטערט און זיך באַמיט צו פאַרשטאַרקן ביי די קינדער דאָס פּוילישע און, איבער־בייגנדיק אָפּטמאָל דעם שטעקן, זיך באַמיט אויסצוגעפינען ביי ייִדן וואָס מער חסרונות, און דאָך האָט זי איצט דערפילט אַ שטיקל חלק אין דעם באַזונדערן ייִדישן צער, וואָס האָט זיך אויסגעלעגט אין הויף, און זיך אויף אַ רגע פאַרלוירן ניט וויסנדיק געגוי צו באַשטימען איר באַזונדערע שייכות צו דעם.

אָבער דאָס אַלץ האָט פּאַסירט אין איין טאָג. אויף מאָרגן האָט שוין

ראָזע געטראַכט ניט אַזוי וועגן דעם וויטיק ביי יעדן איינציקן פון די דאָזיקע יידן, ווי וועגן דער צעשראָקנקייט פון די יידישע מאַסן בכלל, און וועגן דער נויטיקייט זיי אויפצוקלערן אין וואָס עס גייט דאָ.

און אָט אין וואָס עס גייט. עס גייט אין דעם וואָס יוזעף האָט געזאָגט: מיט די פּאָגראָמען מיינט מען לעשן דעם צאָרן ביי דעם געדריקטן פאָלק.

יענעם פאַרנאַכט איז זי שוין געזעסן ביי זאָשען, באַלויכטן מיט דער שיין, וואָס גיסט זיך איבער פון טאָג און נאַכט, האָט זי זיך צוגעהערט וואָס יענע האָט איר דערציילט. עס איז געווען וואָס צו הערן:

— ווייסט וואָס אַ געזעלן האָט מיר דערציילט, ראָזע? הער און שטוין!

— האָט זאָשע אַרומגענומען ראָזען:

— יענעם אָונט, ווען מען האָט זיך געריכט ביי זיי אויף וואָלינסקע אויפן פּאָגראָם, זיינען אַלע יידן פון דער גאַס זיך צונויפגעקומען אין שול צום דאַווענען. יידן האָבן געוויינט ווי קליינע קינדער, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, געבעטן גאָט. פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ פּאַטש אויפן טיש און עס האָט זיך דערהערט דאָס קול פון אַ יידן, נח דער פורמאַן: יידן, האָט ער געזאָגט, לאָמיר ניט גיין צו דער שחיטה ווי די לעמער! לאָמיר זיך אַנטקעגנשטעלן! לאָמיר אַרויסגיין מיט בייטשן, מיט שטעקנס און זיי ווייזן, אַז מיר פאַרטיידיקן זיך!

— און וואָס האָט פּאַסירט אויף אַסטראָווסקע גאַס, האָסטו געהערט?

— האָט זי שטיל געזאָגט מיט אַ פייערל אין די אויגן: — דאָרט וואוינען „וואָוילע יונגען“, באַלד אויף צומאָרגנס זיינען זיי באַפאַלן דאָס פּוילישע שפּייז־געוועלבל, וואָס איז אויף זייער גאַס, און האָבן געטאָן דאָס זעלביקע וואָס די באַנדיטן האָבן זיי געטאָן צו יידישע קראָמען, האָבן זיך געקילט דאָס בלוט. — און הער ווייטער: עס האָבן זיך געפונען — האָט מיר מיינער דערציילט — פּוילישע פאַבריק־אַרבעטער, וואָס זיינען אַרויס אויף דער גאַס און געהאָלפן די יונגען פון אַסטראָווסקע פאַרטרייבן די כוליגאַנעס. און דאָס איז וויכטיקער פון אַלץ, אַזוי האָט מיר געזאָגט מיינער.

ראָזע האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער ביטאָרין, איר געקוקט גלייך אין מויל אַריין, און אין בליק פון אירע סאַמעט־ברוינע אויגן איז געווען צו דערקענען, אַז זי פאַרשטייט אַלץ.

ערשט איצט האָט זיך דערמאָנט אין יוזעפס רייד: מיט די פּאָגראָמען מיינט מען לעשן דעם צאָרן פון דעם געדריקטן פאָלק.

וואוקס

יאָר 1883.

עס קומען פּאָר נייע ענדערונגען אין לעבן פון פּוילן און פון דער מלוכה־שטאָט וואַרשע. אין קאָנגרעס־פּוילן געפינען זיך שוין איבער הונדערט און צוואַנציק טויזנט פאַבריק־אַרבעטער. זיי אַרבעטן לאַנגע שעהען און קריגן אַ קאַרגן לוין. אין די הערצער פון די אַרבעטער ווערט דערשטיקט אַ ברויזנדיקער צאָרן, וואָס וועט אין איין טאָג אויסברעכן ווי אַ לאַווע.

ראָזע איז שוין איבער 13 יאָר. זי גייט אין פערטן קלאַס פון גימנאַזיע, איז אַן אויסגעצייכנטע שילערין. זי געהערט שוין צו אַ געהיימען סטודענטן־קרייזל, וואָס קומט זיך צונויף יעדן טאָג אין אַן אַנדער אָרט. דאָרט האָט זי געהערט, אַז עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ געהיימע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע „פּראָלעטאַריאַט״, וועמענס אָנפירער עס איז לודוויק וואַרינסקי. זי נעמט עס אויף ווי עפּעס גרויסעס, פון היסטאָרישער באַדייטונג. די גרינדער פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען: לודוויק וואַרינסקי, אַ הויכער מיט העל־בלויע אויגן — אַזוי גיבן איר איבער די חברטעס פון קרייזל; זיין געהילף — אַ בלייכער יונגערמאַן, אַ קליין וואוקסיקער אין ברילן. ראָזע זעט זיי צום ערשטן מאָל, הערט זיי רעדן און דערביי זיינען ביי איר שאַרף אָנגעצויגן אַלע חושים און זי שלינגט יעדעס וואָרט.

אין אָוונט האָט זי ליב צו גיין איבער די גרויסע גאַסן כדי זיך אָנצוזעטיקן מיט מער ליכט. די רייכקייט וואָס ליגט אויף די הויפּט־גאַסן מאַרשאַלקאָווסקע, אַליי יערזאָלימסקע, צווינגט איר נאָכמער צו טראַכטן איבער דער קאָנטראַסט צווישן דעם וואָס דאָ און דאָרט. און ווען זי קערט זיך אום אַהיים ווייזן זיך איר אויס די געסלעך און די הויפן ווי שמאָלע רינעס פון פינצטערניש. זי טראַכט, אַז אַזוי קען ניט זיין. עס וועט זיך מוזן בייטן.

ראָזע חלומט ווי יונגע אָפּיצערן פאָרן אַרויס פון בעלוועדער און זיי יאָגט נאָך דער הויכער און העלער לודוויק, אין זיינע הענט פלאַקערן פאַקלען פון פרייהייט.

אויף מאָרגן גייט זי אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון קרייז פֿאַר זעלבסטביל־דונג „מאַרקסאַווקע״. ראָזע האָט עס גערעכנט פֿאַר אַ גרויס גליק, וואָס מען האָט איר צו וויסן געגעבן וועגן דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג. מ׳האָט צווישן די שילערינס און סטודענטקעס אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז וואַ־רינסקי וועט דאָרט אויך זיין.

אויפֿן ראַג פֿון שענע האָט זיך געפֿונען די געביידע. מען דאַרף אַריינ־גיין אין הויף און אַרויפֿגיין אויפֿן דריטן שטאָק, אָנקלאַפּן אין טיר און נוצן אַ געהיימען לאָזונג. ראָזע ווייסט שוין די לאָזונג.

אין איינעם פֿון די צוויי היפּשע צימערן זיינען געשטאַנען עטלעכע טישלעך, אַ פּאָר וויכע, גרין־אויסגעבעטע שטולן, און נעענטער צו די ווענט — בענק.

ס׳איז שוין געווען ניין אַזייגער.

סטאַניסלאַוו קוניצקי, זייער אַן ענערגישער בחור, מיט אַ קורץ אונ־טערגעשאָרן בערדל, האָט זיך אַרומגעדרייט, באַטראַכטנדיק די אָנגעקומענע און עפּעס אָפּגעגעבן פֿאַראָרדענונגען איינער אַן עלטערער קורסיסטקע. ראָזע האָט געזען סטאַניסלאַווס צעפֿלאַמט פּנים און די צוויי קוילעכלעך־אויגן, וואָס האָבן געפֿינקלט. עס איז געווען צו דערקענען, אַז ער האָט דעם גרעסטן אָנטייל אינעם היינטיקן צונויפֿקומען זיך.

אָט קומט צו אַ גימנאַזיסטקע אין אַ קליין פֿוטערן היטעלע און טענהט צו סטאַניסלאַוו קוניצקין. ער איז ניט מסכים און גייט אַוועק, דרייענדיק מיטן קאָפּ.

— עס וועט ניט זיין ענג! — שרייט ער צו איר, ווען ער איז שוין אין צווייטן צימער.

ס׳איז בפּירוש יאָ געווען ענג. דאָס מיידל איז געווען גערעכט.

אינגיכן האָבן זיך די צימערן אָנגעפֿילט מיט די סטודענטן און גימ־נאַזיסטקעס.

אייניקע האָבן זיך צעזעצט אויף די בענק.

די גימנאַזיסטקע אין קליינעם פֿוטערן היטעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער פּיאַנאָ און באַשאָנקען דעם עולם מיט אַ שטילן און ווייכן שאפּען־מאָטיוו.

ווען זי האָט געענדיקט האָבן סטאַניסלאַווס קוילעכלעך אויפֿן פּנים אַ וואונק געטאָן צו די פֿאַרזאַמלטע:

— איר ווייסט, סטודענטן און סטודענטקעס . . .

— ווייניק סטודענטקעס, — האָט זיך דערהערט דער קלענסטער ראָזעס קול.

— ווייניק, ווייניק, — האָט סטאַניסלאַוו אַ שמייכל געטאָן, — עס וועלן נאָך צוקומען . . . מיר האָבן היינט געזאָלט דורכלייענען לאַסאַלס אַרטיקל וועקן קאָנסטיטוציע, אָבער עס איז געשען אַזאַ פאַל, וואָס מיר מוזן זיך אויף אים אָפּרופן. איך מיין, אַז פיל פון אייך ווייסן וועגן דעם.

דער עולם סטודענטן האָבן זיך ניט איילנדיק אויפגעהויבן פון די ערטער און מ׳האָט זיך נעענטער צוגערוקט צו קוניצקין.

— ניין, מען ווייסט ניט, — האָבן זיך דערהערט קולות פון עטלעכע ווינקלען.

סטאַניסלאַוו האָט געכאַפּט אַ קוק צו די פענצטער. גלייך פון דאָרטן וואָלט געדראָט אַ געפאַר. ס׳האָט אַריינגעקוקט אַ קאַלעמוטנער אָוונט מיט שוואַרצע שטיקלעך הימל.

— באַלד, שטילער.

סטאַניסלאַוו האָט אַרויסגעפירט פון צווישן עולם איינעם אַ נידעריקן ברילנדיקן און געוויזן אויף אים מיט די פינגער:

— דאָס איז סיימאָן דיקשטיין. ער וועט אייך איבערגעבן איינדרוקן וועגן סטרייק, וואָס איז אויסגעבראָכן אין זשעראַרדאַוו.

דיקשטיין האָט זיך אויפגעשטעלט, פאַרריסן דעם קאָפּ, איבערגעגעבן איינצלהייטן און פאַרגעלייגט מען זאָל צונויפשטעלן אַן אויפרוף צו די אַרבעטער. דערביי האָבן ביי אים די טונקעלע אויגן געגלאַנצט פון גרויס אויפרעגונג. ער האָט ניט דערוואַרט, אַז דער עולם זאָל אַזוי הייס רעאַגירן.

— ניט נאָר אַן אויפרוף, — האָט מען געשריען, — מען דאַרף צופאָרן אַהין און אָנפירן מיטן סטרייק אויפן אָרט.

— ווער זאָל פאָרן?

— וואַרינסקי אַליין.

— ניט נאָר וואַרינסקי, מיר אַלע.

— און אַז מען וועט אַרעסטירן?

— זאָל מען!

פאַר ראָזען איז די דאָזיקע צונויפקומעניש געווען אַזאַ בייעס, אַז דאָס האַרץ האָט ניט אויפגעהערט האַסטיק צו קלאַפּן. זי איז געווען איינע פון די וואָס האָבן געטראַכט, אַז אפילו ווען עס איז בויטיק איבערצורייסן

דאָס לערנען דאַרף מען אַהין אַוועקפאָרן . . . מען דאַרף גיין צום פאָלק.

זי איז אפילו צוגעגאַנגען צו קוניצקין און געבעטן מען זאָל איר דערלויבן עפּעס צו זאָגן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער קליין־וואוקסיקער ראָזען, דערזען אירע ברענענדיקע אויגן.

— איר ווילט עפּעס זאָגן?

— יאָ, — און ראָזע האָט זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע:

— לאָמיר אַליין פאָרן קיין זשיראַרדאָוו און פאַרשפּרייטן דעם אויפרוף, אָבער לאָמיר זיך ניט באַנוגענען מיט דעם. לאָמיר אין שולע און אוניווערסיטעט מאַכן דעמאָנסטראַציעס לטובת די סטרייקנדיקע, אָנהייבן אַן אַקציע וואָס זאָל זיי צווינגען צו רעאַגירן.

— ווער איז דאָס מיידעלע? — האָט מען זיך נאָכדעם אָנגעפרעגט ביי קוניצקין.

די קורסיסטקע אין קליינעם פוטערנעם היטעלע איז צוגעגאַנגען צו ראָזען:

— אייער האַנט, חברטע!

ביי ראָזען איז דער קנייטש צווישן די ברעמען געוואָרן לענגער און טיפער. און כאָטש זי האָט שוין ניט גערעדט איז זי נאָך געווען אַזוי פאַרקלערט. עפּעס האָט זי נאָך אינזינען געהאַט צו זאָגן און ס'האָט איר פאַרדראָסן, וואָס זי האָט עס ניט געזאָגט.

וואַרינסקי אַליין איז צו איר צוגעגאַנגען:

— אייער האַנט.

ראָזע האָט געגעבן די האַנט. ער האָט איר האַנט לאַנג געהאַלטן אין זיינער.

די סטודענטין איז צוגעקומען און געזאָגט:

— וואו וואוינט איר? איך וועל צו אייך קומען, איר דערלויבט?

מ'האָט אינגיכן דורכגעוואָרפן אַ וואָרט, וואָס האָט אַלעמען הייס אַ טשמעל געטאָן איבערן קאָפּ און אויפגעוועקט אַ שפּאָגל־נייעם און פרישן געפיל:

— רעוואָלוציע!

איינער האָט געזאָגט: — אַ רעוואָלוציע דאַרפן מיר אויך אין רוסלאַנד אַזוי ווי אין פראַנקרייך.

ס'האָט זיך שפּעטער אויפגעשטעלט אַ יונגערמאַן, פון אויסזען אַן עלטערער סטודענט, איינער פון די וועגן וועלכע עס דאַכט זיך, אַז זיי

וועלן אייביקע סטודענטן זיין, ער האָט איבערציגנדיק געמאָלדן:

— אָט ווילט איר דאָ רעוואָלוציע, איך וויל אויך. אָבער רוסלאַנד איז נאָך ניט גרייט. אין רוסישן דאָרף איז פינצטער, קויטיק און וויסט. לאָמיר פריער צעאַקערן די רוי־ערד, וועלן דערנאָך וואַקסן קערנער.

שפעטער־צו איז אַרויס אַ דאַרער יונגערמאַן מיט אַ בלאַס אויפגע־רעגט פנים, וואָס אָט־אָט צערייסט זיך אויף דעם די הויט, אַזוי זעט עס אויס דורכזיכטיק דין. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן נאָך פריער, בשעת אַלע האָבן גערעדט, האָט ער געוואָלט רעדן, איצט האָט ער זיך אָנגענומען מיט כוח:

— סטודענטן, גימנאַזיסטקעס! איר ווייסט וועגן די פּוילישע מיא־טעזשניקעס, אָבער וואָס ווייסט איר וועגן די רוסישע פּויערים? אַ פאָלק קרעכצט אונטערן שטיוול, מען הענגט, מען ראַבעוועט, מען שלאָגט, מען הרגעט, צי ווייסט איר עס?

זיין קול איז געווען צעשפּאָלטן־אויפגערעגט און זיינע גרויסע אָר־מעטיקע אויגן האָבן קוים־קוים באַלויכטן די דורכזיכטיקע דינע הויט אויף זיין פנים.

ראָזע איז צוגעגאַנגען צו אים:

— אייער נאָמען?

— מיכל אסאווסקי.

— איר זענט שוין לאַנג פון דאָרטן?

— ניין, ניט לאַנג געקומען פון פּעטערבורג.

ראָזע האָט זיך פאַרטראַכט וועגן גרויסן העלדישן לעבן פון די רע־וואָלוציאָנערן, וועלכע שמאַכטן אין סיביר און וועגן יענע, וואָס זיינען אומגעקומען אויף דער תליה.

מיכל אסאווסקי איז דער וואָס טראָגט די ליידנשאַפט פון יענע אומ־געקומענע העלדן.

די צימערן האָבן אָנגעהויבן ליידיק ווערן. איינציקווייז זיינען די פאַר־זאַמלטע זיך צעגאַנגען אויף די אויפדערנאַכטיקע גאַסן.

אין ראָזעס אויגן איז די דאָזיקע פאַרזאַמלונג אויסגעוואַקסן צו עפּעס גאָר גרויסעס און זי האָט אויך דערפילט איר אייגענעם וואוקס.

דער וועג איז קלאָר

דער סטרייק אין זשיראַרדאָוו האָט זיך פֿאַרענדיקט. די אַרבעטער האָבן געוואונען. עס זיינען דערביי אָבער געפֿאַלן קרבנות. דריי טויטע, עטלעכע צענדליק זיינען אַרעסטירט געוואָרן.

עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אומלעגאַל אַ צייטונג „דער פּראָלעטאַריאַט". ראָזע איז די פֿאַרבינדערין פֿון איר זעלבסטבילדונג־קרייזל מיט דער אָרגאַניזאַציע. נאָך דער שולע איז זי זעלטן אין שטוב, ווערט ווי פֿאַרפֿאַלן.

אין שטוב איז שטילער. לינאַ זיפּצט אָפּ און ראָזע דערפֿילט, אַז אין דער מאַמעס זיפֿצן ליגט זאָרג און פֿאַרבאָרגענע טענות. זי קוקט אויף דער מוטערס שטאַרק געקנייטשט פּנים און וויל זי מיט עפּעס טרייסטן, אָבער ווייסט ניט ווי אַזוי, אַז סך־הכל געהערט זי שוין ניט אינגאַנצן צו דער שטוב. זי געהערט שוין אויך אַנדערע, דער אָרגאַניזאַציע, דער „זאַך".

שבת אין דער פֿרי איז ראָזע אויפֿגעשטאַנען פֿאַרטאָג און איז שטילערהייט אַוועק אויף רימאַרסקע, וואו זי האָט זיך געדאַרפֿט טרעפֿן מיט סטאַניסלאַוון, כדי גיין צוזאַמען צום באַן־הויף. ער איז געקומען צו דער צייט. זיי זיינען צוזאַמען אַוועק. געגאַנגען זיינען זיי פּאַמעלעך, ניט געאיילט. עטלעכע מאָל האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט קוקן אין וויטרינעס און האָבן דערביי עפּעס געשמועסט, ווי די וויטרינעס וואָלטן זיי זייער שטאַרק אָנגעגאַנגען.

די גאַסן זיינען געווען פֿרילינגדיק פֿריש. ווייניק מענטשן. אויף די ראָגן האָבן פֿורמאַנעס געדרעמלט אויף די הויכע געזעסן פֿון זייערע דראָזשקעס. וועכטער אין פֿאַרטוכער האָבן געראַמט און גערייניקט די גאַסן.

צווישן די ווייניקע פֿאַרבייגייער אויפֿן וועג האָבן ראָזע און סטאַניסלאַוו באַגעגנט עטלעכע יונגע פּאָרלעך, און זיי האָבן זיך געפֿילט זיכערער און געמיטלעכער.

אויפֿן באַן־הויף זיינען געווען אַ סך מענטשן, דראָזשקעס, זשאַנ־

דאַרמען און פּאָליציי. סטאַניסלאַוו און ראָזע האָבן שפּאַצירט אָן דער זייט, זיי זאָלן זיך צופיל ניט וואַרפן אין די אויגן. שפּעטער זיינען זיי צוגע־גענגען צו דער קאַסע פרעגן וויפל אַ בילעט קאָסט. זיי האָבן אויסגעזען ווי אַ גימנאַזיסט מיט זיין יינגערער שוועסטער. זיי זיינען אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע. אַ זשאַנדאַרם מיט גרויסע גרויע וואָנצעס האָט אויף זיי אַ שאַרפן בליק געוואָרפן. דעמאָלט האָט ראָזע רואיק און מיט אַ חנדל גע־זאָגט עפּעס סטאַניסלאַוון און זיך שטאַרק צעשמייכלט. ער האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט, זי גענומען פאַר דער האַנט און זיי זיינען לאַנג־זאַם אַוועק.

אָן אַ זייט, אויף דער פּלאַטפאָרמע, זיינען געשטאַנען ברייטע באַן־וועגעלעך אָנגעלאָדן מיט פראַכט־קאַסטנס, קערב, פּעק. זיי האָבן זיך צו־געשפּאַרט צו איינעם פון די קאַסטנס און די פּעק האָבן זייביידן פאַר־שטעלט. סטאַניסלאַוו האָט אַרויסגענומען דעם זייגער און געזאָגט ווי פאַר זיך: „שוין, דוכט זיך, צייט". ביי די וואָקזאַל־טירן איז טאַקע באַלד גע־וואָרן טומלדיק. עס האָט זיך דערהערט אַ געקלאַנג פון אייזן און באַ־פעלנדיקע אויסגעשרייען. סטאַניסלאַוו און ראָזע האָבן אַרויסגעקוקט פון הינטער די פּעק.

אַרעסטאַנטן זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט מיטן פּנים צו די רעלסן און מיט די פּלייצעס צום וואָקזאַל. די הענט ביי זיי זיינען געווען אויף הינטן געשלאָסן אין קייטלעך, ביי אַ טייל זיינען די פיס געווען אין קייטן געשמידט. סטאַניסלאַוו און ראָזע האָבן געזען נאָר די פּלייצעס פון די אַרעסטירטע און פון דער וואַך. די אַרעסטירטע האָט מען געציילט, באַ־זוכט, נאָכדעם האָט מען זיי אָפּגעפירט ווייטער, אַריבער די רעלסן, אויס־געשטעלט ביי אַ צוג. סטאַניסלאַוו האָט גלייך דערקענט אייגענע און ראָזע האָט מיט די בליקן געזוכט און גענישטערט, ביז צווישן די אַרעסטירטע האָבן זיך אויסגעטיילט באַקאַנטע געזיכטער. זי האָט פון אויפרעגונג לייכט געציטערט. זי האָט זיך ניט געקענט באַהערשן. און די אויגן, וואָס זיינען פאַרלאָפן געוואָרן פון טרערן, האָבן אויך גענומען שניידן פון אָנגעש־טרענגטן קוקן. זי האָט זיך אָבער אַ שאָקל געטאָן, ווי עפּעס אָפּגעטרייסלט פון זיך און געזאָגט צו סטאַניסלאַוון:

— קום, זאָלן זיי אונדז אויך זען.

זיי זיינען אַרויס פון הינטערן פראַכט־וועגל און לאַנגזאַם אַוועק איבער דער פּלאַטפאָרמע צום אַרויסגאַנג. סטאַניסלאַוו האָט אויסגעדרייט דעם

קאָפּ צו די אַרעסטירטע און זײנע בליקן האָבן זיך באַגעגנט מיט בליקן פון חברים.

אויף קראָקאווער פּאַרשטאָט, צוריק פון וואָקזאַל, זײנען זײ געגאַנגען שווייגנדיק. נאָכדעם האָט ראָזע געזאָגט:

— גוט. זײ האָבן אונדז געזען.

— ווער?

— אונדזערע.

— דו קענסט זײ דאָך ניט אַלע.

— דאָס איז נאָך בעסער, — האָט ראָזע געזאָגט צופרידן, — אויב אומבאַקאַנטע . . . וועלן זײ פאַרשטיין, אַז אין דער באַוועגונג קומען צו נײַע מענטשן. נײַע מענטשן קומען צו אין קאַמף. זײ איז גרינגער דעמאָלט. לײַכטער אַריבערטראָגן די שווערע טעג.

פאַר ראָזען איז באַזונדער ניי געווען די באַציאונג צו מענטשן, וועלכע זי האָט דערפילט צווישן די חברים פון דער אָרגאַניזאַציע. די אָפּגעזונ־דערטקייט, איינגעשלאָסנקייט פון די עלטערן, די פאַרהייראָטע ברידער און דער איינציקער שוועסטער, די טונקלקייט פון די היימישע צימערן האָט אָנגעהויבן נאָך מער צעשווימען, צערונגען ווערן. זי האָט געטראַכט: אַ היים איז דאָרטן, וואו מען קאָן אַ צווייטן אַנטרויען ווי זיך אַליין. זי האָט געפילט, אַז איצט געהערט זי צו עמיצן. צו אייגענע חברים, צו אַן אידייע.

זי האָט געזאָגט צו סטאַניסלאַוון:

— מיר דוכט . . . חברשאַפט איז העכער פון פריינטשאַפט.

פאַר סטאַניסלאַוון איז אין דעם מאָמענט געווען אומדערוואַרט דער דאָזיקער אויספיר אין מויל פון פערצן־יאָריקן מיידל.

— אָן אמתער פריינטשאַפט, — האָט ער געענטפערט, — איז קיין חברשאַפט אויך ניט פאַראַן.

— פריינטשאַפט מיין איך היימישע, פאַמיליאַרע.

סטאַניסלאַוו האָט אַ ווײַלע געקלערט.

— עס ווענדט זיך אויך וועלכע פאַמיליע.

— די העכסטע מאָס פון חברשאַפט קאָן נאָר זיין פריינטשאַפט.

זיי זײַנען אַרײַן אין זאַקסישן גאָרטן, פאַרגאַנגען אין די אַלייען און אין באַזונדערע זייטן זײַנען אַוועק יעדערער זיין ווייטערדיקן וועג.

זי האָט באַגעגנט די סטודענטקע מיטן פוטערן היטעלע. יענע האָט

זי אַרומגעכאַפּט:

— איך האָב היינט גערעדט מיט לודוויקן וועגן דיר.

— וועגן מיר? וואָס?

— ער האָט מיר געזאָגט, — איז דאָס מיידל שטיין געבליבן, —אַז דיין וועג אין לעבן, רעכנט ער, איז שוין מער אָדער ווייניקער אָנגעמערקט.

— דער וועג פון אַ רעוואָלוציאָנערקע?

די סטודענטקע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און פּלוצלינג מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט ראָזעס קאָפּ און זיך הייס איינגעזויגן מיט די ליפּן אין איר שטערן.

***

לודוויק וואַרניסקי איז אָפיציעל, פאַר נאַטשאַלסטווא, דער באַלעבאָס פון אַ שלאָסער־װאַרשטאַט. ביי אים אין צימער אויף רימאַרסקע איז אָבער דער הויפּט־שטאַב פון דער אָרגאַניזאַציע. און אַלעמאָל ווען ראָזע קומט צו אים אין שליחות פון דעם קרייז ווערט איר באַנייס קלאָר, אַז ער איז דער פאַרקאָנספּירירטער אמתער באַלעבאָס פון דער גאַנצער שטאָט מיט אַרבעטער.

ביי ראָזען זיינען שטייף אָנגעצויגן אַלע חושים בשעת ער רעדט פאַר איר וועגן די אויפגאַבן פון פּראָלעטאַריאַט. פון זיין געטאָקט לעגגלעך פּנים טוט דערביי צו איר פון מאָל־צו־מאָל שיר ניט אַ שמייכל די יונג־בחורשע חנעוודיקע בנעימותדיקייט, וואָס שפּראָצט אַריין טראָפּנס פריינטשאַפט.

מיט אַנדערע רעדט ער בלויז וועגן דעם וואָס לאַוראָוו, אָדער בעבל שרייבן, מיט איר אָבער, — דער בעסטער אין קרייז, — פאַרגינט ער זיך ריידן וועגן מאַרקסן אַליין.

זי קוקט אויף אים מיט ברייט־צעעפנטע אויגן. אירע געשלאָסענע ליפּן טוען פון מאָל־צו־מאָל אַ ציטער. זי טראַכט ווי אַפּגעזונדערט ער לעבט דאָ און אַז אין זיין אויפגערעגט אַרומשפּאַנען דאָ אין צימער פילט זיך דער גאַנצער אומרו פון אַן אַרעסטאַנט.

פייער און האָלץ

דאָס רעדל שיין ווערט קלענער און קלענער. זי ווערט פאַרפאַלן אין דעם ווינקל פון גרויסן צימער, אין דער צווייטער גימנאַזיע פאַר מיידלעך אויף זלאָטע גאַס.

לעבן רעדל שיין זיצן עטלעכע סטודענטן און סטודענטקעס פון „קרייזל“. אויף די הענט ביי יעדן ליגן די העפטן מיט די באַטיצן וועגן געשיכטע.

פון צייט צו צייט הערט מען, ווי מען שושקעט זיך.

עטלעכע אָנגעשטרענגטע פּאָר אויגן הערן ניט אויף צו קוקן אויף ראָזען, וואָס דערציילט און לייענט עפּעס אַרויס פון אַ ביכל.

עטל גאָלדמאַן גייט אַלעמאָל צו דער טיר. זי ציטערט. זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז מען האָט זיי שוין איינמאָל געכאַפּט מיט פאַרבאָטענע ביכלעך. עטל האָט שוין עטלעכע מאָל געבעטן מען זאָל זיך צונויפזאַמלען ביי איר אין הויז. דאָרט איז וויניקער געפערלעך. אמת, די אויפזעער פון דער וואוינונג אויף גענשע האָבן אָפּטער אָנגעהויבן אַריינצוקומען צו־גאַסט, כלומרשט זען, וואָס עס טוען דאָ מיידלעך און יונגעלייט — אָבער אין דער גימנאַזיע איז דאָך געפערלעכער . . .

דערצו זיינען דאָ גימנאַזיסטקעס וואָס זיינען היציק און קאָנען ניט ליידן שטיל. זיי פאַרגעסן, אַז דער פּאַרוואַלטער נישטערט די לעצטע צייט און שיקט אפילו אונטער פאַרדעכטיקע שילער זיך אונטערצוקוקן. אָט געפינט זיך דאָ העלענע דאמבראַווסקאַ. זי טראָגט אַ זיידן שאַלעכל אויף די אַקסלען. מען זעט זי זעלטן צווישן קרייזל. אַז זי קומט זעצט זי זיך אַוועק און באַטראַכט יעדן איינציקן. פון עטלען לאָזט זי ניט אַראָפּ קיין אויג.

אָט גיט זי אַ טאַרע דאָס זיידן שאַלעכל אויף די אַקסלען און פרעגט:

— עטל, וואָס זיינען עס פאַר אַ געשיכטעס וואָס רוזשקע לייענט?

עטל שוויגט, באַטראַכט מיט פאַרביסענעם פאַרדאַכט דאָס זיידענע שאַלעכל אויף העלענעס פּלייצעס.

— אַ ניי ביכל דערציילונגען פון אַ רוסישן שרייבער, — הער זיך גוט איין, ס'איז אינטערעסאַנט.

— איך זיץ שוין דאָ דאָס דריטע מאָל און הער זיך אַלץ איין אין רוזשקעס קול. איר קול איז ביי איר נישט ווי ביי אונדז אַלעמען, — גלייכט ווידער אויס העלענע דאָס זיידענע שאַלעכל.

— פאַרוואָס? — פאַרשטייט ניט עטל.

— ווייל זי איז אַ גרויסע געלערנטע.

עטל טוט אַ קוק אין ווייטן ווינקל, וואו אין שיין־רעדל זיצן די עט־לעכע סטודענטקעס. זי זעט ווי צווישן ראָזעס שמאָלע אַקסלען באַוועגט זיך איר קאָפּ. אויף דער וואַנט איז דער שאָטן פונעם קאָפּ כמעט אַ העלפט פון איר קליינעם קערפּער.

— זע נאָר, עטל, — זאָגט העלענע, — קוק אויף איר קאָפּ, אַזאַ גרויסער . . .

— ניט בלויז איר קאָפּ, דאָס האַרץ אויך . . .

עטל נעמט אָן העלענען ביי דער האַנט און פירט זי מיט זיך.

— קום וועלן מיר הערן.

ביידע מיידלעך שווימען אַריין אין דער ראָד־שיין פון ווינקל אינעם צימער. הערן זיך צו צו ראָזעס דערקלערונג פאַרן אָנהייבן לייענען אַ נייע דערציילונג.

— . . . קאַראַלענקאָ, פּונקט ווי דער גרויסער לערער פון די נאַראָד־ניקעס מיכיילאָווסקי, איז מיט דער דערציילונג אויסן צו ווירקן קעגן די פאַרפירערישע לערעס פון לעוו טאָלסטאָי.

— טאָלסטאָי, פאַרפירעריש? — וואונדערן זיך די זיצנדיקע, און זייערע שאָטנס ציטערן אויף דער וואַנט.

— די לערעס פון פּאַסיווקייט, פון ניט קעגן שטעלן זיך דעם שונא פון פאָלק. טאָלסטאָי האַלט דאָך אין איין שרייבן לעגענדעס און דער־ציילונגען אין גייסט פון קריסטלעכער פאַרגעבונג, אונטערטעניקייט. אָט, הערט „די לעגענדע וועגן פלאָרוס".

די אָנגעשטרענגטע בליקן צינדן זיך אָן. הערן זיך איין מיט פאַר־כאַפּטן אָטעם. ראָזע לייענט מיט אַ שטילן ברען:

„. . . די רוימער האָבן געהערשט אין לאַנד יהודה מיט פייער און שווערד. זיי האָבן אויסגערויבט דאָס לאַנד און אויסגעזויגן דאָס זאַפט פון די איינוואוינער. דאָס פאָלק האָט געקרעכצט, זיך געבויגן אונטערן

דרוק פון שונאס יאָך. צוזעענדיק די ליידן פון פאָלק איז אויפגעשטאַנען דער חכם מנחם, דער זון פון יהודה, און גערופן דאָס פאָלק צו האַלטן זיך אין דער העלדישער טראַדיציע פון זייערע זיידעס. ער האָט געוועקט צו אַן אויפשטאַנד, צום הייליקן קריג קעגן די רוימער. קעגן אים זיינען בלויז געווען די גרופּע פון די עסייענער".

— עסייענער? — האָט אַ סטודענטקע אַריינגעוואָרפן אַ פראַגע.

ראָזע האָט אויפגעהויבן אירע אויגן פון בוך. קלוג אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט:

— פּאַרצייטיקע פרומע, וואָס זיינען, אַזוי ווי טאָלסטאָי איצט, געווען קעגן באַנוצן זיך מיט קראַפט, געזען די איינציקע ישועה אין אַנטלויפן פון די שטעט און לייטערן זייערע לעבנס ביי די טייכן, אין די וועלדער.

ראָזע האָט איבערגעמישט אַ בלעטל און ווייטער געלייענט:

„... מיט דיין רוף צו קריג וועסטו בלויז ברענגען אומגליק, — האָבן זיי געזאָגט מנחמען. אַ שטאָט, אַז זי ווערט באַלאַגערט פונעם פיינט, שענקען די באַלאַגערער דאָס לעבן צו די אונטערטעניקע בירגער; אָבער די וואָס קעמפן קעגן זיי, ווערן געטויט אויפן אָרט. לאָמיר דעריבער לער־נען דאָס פאָלק אונטערטעניקייט, כדי זיי צו פאַרהיטן פון אומקום ... פונקט ווי מען קאָן ניט אויסטריקענען קיין וואַסער מיט וואַסער און מען לעשט ניט קיין פייער מיט פייער, אַזוי קאָן מען אויך ניט באַזיגן מאַכט דורך מאַכט. מאַכט איז אַן און פאַר זיך שלעכט.

„אָבער מנחם דער זון פון יהודה האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. ער האָט געענטפערט: מאַכט אַליין איז ניט גוט און ניט שלעכט. גוט און שלעכט איז נאָר דער אופן ווי מען באַנוצט זיך מיט מאַכט. ווען מאַכט ווערט באַנוצט ווי אַ מיטל צו אונטערדריקן דעם שוואַכן איז עס שלעכט; אויב אָבער מען באַנוצט זיך מיט דער מאַכט צו שיצן דעם שוואַכן חבר, ווערט די קראַפט פאַרוואַנדלט אין אַ ברכה. מען לעשט טאַקע ניט קיין פייער מיט פייער. אָבער אַ שטיין פאַלט אויף אַ שטיין און אייזן ברידערט זיך מיט אייזן. מאַכט קען באַזיגט ווערן פון אַן אַנדער מאַכט. דאָס און נאָך עפּעס: די קראַפט פון די רוימער קאָן געגליכן ווערן צו פייער, אָבער זייער גייסט — איז האָלץ. דאָס פייער מוז פאַרצערן דאָס גאַנצע האָלץ.

די זיצנדיקע אין ראָד האָבן זיך געכאַפּט צו זייערע ביכלעך, אויף גיך און פיבערדיק גענומען פאַרצייכענען. אויף דער וואַנט זיינען געלאָפן כוואַליעכלעך פּאַפּיר־זייטלעך, געיאָגט איינס דאָס אַנדערע.

ראַזע האָט אויפגעהויבן די אויגן:

— די לעגענדע פאַרענדיקט דער שרייבער מיט דער תפילה פון מנחמען:

„מיין האַר, מיין האַר! ברענג אונדז ניט צו דער צייט ווען מיר וועלן אָפּקערן פון דיין געבאָט. לאָז אונדז ניט ברענגען אויף אונדזערע ליפּן אַזעלכע ווערטער אַזוי צו זאָגן: „מיר וועלן זיך אַליין העלפן און לאָזן די שוואַכע אויף זייער אייגענעם באַראָט . . . לאָמיר זיך אויפשטעלן קעגן אומרעכט . . . האַר פון דער וועלט! אויך ביי מיר איז שטאַרק דער גלויבן, אַז עס וועט קומען אַ טאָג און אויף דער וועלט וועט הערשן גע־רעכטיקייט. עס וועלן אָפּגעווישט ווערן צוואַנג און רשעות און אַלע פעל־קער וועלן שליסן אַ געמיינזאַמען בונד, פאָלק קעגן פאָלק וועט ניט הייבן קיין שווערד און מער וועט ניט פאַרגאָסן ווערן קיין מענטשלעך בלוט אויף דער ערד" . . .

די ראָד שיין, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם לאָמפּ איז טונקלער גע־וואָרן. מען האָט זיך אויפגעהויבן.

פאַרן אַוועקגיין האָט ראַזע אָנגעזאָגט:

— אויב עמיצער וועט אייך מאָרגן פרעגן, וואָס מיר האָבן דאָ געטאָן, ענטפערט: מיר האָבן געלערנט געשיכטע . . .

עטל האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. מ'איז זיך צעגאַנגען.

נאַכט. אין הויף איז פינצטער. בלויז אין איין פענצטער איז העל. אין אַ לייוונטן קליידל זיצט ראַזע אַן אָנגעטאָנענע אויף איר בעטל, זשמור־רעט מיט די פאַרשלאָפענע אויגן קעגן לעמפּעלע, וואָס פינקלט אין שפּיגל. זי הייבט זיך אויף פון בעט און גייט צו צום פענצטער. באַטראַכט דעם הויף. דער גאַנצער הויף איז שטום. זי עפנט דעם פענצטער. אַ ווינט כוואַליעט אירע האָר. זי מאַכט צו דאָס פענצטער צוריק. שווערע בלייענע מחשבות לייגן זיך אויפן האַרצן. ערגעץ ווייט, ווייט, ווערן מענטשן גע־שמידט אין קייטן, אַרעסטאַנטן מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ ווערן פאַרשפּאַרט אין דער שליסלבורגער פעסטונג, אין קאַלטע קאַמערס, אין נאַסע קאַרצערס.

שטילינקערהייט שאַרט זיך לינאַ אַריין אין איר צימער.

— וואו ביסטו עס געווען, קינד?

— אין גימנאַזיע.

— אַזוי שפּעט?

— האָב פאַרגעלייענט פאַר די שילערינס אַן אינטערעסאַנטע לעגענדע.

— אַ לעגענדע?

— איך קען זיך שווערן, אַז אַ לעגענדע ווי פון דער ביבל אַרויס.

— זיי געוואָרנט, רייזעלע. אַזעלכע לעגענדעס קאָנען דערגיין צו די אויערן פון אינספעקטאָר.

— האָב געלייענט אַ לעגענדע פון דער ביבל, זאָג איך דיר. דו לייענסט דאָך אויך די ביבל.

— פאַר מיר איז די ביבל ליטעראַטור, ניט קיין אַגיטאַציע. יעדע זאַך איז גוט אין צייט.

— און איך ווייס פון אַן אַנדער ציטאַט אין דער ביבל, — האָט ראָזע אַרומגענומען די מוטער. — איך געדענק, ווי דו האָסט עס מיר פאַרגע־לייענט ביי מיין געבורטסטאָג: „עס האָבן עלטערן געגעסן ניט־צייטיקע פרוכט זיינען הייליק די ציין ביי די קינדער" . . .

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי! — האָט לינאַ פאַרשטייפט די ברע־מען און זיך איינגעבויגן צו דער טאָכטער.

מאַרקס

1885.

שטאַרקע בייסיקע פרעסט האָבן פאַרקלעמט די גרויסע שטאָט וואַרשע.

אַממייַנסטן זייַנען די קעלטן רעשיקע מיט אַן עסנדיקן ווינט וואָס שמייסט אין די מויערן. פון זינט ס׳האָבן אַ זעץ געטאָן די גליווערדיקע פרעסט האָט ראָזע גענומען ליידן אויפן פוס און די עלטערן האָבן געהיט זי זאָל זיך צופיל ניט אַרומשלעפן. זי איז געצוואונגען געווען צו פאַרברענגען אַ סך אָוונטן אין דער היים און פון דעם נאָך מער געליטן ווי פון דער קעלט און פון קראַנקן פוס.

אין איינעם פון די פאַרנאַכטן, ווען ראָזע איז געקומען אַהיים פון שולע האָט זי געטראָפן סטאַניסלאַוון לעבן דער טיר. דאָס ערשטע וואָס ער האָט איר געזאָגט איז געווען:

— איך האָב פאַר דיר אַ מתנה.

ער האָט אַרויסגעשלעפט פון הינטער דער פאָלע אַן איינגעבונדענעם בוך.

— דאָס איז מאַרקס׳ ערשטער באַנד „קאַפּיטאַל״, ערשט דערשינען אין אַ פּוילישער איבערזעצונג, אָבער מיר האָבן באַקומען בלויז צוויי עקזעמפּליאַרן.

— דו לאָזסט עס מיר איבער? אויף וויפל צייט?

— אויף איין וואָך, — דערקלערט גלייך סטאַניסלאַוו.

— איך גרייט זיך אָבער צו עקזאַמענס.

— איך קען ניט אויף מער, אַנדערע מוזן עס האָבן.

ראָזע האָט געטראַכט אַ ווייַלע און געענטפערט:

— גוט, איך וועל דורכלאָזן עטלעכע טעג אין שולע. איך מוז עס פאַרענדיקן.

— פאַרענדיקן? — האָט זיך סטאַניסלאַוו אַ צי געטאָן פון זיין קורצן ווינטערדיקן מאַנטל און אויסגעזען ווי גרעסער און ערנסטער, — הלוואי פאַרענדיקסט עס ביז מאַרקס צווייטן יאָרצייט.

— ווען איז זיין יאָרצייט?

— דו ווייסט ניט? — איז סטאַניסלאַוו געבליבן ווי געפּלעפּט.

— דעם 14טן מערץ?

— ווייסטו דאָך יאָ. מיר גרייטן אַן אַקאַדעמיע צו זיין יאָרצייט. דו וועסט זיין איינע פון די רעפערענטקעס.

— דו שאַצסט איבער מיין קענטעניש.

זיי האָבן זיך געזעגנט. סטאַניסלאַוו איז אַוועק אין דער נאַכט, אין שטאַרקן וואַרשעווער פראָסט.

ראָזע איז אַריין אין שלאָפצימער, אָנגעצונדן דאָס ליכט און זיך פאַרטיפט אין בוך. זי האָט עס געלייענט ביז שפּעט פאַרטאָג, עס אַלעמאָל אַרונטערגערוקט אונטער דעם קישן, ווען זי האָט דערהערט אַ היימלעכן וויטן רויש פון יענער זייט וואַנט.

יעדן פאַרנאַכט פאַרקלייבט זיך די פופצן־יאָריקע גימנאַזיסטקע ראָזע בורג ביי זיך אין צימער און שטודירט פלייסיק „דאָס קאַפּיטאַל". זי שרייבט איבער אין איר העפט גאַנצע זאַצן.

„ . . . אין זעכציק ראַיאָנען פון לאָנדאָן שטאַרבן, לויט דער סטאַטיסטיק, פון הונדערט טויזנט קינדער אונטער 1 יאָר — 9,000 און אין איין ראַיאָן פון די זעכצן גיט מען צו צו די 9,000 נאָך 7074 קינדער. די פאַבריקן זיינען געפּאַקט מיט קינדער.

„דער יידישער היסטאָריקער, וואָס באַשרייבט דעם חורבן ירושלים דורך טיטוסן, זאָגט, אַז עס איז נישט קיין וואונדער פאַרוואָס עס איז געקומען צו אַזאַ שרעקלעכער פאַרניכטונג, ווייל מוטערס פלעגן מקריב זיין אייגענע קינדער כדי צו שטילן דעם הונגער.

„ . . . די שאָטן־זייטן פון דער סיסטעם זיינען די איבער־אַרבעט פון די קינדער און יונגע פעריזאָנען. די גרויסע מאַרשרוטן, וואָס זיי מוזן יעדן טאָג דורכמאַכן, גייענדיק צו דער אַרבעט אין הויפן, וועלכע זיינען 5, 6 און אָפט 7 מייל וויט, און ענדלעך די דעמאָראַליזאַציע פון די באַנדעס וואָס גראָבע הפקרות, לוסטיקע אויסגעלאַסנקייט און די אומפאַרשעמטע פרעכהייט זיינען זייערע צוציאונגען.

„ . . . לאָמיר צום ערשטן באַטראַכטן אָט־דעם אקומולאַציע־פּראָצעס. אַ שפּינער, למשל, האָט אַריינגעלייגט אַ קאַפּיטאַל פון 10,000 פונט — 4/5 דערפון אין באַוול, מאַשינען א. אַז. וו. און 1/5 אין אַרבעט־לוין. ער פּראָדוצירט יערלעך 240,000 פונט גאַרן, וואָס זיינען ווערט 12,000

פונט. ביי אַ מערוועדט ראַטע פון 100 פּראָצענט, ליגט דער מערוועדט אין דעם מער־פּראָדוקט אָדער נעט־פּראָדוקט פון 40,000 גאַרן — 6/1 פון דעם גאַנצן פּראָדוקט. אַט־דער מער פּראָדוקט האָט אַ ווערט פון 2,000 פונט, ווען דער פאַרקויף וועט רעאַליזירט ווערן. אויב אָבער אַט־די 2,000 ווערן ווידער אַריינגעלייגט אין קאַפּיטאַל, דאַן וואַקסט דער אורשפּרינג־לעכער קאַפּיטאַל פון 10,000 אויף 12,000, אָדער אין אַנדערע ווערטער, ער האָט זיך אקומולירט.

„... עס איז די אַלטע געשיכטע: אברהם האָט געבוירן יצחקן, יצחק — יעקבן א. אַז. וו. דער אורשפּרינגלעכער קאַפּיטאַל־ווערט פון 10,000 פונט ברענגט אַ מערוועדט פון 2,000, וועלכער ווערט קאַפּיטאַליזירט. דער נייער קאַפּיטאַל פון 2,000 פונט ברענגט אַ מער־ווערט פון 400 פונט.

„... אקומולירט, אקומולירט! דאָס איז משה און די נביאים. שפּאָר־זאַמקייט און ניט אַרבעטזאַמקייט (אינדוסטריע) איז די דירעקטע סיבה פון דער אקומולאַציע פון קאַפּיטאַל. די אַרבעט ליפערט דעם מאַטעריאַל, וועלכן די שפּאָרזאַמקייט אקומולירט. בכן שפּאָרט, שפּאָרט, דאָס הייסט, פאַרוואַנדלט צוריק דעם מעגלעכסטן גרעסטן טייל פון מער־ווערט אָדער מער־פּראָדוקט אין קאַפּיטאַל. אַקומולאַציע צוליב אַקומולאַציע, — אין אַט־דער פאָרמולע האָט די קלאַסישע עקאָנאָמיע אויסגעדריקט די היס־טאָרישע מיסיע פון דעם בורזשואַזן פּעריאָד.

„... אויב דער פּראָלעטאַריער גילט פאַר דער קלאַסישער עקאָנאָ־מיע נאָר ווי אַ מאַשין אויף צו פּראָדוצירן מערוועדט — — — "

שוין די דריטע נאַכט, ווי ראַזע שטודירט דעם „קאַפּיטאַל". זי לייענט מיט אַן אינעווייניקסטער שפּאַנונג. איר בליק שניידט דעם וואַלד פון ציפערן און עס דאַכט זיך איר, אַז מאַרקס גרייפט אַן אין הייסן געשלעג די קאַלטע מאַטעמאַטישע טאַבעלעס.

***

דריי טעג, אַז ראַזע איז ניט געווען אין דער גימנאַזיע. ווען זי קומט דעם פערטן טאָג רופט מען זי גלייך צום דירעקטאָר. ער גלעט געלאַסן זיינע וואָנצעס און קוקט אַנגעשטרענגט און פאַרדעכטיקט אויף דער שי־לערין. עס איז אַ פולער קאַבינעט. לערערס און שילערינס שטייען אַרום טיש.

— וואו ביסטו עס געווען די דריי טעג?

— אין דער היים.

— עס איז דערגאַנגגען צו אונדזערע אויערן, אַז דו לייענסט פאַרבאָטענע פון דער צענזור ביכער.

ראָזע האָט געמאַכט אַ קליינע פויזע.

— איך ווייס ניט צי די צענזור האָט פאַרבאָטן דאָס בוך, וואָס איך האָב שטודירט די לעצטע וואָך בעת מיין אָפוועזנהייט. אָבער עס איז דאָס טיפסטע בוך.

— וואָס פאַר אַ בוך ?

— אַ קריטיק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

— ווער איז דער פּראָפעסאָר ?

— דר. קאַרל מאַרקס.

— ווער איז ער ?

— דער דירעקטאָר ווייסט ניט ווער ער איז ? באמת אַ שאָד, דער גרעסטער דענקער . . .

— שווייגן ! צו אַלדי רוחות ! — האָט אַ שניט געטאָן דעם דירעקטאָרס שטים. — דאָס איז אַ בונטאָוושטשיק, ניט קיין . . . מיר איז שוין אַלץ קלאָר . . .

— איך האָב דיך אַמאָל געליבט, אָבער זיי ניט פרעך, יידישקע ! און מיין ניט, אַז צוליב דעם וואָס דו צייכנסט זיך אויס אין די קורסן וועל איך דיך שוינען ! אין קלאַס אַריין, מאַרש !

ראָזע האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן. זי האָט זיך אָבער באַהערשט און איז אַרויס מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, געוויזן אַז זי שטאָלצירט מיט דעם וואָס זי האָט געזאָגט דירעקטאָר.

אין גאַס

ראָזע איז עלטער געוואָרן — דאָס זיבעצנטע יאָר גייט איר. איר אַליין דוכט זיך אַמאָל, אַז זי איז עלטער. זי האָט ווייט אַוועקגעשפּאַנט פון די מיידלשע זיבעצן יאָר און אָפט געדענקט זי ניט און פאַרגעסט איב־גאַנצן וויפל זי איז אַלט, באַזונדער דעמאָלט, ווען זי איז פאַרטאָן און פאַרנומען מיט דער „זאַך".

זי איז צוזאַמען מיט די עלטערע חברים און חברטעס און טיילט זיך מיט גאָרניט אויס. איר קימערט פאַר אַלע. ווער האָט דעמאָלט צייט צו טראַכטן וויפל יאָר איר איז, צי זי איז אַ דערוואַקסענע? פאַרנומען איז זי מיט אַן אַרבעט פון גרויסע. אויב מען זאָל טאַקע נעמען איר, ראָזען, איז זי פיל עלטער פון זיבעצן יאָר. פילט זי דען ניט אָפט, אַז ניט זי אַליין דאַרף דורכגיין יעדן שטאַפּל, ניט זי אַליין דאַרף דורכמאַכן יעדע קליינינקייט, כדי עס צו וויסן און פילן? טויזנטער מענטשן לעבן, און די אַלע טויזנטער גיבן איבער איינע די אַנדערע וויסן, באַרייכערן זיך. ניין, ראָזע לעבט ניט נאָר מיט אירע זיבעצן יאָר, זי לעבט מיטן עלטער און לעבנס־דערפאַרונג פון אַלע טויזנטער.

נאָר ניט זעלטן טרעפט, אַז ראָזע דערפילט דווקא אירע זיבעצן יאָר. דעמאָלט זיינען די מאָסשטאַבן ניט פון קיין טויזנטער, זי איז דעמאָלט פאַרטראַכט, פאַרנומען אין זיך און קאָן זיך נאָכדעם ניט קלאָר מאַכן וועגן וואָס אייגנטלעך טראַכט זי. עס בלייבט ביי איר נאָר איבער אַן איינדרוק וועגן פריילעכע זאַכן אָדער וועגן אומעטיקע, אַ שטימונג בלייבט איבער, אַן איינדרוק, אַ געפיל, ניט מער.

ראָזע ווייסט, אַז ביי איר איז פאַראַן אַ פּיאַיקייט אויפצוכאַפּן יענעמס אַ געדאַנק. זי דערקענט עס אויף דער מאַמעס פּנים, וואָס יענע וויל זאָגן, זי פאַרשטייט וואָס דער טאַטע טראַכט. זי זעט עס, פילט עס און נאָכדעם בלייבט איבער אַן איינדרוק: פאַרדרוס, פאַרדרוס וואָס זי קאָן זיי ניט אויפקלערן, אַז עס גייט ניט אין דעם וואָס זי, די אויסגעצייכנטע שילערין, וועט שוין ניט באַקומען ביי דער גראַדויִרונג פון שולע דעם גאָלדענעם

מעדאַל. עס גייט אין דעם גאַנצן דעספּאָטיזם פון דער מאַכט, פון דער אָרדענונג וואו ניט נאָר זי, נאָר הונדערטער, טויזנטער געפינען ניט קיין אָרט.

אַלע טאָג הערט זי נייעס וועגן חברים, וועגן דער אָרגאַניזאַציע. אַלע טאָג קומען פאָר געשעענישן. די צייט שטייט ניט און מיט יעדן טאָג דער־נעענטערט זי זיך צו זיבעצן יאָר.

אין איינעם אָן אין דער פרי איז ראָזע אויפגעשטאַנען מיט אַ גרוי־סער טענה צו זיך אַליין. עס האָט זיך איר געוואָלט זיך אַליין באַשטראָפן.

געוויס געדענקט זי ס'אַרא גרויסע פרייד זי האָט איבערגעלעבט ווען זי האָט פאַר זיך קלאָר געמאַכט און פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון די ווערטער: „די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז די געשיכטע פון קלאַסנקאַמף". זי האָט גאָר אַנדערש באַנומען וואָס הייסט: „פּראָלעטאַ־ריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך". אַ צייט האָט זי גערעכנט, אַז זי ווייסט שוין אַ סך און קען אַלע פראַגן פאַרענטפערן און אָט איז זי אויפגעשטאַנען אין דער פרי מיט אומצופרידנקייט: זי באַנוגנט זיך מיט ווינציק. זי ווייסט נאָר פון ביכער, מען דאַרף זיך באַקענען מיטן לעבן, מיט דער ווירקלעכקייט. די ווירקלעכקייט, דאָס לעבן איז קליגער פון אַלץ.

אַ גרויסע וועלט איז פאַראַן, אַ פאַרעקשנטער קאַמף קומט פאָר, אַ שווערע מלחמה דריקט. אַזוי פיל זאַכן דאַרף מען וויסן און פאַרשטיין. ווי אַזוי קען מען לערנען אַנדערע, אַז מען ווייסט אַליין אַזוי ווייניק פון דערפאַרונג.

פאַרנאַכט איז ראָזע געווען ביי סטאַניסלאַוון. דער פאַרנאַכט איז גע־ווען אַ צעקנייטשטער, אַ דערשלאָגענער. מיט שאַנד פאַר אייגענער גרוי־קייט האָט ער אַ ציטער געטאָן מיט אַ ווינקל שיין. קיינער האָט דאָס ביסל שיין נישט באַמערקט, קיינער האָט זיין אויסגיין נישט געזען. אין זיין צימער האָט געברענט אַ קליין לעמפּל, און ראָזע מיט סטאַניסלאַוון זיינען געזעסן אין ווינקל. זיי האָבן לאַנג געשמועסט.

ער האָט איר איבערגעגעבן, סטאַניסלאַוו, אַז ער פאָרט אָפּ קיין פּע־טערבורג. עס גרייטן זיך נייע איבערפאַלן, אַרעסטן. גאַנץ מעגלעך, אַז וואַרינסקי, וועלכער איז נאָך מיט אַ יאָר צוריק אַנטלאָפן קיין קראָקאָוו, וועט זיך היינט־מאָרגן באַווייזן און העלפן און מוטיקן, אָבער אויך אויף איר ליגט אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, זי דאַרף זיך מער באַקענען מיט דער אָרעמקייט, מיט דער פּוילישער נאַציאָנאַלער פראַגע. אָט, למשל,

האָט זי גאָר ווינציק געטראַכט וועגן דער נאַציאָנאַלער פּראַגע, וועגן פּוילן און וועגן יידן. ניט אַלע זיינען אייניק אין דער פראַגע. וואַרינסקי איז איבערצייגט, אַז אַלע אַרבעטער פון אַלע פעלקער דאַרפן זיין צוזאַמען אין איין אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און דאָך . . . סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן, וועל־כער זיצט אין דער שווייץ, און דיקשטיין האָבן אַנדערע מיינונגען.

צוריקגייענדיק פון סטאַניסלאַוון האָט זי דערפילט אין זיך אַ קלאָר־קייט. איר איז נאָך מער פאַרשטענדלעך: שולדיק אין אַלץ איז די זעלבסט־הערשונג! זי איז צופרידן און שמייכלט אין דער פינצטער צו זיך אַליין. מען וועט אַרעסטירן צען, וועלן צוקומען הונדערט. זיי ווילן צעקלאַפּן די כוחות אויף נאַציאָנאַלע, זיך שטרייטנדיקע גרופּן, — מיר פאַרקערט, דאַרפן זיך נאָך שטאַרקער פאַראייניקן.

אין איינעם אַן אָוונט איז ראָזע געגאַנגען פאַרשפּרייטן די פּראָקלאַ־מאַציעס אין די וואַרשעווער אָרעמע געגנטן.

פון שלאָס־פּלאַץ האָט זי פאַרקירעוועט דורכן געסל פון הייליקן יאַן. אויפן אַלטן שטאָטישן מאַרק איז די זון ניט געווען. זי איז געשטאַנען לעבן אַריינגאַנג פון אַ הויף און זיך אַרומגעקוקט.

פון די לאַנגע טונקעלע קאָרידאָרן, פון די הויף־טויערן, האָט געיאָגט אַן אומהיימלעכקייט. אויף די טראָטואַרן האָבן זיך אַרומגעדרייט אויף און אָפּ גאַסן־מיידלעך. אַלע ווילע פאַרשווינדט אַן אַנדער פּאָרל אין דער טונקלייט פון אַ פאָדער־הויז, אָדער לאָזט זיך אין די עקן פון מאַרק דורך שמאָלע געסלעך, איבער שטיינערנע טרעפּ, אין דעם לאַבירינט פון די הינטערגעסלעך, וואָס פירן צו דער ווייסל צו.

ראָזע איז אַריין אין אַ הויף און געבליבן שטיין ביי אַ טונקל־גרויער טיר. זי האָט זיך דורכגעשלייכט דעם לאַנגן געוועלבטן קאָרידאָר און איז אַרויסגעקומען אויף אַ שמאָל גאַניקל אויף וועלכן עס האָט זיך געטריקנט וועש. פון האַלב־פאַרמאַכטע טירן האָט זיך געשפּירט אַ ריח פון געזייערט קרויט און געררויכערט חזיר־פלייש. אויפן גאַניקל האָט זיך געעפנט אַ טיר און עס האָט זיך באַוויזן די פיגור פון דער געוועזענער בייטאָרקע גענ‏יאַ, אַן אַכצן־יאָריק מיידל, אַ הויכע מיט אַ געדיכט אָנגעפּודערט פּנים און מיט בלויע פּאַסן אונטער די אָנגעצונדענע אויגן. ראָזע האָט געקענט גע‏ניאַן נאָך פון אַמאָל, ווען זי האָט געוואוינט ביי זיי אין הויף אויפן ביזקע. זאשע האָט זי באַקאַנט מיט איר. איצט האָט איר אָנגענומען גרויס חשק צו רעדן מיט איר, איר אויפקלערן אַז ניט שטענדיק וועט איר שלעכט זיין.

געניאַס אַנגעצונדענע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ פּאָר גרויסע אָפּגרונט־טיפע ברוינע אויגן, וועלכע האָבן געשמייכלט. זי האָט באַטראַכט ראָזעס לענגלעך פּנים, די ברייטלעכע נאָז. אין ראָזעס גרויסע שוואַרצאַפּלען צינדן זיך פייערלעך.

— אַנטשולדיק מיר, — האָט ראָזע געזאָגט און אירע אויגן זיינען איבערגעפילט געוואָרן מיט אַ שמייכל, — ביסט פאַרנומען? האָסט אַ פּאָר מינוט צייט פאַר מיר?

— ניין, איך האָב קיין צייט ניט. איך מוז גיין.

לויטן טאָן פון געניאַס ענטפער האָט ראָזע דערשפּירט אַז איר פאַרדריסט. זי האָט דעריבער געזאָגט ווייך:

— קען איך דיך באַגלייטן?

— צי וואָס? — האָט זי זיך אויסגעדרייט אויף די הויכע אָפּצאַסן און גענומען שטעלן טריט. שווייגנדיק איז איר ראָזע נאָכגעגאַנגען. איבער דער גאַס האָט געגרויט אַ וואַרשעווער אָקטאָבער־פאַרנאַכט. דער ברוק אונטן און דער הימל — אויבן ווי פון איין און דער זעלבער פאַרב, ווי פאַרמישט פון איין בלאָטיקן שטאָף.

ראָזע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ניט געוואוסט געגוי ווי עס איר, געניאַן, צוטרעפן. אין איר הינטערבאַוואוסטזיין האָט שוין געעירט דער געדאַנק וועגן דערהייבן די געפאַלענע, די באַליידיקטע, די געזונקענע, אָבער ווי עס אַרויסצוברענגען פאַר דער מיידל האָט זי דערווייל נישט געוואוסט.

ראָזע האָט פּלוצלינג אַנגערירט געניאַס האַנט.

— געניאַ, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שטיל קול, — טאָמער וואָלסטו זיך באַטראַכט? זעסט דען ניט וואוהין דאָס אַלץ האָט דיך דערפירט?

— און אַז איך ווייס יאָ, — האָט זיך געניאַ אַ צי געטאָן פאַראויס און באַטראַכט ראָזען מיט אַ פאַראַכטנדיקן בליק, — הער זיך אויף דרייען, זאָג וואָס דו טראַכסט וועגן מיר.

— וואָס?

— דו טראַכסט, אַז איך בין שלעכט, צעפוילט.

ראָזע האָט אויף איר געקוקט מיט אַ מילדן בליק, אַז פון געניאַס פּנים איז פאַרשוואונדן די שטרענגקייט.

— איך טראַכט, האָט זי געזאָגט פּראָסט און אומשולדיק, — אַז די געזעלשאַפט איז פאַרפוילט. אַזאַ געזעלשאַפט וואָס נעמט אַן אָרענטלעך

זיבעצן יאָריק מיידל, און שטויסט זי אין אָפּגרונט און דו פּילסט אַרום זיך פוילקייט, ווייל דו האָסט זיך געפּרואווט אײַנוואָרעמען אין דער צעפוילטער געזעלשאַפט. דו קענסט אפילו ניט זיין ווי יעדער רייך מיידל, געניאַ, אָדער, אָדער!

— זי רעדט ווי אַ פרומע קאַטוילישע נאָנע, ווי יענע אַלטמאָדישע מאָראַליסטקעס, וועלכע האָבן זי שוין אַמאָל פאַרנודיעט, — האָט געניאַ געטראַכט און האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צום גרויען הימל.

— אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט . . . — האָט ראָזע ווידער אָנגעהויבן, אָבער געניאַ האָט גענומען שרייען:

— לאָז מיך צורו מיט דער געזעלשאַפט און דער צוקונפט. איך לעב היינט, אין וואַרשע, וואו אַ מיידל, וואָס אַרבעט פערצן שעה אַ טאָג, קען ניט פאַרדינען אויף אַ פּאָר זאָקן און אַן אָפּגעטראָגן קליידל און אויב איך וועל שטאַרבן פאַר הונגער וועט מיך דיין צוקונפטיקע געזעלשאַפט ניט לעבעדיק מאַכן. די געזעלשאַפט פון דער צוקונפט! . . . זאָג מיר וואָס צו טאָן אין דער איצטיקער געזעלשאַפט. אויב אַ מענטש ליידט פון אַ געפערלעכער קראַנקהייט וועסטו אים ניט גרינגער מאַכן דורך דעם וואָס וועסט אים דערציילן, אַז אין הונדערט יאָר אַרום וועט מען דערפינדן אַ מיטל קעגן דער קראַנקהייט. דו זאָרגסט זיך נאָר וועגן די צרות פון דער געזעלשאַפט און מיינע ליידן גייען דיר ניט אָן, קלוגינקע!

— דיינע ליידן וועלן פאַרשווינדן אינאיינעם מיט די ליידן פון אַלע,

— האָט ראָזע געענטפערט, — אַלץ וועט זיך בייטן מיטן איבערבייטן די געזעלשאַפט.

— דערצייל עס דיין באָבען! — האָט געניאַ געקוקט אויף איר מיט גרינגלעכן שפּאָט, — דו וועסט ניט בייטן די מענטשלעכע נאַטור און קיינער וועט ניט שיסן אַ מאַן פאַר ניט וועלן הייראַטן מיט דער, וועלכער ער האָט פריער געליבט, און די וועלט וועט בלייבן אַ גיהנום סיי ווי. און אפשר וועט די ליבע פאַרשווינדן אין דיין צוקונפטיקער געזעלשאַפט און אַלע וועלן לעבן מיט ביכער, ווי דו, — האָט געניאַ פאַרענדיקט און זיך איינגעקוקט אין ראָזען.

ראָזע האָט געשמייכלט:

—אַהאַ, — האָט געניאַ געברומט, — האָסט ניט וואָס צו ענטפערן.

ראָזע האָט געשמייכלט:

— און אפשר ענטפער איך ניט, ווייל איך וויל ניט.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך וויל דיר פארזענלעך ניט ווי טאָן. דו רעדסט וועגן ליבע און איך ווייס אַז דו האָסט אינזינען אַ באַשטימטע פערזאָן.

— און אַז אַ באַשטימטע פערזאָן, איז וואָס?

— אום גאָטעס ווילן! צו וואָס זיך אַליין אַריינדרייען אין אַ פּלאָנטער־ניש, — האָט שוין ראָזע גערעדט זיכער און פעסט מיט אַן איבערצייגעוור־דיקן טאָן, — ליבע! אַ רייכער מאַן האָט דיר עפּעס צוגעזאָגט, אויב וועסט טאָן זיין ווילן. היינט ביסטו עס, מאָרגן — אַן אַנדערע, היינט איז עס געניאַ, מאָרגן, דער טײַוול ווייסט זיי, ווער. וואָס האָט עס צו טאָן מיט ליבע? עס איז בלויז נאָך איין דערשיינונג פון אַ קראַנקער געזעלשאַפט.

— דו פאַרפּלאָנטערסט די זאַך, — האָט געניאַ איר אַריינגערעדט אין פנים.

— אָרעמקייט איז שלעכט צי גוט? ענטפער!

— שלעכט.

— גערעכט, שלעכט. אַזוי זאָגסטו, און אַלע דיינע גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס, וואָס שלאָפן אויף גאַזעטן אָנשטאָט אויף קישנס, און עסן פראָקלאַמאַציעס, אָנשטאָט פרישטיק, און אַז שלעכט איז וואָס? טויט איז אויך שלעכט. גיי באַקעמף דעם טויט. עס וועט אַלעמאָל זיין טויט און עס וועט אַלעמאָל זיין אָרעמקייט. וואָס איך וויל וויסן איז צו דו האָסט ליב צו זיין אָרעם. זאָשע האָט מיר דערציילט אַז דיין טאַטע האָט פאַר־משכנט דאָס מעבל, פאַרקויפט די בעטן, אַזוי אָרעם זענט איר. וואָס האָט ער דיר געקויפט פאַרן געלט, ברויט צי ביכער?

— ברויט און אויך ביכער.

— אָט וועגן דעם רעד איך. וואָס דרייט איר אַ קאָפּ מיט אָרעמע קלאַסן. דאָס זיינען לעכער אַן בייגל. קיינער וויל ניט זיין אָרעם, ניט דו, ניט איך. כדי אויפצוהערן צו זיין אָרעם דאַרף מען האָבן געלט, ניט אַזוי? און וואו באַקומסטו געלט? ביי די רייכע, ניט אַזוי? אויב אַזוי, וואָס דאַרף איך זיין אויף דיין זייט, אויף דער זייט פון די אָרעמע. עס איז ווי אין דער געשיכטע פונעם פוקס מיט די וויינטרויבן, וואָס דו האָסט אונדז — מיר אין זאָשקען, — אַמאָל דערציילט: דער פוקס זאָגט, אַז די וויינטרויבן זיינען זויער ווייל ער קאָן זיך ניט אַריינבאַקומען אין וויינ־גאָרטן. איר באַצייכנט די רייכע ווי שלעכטע, ווייל איר קענט ניט דער־גרייכן צו זיי. נעם זאָשקעס בחור, ער איז אַן אידיאָט.

— פאַרוואָס זאָגסטו אַזוי ?

— ווייל ער און דו זיינען נאָך ערגער. איר האָט אַ קאָפּ אויף זיך, און אָנשטאָט העלפן זיך אַליין, גייט איר ראַטעווען די וועלט. אַט, נאַראָנים! זיי האָבן פּרינציפּן, פּרינציפּן, כאַ־כאַ־כאַ!

— אָבער ווען אַרעמקייט וואָלט אָפּגעשאַפט געוואָרן וואָלט דעמאָלט פאַר דיר אויך זיין גוט.

— ווען עס וואָלט! ווען האָט מען עס אָפּגעשאַפן, וואו האָט מען עס אָפּגעשאַפן ?

— פאַר דעם קעמפן מיר, און די צייט וועט אַלץ לייזן. טשערנישעווסקי אין זיין „וואָס דאַרף מען טאָן" און קאַרל מאַרקס . . .

— דו און טשער . . . ווי הייסט ער דאָרט, און קאַרל קענט מיך ק . . .

— געניאַ! — האָט איר ראָזע אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אַ צאַרטדיק פייערל האָט זיך באַוויזן אין אירע אויגן, — ווי שעמסטו דיך ניט אַזוי צו ריידן. אין דער רגע וואָס מיר שטייען דאָ, ווערן מענטשן געפייניקט און געשמיסן אין די טורמעס, ווייל זיי האַלטן זיך אין די אידייען פון די גרויסע מענטשן, וועלכע איך האָב דערמאָנט, און דו רעדסט אַזוי אומאיידל וועגן זיי. בלויז לומפּן קאָנען אַזוי רעדן.

— און דו רעדסט ווי אַ קאַטוילישע שוועסטער, ווי אַ פרומע יידישע רביצין! וואָס ווייסטו וועגן ליבע און ליידן? אַלץ פון וואָס דו ווייסט איז ביכער, ביכער, ווערטער, דעם און יענעם באַנד, די און יענע זייט. מען קאָן מיינען אַז איר האָט הערצער פון האָלץ און מאָגנס פון פּאַפּיר. גיי, גיי פונדאַנען! איך האָב דיך פיינט.

געניאַ האָט זיך האַסטיק אַוועקגעדרייט. אַ דראָזשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. עמיצער איז אַראָפּגעשטיגן. געניאַ איז צוגעלאָפן צו אים.

ביי ראָזען אין האַלדז איז נאָך געבליבן שטעקן אַן ענטפער וואָס זי האָט איר געוואָלט געבן. — גלויב מיר, — האָט זי געוואָלט זאָגן, — אַז אַלץ ווענדט זיך אין דעם צי מיר וועלן האָבן אַ גרויסע און שטאַרקע אַרבעטער באַוועגונג, און צו דעם קאָנסטו אויך צולייגן אַ האַנט. מיר אַלע חלומען וועגן ליבע, וועגן זאַטקייט און אַז עס זאָל שוין קיינעם, קיינעם גאָרניט ווי טאָן. דיר אויך, געניאַ! פאַרגעדענק מיין וואָרט!

עס איז שוין געווען שפּעטלעך אין אָוונט. ראָזע איז אַהיים געקומען. די קראָמען און בודעס, מיט שטאַכעטן־געפלאָכטענע טירן זיינען שוין געווען פאַרשלאָסן אויף אייזערנע פּרענטעס. צווישן די קראָמען האָבן זיך

אומגעדרייט נאַכט־וועכטער אין פעלצן און אַלע ווײַלע אַראָפּגעטריבן פון די שטעלכלעך הײמלאָזע בעטלער, וועלכע האָבן זיך געזוכט דאָ אַ געלע־גער צו מאַכן. אויף די הויכע גאָרנס האָט זיך געלאָשן אײנציקווײַז דאָס ליכט אין די פענצטער. אונטער הײליקע בילדער אויף אַלטע קירכן האָבן אויפגעצײטערט פלעמלעך פון נאַפט־לעמפלעך. ראָזע האָט זיך געלאָזן מיט אַן ענג געסל אַראָפּ צו צו דער ווײַסל צו. טײל מויערן זײַנען דאָ געוועזן אויסגעקרימט ווי אָנגעשוואָלן און עס האָבן זיך פאַנאַנדערגעלײגט אויף זײ ריזיקע נאַכט־שאָטנס.

ראָזע קוקט אויף די גאַסן און טראַכט וועגן צײַטן וואָס וועלן קומען און יעדע גאַס, יעדער שטײן, יעדעס שטיקל ברויט וועט ווערן אַ צעגליטער אות פון מאַניפעסט.

די ווײַסל איז געלעגן אַ בלוי גלאַנציקע, געוואַרט אַז אַ שטורעם זאָל צעבויטן אירע כוואַליעס.

אַ שמועס וועגן אַנטיסעמיטיזם

אין שטוב ביי די בורגס איז אַלץ פאַרענדערט. די עלטערע צוויי זין האָבן חתונה געהאַט און זיך אַרויסגעקליבן. מיקאַלאַס האָט שוין אַן אייגענעם זון. אַנאַ איז אַן אַנגעשטעלטע ביי יוזעפן אין געשעפט. עדוואַרד איז געוואָרן גרויער. לינאַ — בלאַסער. ראָזע האָט פאַרענדיקט די גימנאַ־זיע אָן אַ מעדאַל. צו די אוניווערסיטעט־קורסן גרייט זי זיך אפילו ניט.

איצט טרעפט, אַז ניט עדוואַרד האָט טענות פאַרוואָס לינאַ טראַכט און שווייגט, נאָר גאָר פאַרקערט. עדוואַרד איז אַ פאַרטראַגענער מיט גע־דאַנקען, רעדט ווינציק און ראָזע וויל פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, געבן האָפענונגען.

עדוואַרד פאַרשטייט איר וואָרעמען געפיל און עס איז פאַר אים ניט אומגעריכט. איינמאָל, ווען ראָזע זיצט פאַרטיפט אין אַ בוך, הערט זי ווי דער פאָטער גייט איבערן צימער און זאָגט:

— פאַרשטייסט, לינאַ, אַ מענטש זאָל קענען דעמאָלט, ווען ער קומט צום שכל, אָנהייבן לעבן פונסניי, — וואָלט אַ סך גוטס געווען אויף דער וועלט. און מענטשן וואָלטן געווען קליגער. כאַפּן צוריק איז שטענדיק שפּעט. אָ! „סמוטנאָ מי באָזשע!“

ראָזע כאַפּט אויף דעם פאָטערס טרויעריקן בליק און גיט אים אַ פרעג:

— וואָס איז, ליבער, פאַרוואָס ביסטו אַזוי רעזיגנירט, אומעטיק? האָסט דערלייגט אַ מיליאָן צו דיינע געשעפטן?

— אָ, ראָזע, פאַרשטייסט מיך ניט. ניט וועגן מיינע געשעפטן האַנדלט זיך. דאָס איז דאָך אַ קלייניקייט. וואָס איך פאַרשטיי ניט איז די גאַנצע זאַך, דעם וועג אויף וועלכן דו ביסט אַוועק, — און ער האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן.

— וואָס דריקט אייך, ליבער עדוואַרד בורג? — זעצט זיך, — נעמט זי אים אָן ביי די הענט און זעצט אים אַוועק אויף דער סאָפע און זי זעצט זיך לעבן אים, — מיינט נישט ווידער, אַז אַלץ איז ביי מיר קלאָר, נאָר לאָמיר זיך פרואוון דורכריידן.

— אַזוי לייכט וועט עס דיר נישט אָנקומען. איך ווייס נישט אויב איך וועל עס דיר קענען דערקלערן. איך פּרוּאוו פאַרשטיין דעם גאַנצן ענין, אָבער איך בין ניט קיין „פּראָלעטאַריער״, די הויט קאָן מען ניט איבערמאַכן. זאָג מיר, וואָס האָט דיך געפירט אויף דעם געפערלעכן וועג? עס זיינען דאָך ניט געווען קיין אויסערלעכע סיבות, מאַטעריעלע; פאַר־קערט, דו האָסט פיל פאַרלאָרן. פאַרשטיי מיך, עס גייט ניט אין מעדאַל, אָבער וואָס דערוואַרט דיך? זיכער מער ניט ווי אַ צעל אין צענטן פּאַ־וויליאָן. וואָס איז דער זין?

ראָזע האָט אים געלאָזן אויסרעדן געדולדיק. אירע אויגן זיינען דער־ביי געווען ערנסט און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיי זאָפּן איין אין זיך זיינע ווערטער.

— אונדזער גאַנג צום ציל איז שוין זינפול דערמיט, וואָס ער איז נישט דווקא קיין פּריוויליקער. דאָס איז אַ מוז, — פעסטגעשטעלט דורך געשיכטלעכע געזעצן. טייל פּרוּאוון זיך אַנטקעגנשטעלן. זיי זיינען נאַ־ראָנים. די וואָס זיינען אַביסל קלינער קומען אַליין, העלפן אונטער אָבי־סעלע די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג, כדי דער פּראָצעס זאָל געשען וואָס שנעלער. מיר טוען אונדזער חוב פאַר די שפּעטערדיקע דורות, פּונקט ווי די פריערדיקע האָבן געטאָן פאַר אונדז.

עדוואַרד איז אויף אַ ווײַלע געבליבן אַפּהענטיק. ער האָט אָנגעקוקט די טאָכטער מיט גרויסע, אויפגעריסענע אויגן, ווי אַ פאַרלוירן קינד.

— און דאָס איז אַלץ? — האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן אַ פראַגע מיט אַ זיפץ.

— וואָס נאָך?

— אויב דאָס איז דער מאָטיוו? בלויז העלפן דעם פּראָצעס, צווייפל איך בכלל צי עס לוינט זיך. ווייל לייזן אַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען קאָן מען דאָך במילא ניט.

— קיינער וויל ניט לייזן אַלע פּראָבלעמען. וואָס מיר ווילן איז אויס־גלייכן די עקאָנאָמישע עוולות און די אַנדערע פראַגן וועלן מיט דער צייט פאַרענטפערט ווערן.

עדוואַרד האָט געשוויגן אַ מינוט. ער האָט האַלב פאַרגלייזט די אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט איינגאַנצן אויסמיידן ראָזעס בליק, אָבער זי האָט דווקא געוואָלט אַרויסבאַקומען פון אים אַלץ וואָס עס באַאומרואיקט אים.

ער האָט זיך אָנגערופן:

אויב אייער ציל איז צו העלפן די אַלע אונטערדריקטע, האָט איר אָבער נאָך נישט געפונען דעם פייער וואָס זאָל אייך אַלע אויסשמידן אין איין מאָראַלישן לאַגער, אַזאַ וואָס זאָל האָבן פאַר די אויגן דעם גרויסן ציל און צוועק און ניט נוצן אַלע מיטלען, אַנטשולדיק מיר, אויך ניט קיין כשרע?

ראַזע איז אומגעדולדיק געוואָרן און האָט אים איבערגעהאַקט אינמיטן.

— ניט קיין כשרע מיטלען? וואָס פאַר אַ שלעכטע מיטלען האָבן מיר גענוצט אין אונדזער קאַמף?

דערלויב, דערלויב, ראַזע. — די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ציילט אין אירע רייען יידן, ניט אמת? אין קייזער־מאָרד פון ערשטן מערץ, 1881, האָט אָנטיילגענומען אויך אַ יידישע פרוי, העלפמאַן. די צאַרישע הענקער האָבן זיך בעת די פּראָגראָמען נאָכן מאָרד גענומען אָפּרעכענען מיט אַלע יידן, צוליב דעם וואָס „עטלעכע ,זשידעס׳׳ פירן עס אַראָפּ פון וועג די יידישע יוגנט״. פרעג איך, פאַרוואָס זאָלן טאַקע יידן, איך מיין, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, ליידן צוליב זייערע עטלעכע זין און טעכטער, מיט וועלכע זיי זיינען ניט מסכים?

— אָבער איך האָב דיך געבעטן אונדז וויזן די שלעכטע מיטלען, וואָס מיר נוצן פאַרן צוועק און דו פאַרפירסט אַ שמועס וועגן יידן. וויז אַהער די פאַקטן.

— די פאַקטן וועל איך ברענגען שפּעטער. דו ענטפער מיר, וואָס פאַר אַ שייכות האָבן יידן מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַז זיי זאָלן ווערן דער בליץ־אָפּלייטער, דער „זינד־באָק״?

— אויב אַזוי וויל איך דיך עפּעס פרעגן: וואָס מיינסטו דען איז די גאַנצע יידן־פיינטלעכקייט? פונוואַנען שטאַמט טאַקע דער אַנטיסעמיטיזם?

עדוואַרד האָט זיך פאַרטראַכט.

צו „יידן־שנאה״, צום וואָרט „זשידיק״ און „פּשאַקרעוו״ איז ער, אייגנטלעך, פון קליינערהייט אָן, איינאיינעם מיט אַלע יידישע קינדער אין זאַמאָשטש, געוואוינט געווען, ווי, למשל, צו גיין קעגן אַ ווינט. גייט, ווער אין כעס הלמאי עס איז נאַס און קאַלט אין גאַס.

— ניין, — האָט ער ענדלעך זיך אָפּגעזאָגט צו ענטפערן, — איך ווייס ניט.

— נו און די יידן ביי דיר אין זאַמאָשטש, — האָט ראַזע געפרעגט, ווי זי וואָלט געלייענט זיינע מחשבות, — און די יידן דאָ פון נאַלעווקע און גענשע, — פונוואַנען, רעכענען זיי, נעמט זיך דער אַנטיסעמיטיזם?

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט, זיך דערמאָנט אין פאַרשיידענע יידן, וואָס ער האָט געקענט זייער גוט ביי זיך אין דער קלײנער שטאָט.

— פרומע יידן, — האָט ער געזאָגט, — זיינען זיכער, אַז די שנאה צו יידן איז אַ שטראָף פון גאָט.

— און ניט קיין גלויביקע?

ער האָט ווייטער געקלערט:

— ניט קיין גלויביקע קוקן אויף דער יידן־שנאה ווי אויף אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, אַ רעזולטאַט פון דער מענטשלעכער נאַטור. עס איז אַ נאַטור־געזעץ.

ראָזע האָט זיך פאַרנייגט:

— עס איז אַ נאַטור־געזעץ? רעדסטו דאָך פונקט ווי די אַנטיסעמיטן. אין דער שנאה צו יידן זעען זיי דאָך אויך אַ נאַטור־דערשיינונג. באַטראַכט נאָר אַליין וואָס דו זאָגסט. האָלטסט די אַנטיסעמיטן פאַר דיינע בלוטיקסטע שונאים און נעמסט אָן זייער צוגאַנג.

— נו, אַ? ווי דען דערקלערסטו עס? — האָט עדוואַרד אַריינגעקוקט אין אירע אויגן מיט בייגער.

— אַנטיסעמיטיזם איז אַ געווער אין די הענט פון די פּריצים און בורזשויען. זיי דאַרפן מיט אים אָפּווענדן פון זיך דעם צאָרן פונעם עקספּלואַטירטן אומוויסנדיקן פאָלק. פאַראָרעמטע פויערים, קליין־הענדלער געפּייניקטע פון אַ פּריץ, קליינע באַלמעלאָכעס, זעען פאַר זיך דעם יידישן קליינהענדלער — — —

— זיינען די הערשער, אַזוי קלוג?

— אָ, יעדער קלאַס ווערט קלוג ווען עס קומט צו פאַרטיידיקן זיינע אינטערעסן.

אָבער אינעם פּאָגראָם האָבן אָנטייל גענומען אויך אַרבעטער.

— עס איז שעדלעך און אויך ניט ערלעך צו באַנוצן זיך מיט דער אָפּגעשטאַנענקייט פון אַ טייל אַרבעטער צו באַשולדיקן דעם גאַנצן קלאַס. איך וואַרט נאָך אַלץ אויף דיינע פאַקטן וועגן אונדזערע שלעכטע מיטלען.

— איז דיר באַקאַנט, אַז דער אויספיר־קאָמיטעט פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליא״ האָט סוף אויגוסט 1881 אַרויסגעלאָזן אַ פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציע צום „אוקראַינישן פאָלק״, וואו ער האָט אויפגעפאָדערט די מאַסן ווייטער צו מאַכן די פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך שוין אַרום יענער צייט געהאַט אַביסל איינגעשטילט?

— אָ, דאָס האָסטו געמיינט, — שמייכלט ראָזע, — וויל איך דיר אויפ־קלערן, אַז די פּראָקלאַמאַציע איז ניט צונויפגעשטעלט געוואָרן לויטן באַשלוס פון דער גאַנצער פּאַרטיי, נאָר פון אַ קלייִנער מינדערהייט. די פּאַרטיי איז פאַר דעם ניט פאַראַנטוואָרטלעך. בלויז עטלעכע יחידים, רעאַקציאָנערן. און אַחוץ דעם בין איך נאָך ניט זיכער צי די פּראָקלאַמאַציע איז ניט די אַרבעט פון אַן אינעווייניקסטן פּראָוואָקאַטאָר וואָס דינט דער מאַכט.

— אויב אַזוי, זאָגט עדוואַרד אַנטוישט, — בין איך דאָך גערעכט געווען מיט מיין טענה, אַז איר קאָנט ניט אויסשמידן אין אייערע אייגענע רייען אין מאָראַלישן טיפּ מענטשן, וואָס זאָל זיין אַ מוסטער. עס זיינען דאָ ביי אייך געגנוג יחידים, וואָס פאַרמאָגן נאָר זייערע אייגענע עגאָאיס־טישע צילן.

— דער איינצלנער איז דורכגענגלעך. די מאַסע איז אָבער די אייביקייט. די מאַסע — דאָס איז דאָס פעלד אויף וועלכן מיר, יחידים, וואַקסן. די זאַנגען קאָנען זיך בייטן, דאָס פעלד איז אייביק. און גלויב מיר, עס וועלן זיך נאָך געפינען ביי אונדז גענוג יחידים וואָס וועלן זיך אויפלייזן אַלס איינצלנע און צוריקגעבוירן ווערן אין כלל אַריין.

עמיצער האָט אַ קלונג געטאָן אין טיר. ראָזע האָט זיך אויפגעשטעלט. עדוואַרדס פּנים איז פאַרענדערט געוואָרן. עס איז באַגלאַנצט געוואָרן פון אַ ליכט. ער האָט נאָך באַוויזן אַ קוק צו טאָן אין אירע אויגן און דער־זען זיינע אָפּגעשפּיגלט אין אירע לויכטנדיקע שוואַרצאַפּל. פאַרן אַוועקגיין האָט זי אים נאָך באַוויזן צו זאָגן:

— עס וועט זיין גוט, פּאַני בורג! עס וועט זיין גוט!

— זי איז אַרויסגעגאַנגען. עדוואַרד איז געבליבן זיצן. אַ ציטער האָט אים אַרומגענומען, און עס האָט געדויערט ביז ער האָט אין זיך גע־פונען לשון אָנצוהייבן צו רעדן מיט לינאַן וועגן עפּעס אַנדערש.

האַרבסטיקע טעג

אין וואַרשע זײַנען געשטאַנען נעפּלדיקע טעג. אין נעפּל זײַנען דערטרונקען געוואָרן די מויערן. איבערן וואָקזאַל, איבערן ווײַסל, איז אומגעגאַנגען דער פּײַכטער טאָג און זיך אַלעמאָל אַ ריס געטאָן צו ערגעץ אַ ווײַטן דורכלויכט אין דער הייך.

די פּאָר טעג וואָס דער וולאָצלאַווקער סטודענט יוליוס קאָרסקי, וועמען די חברים האָבן גערופן „יוליק", האָט זיך דאָ געפונען, האָט ער געבענקט נאָך זײַן היימישן דאָרף בײַ וולאָצלאַוועק. דאָרט בליט שוין אויף די פעלדער אַרויס, פון די טיפענישן, אַ בלאַסע און שווערע זון אַרומגענומען מיט קראַנצן קראָען און קאַווקעס. פון די לאַנקעס שמעקט נאָך מיט היי און די אַלטע באָבע, מאַרינע, מיט אַ ריטל אין דער האַנט היט צו די יונגע גענדזלעך אויף דער לאָנקע.

— און וואו איז דער האַרבסט? סײַדן פון יענער זײַט ווײַסל, וואָס ברענגט אַהער אַראָפּ אַן עסעריקן ווינט און פּאַטשט אין די דיקע ווענט פון די מויערן און די שווערע טויערן.

די ערשטע פּאָר טעג האָט קאָרסקי געבענקט נאָכן דאָרף, נאָך דער שטאָט. ביסלעכווײַז האָט ער זיך צוגעוואוינט צום גרויס־שטאָטישן האַרבסט, צו די שווערע נאַסע ווינטן. ער האָט ליב באַקומען דעם טרויעריקן קלאַנג פונעם ווינט, וואָס יאָגט פלוצים אָן אינעם זאַקסישן גאָרטן און איבער די רוישיקע רחבותן פון די גאַסן. די וואַרשעווער גאַסן זײַנען שוין פול געווען מיט סודותדיקער אומרואיקייט, מיט שטורמישע אָנזאָגן אויף גרויסע געשעענישן.

יוליסן האָט געצויגן צו דער דאָזיקער אומרואיקייט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעזאָן פון רעוויזיעס און אַרעסטן. פון זײַן צימער אויף „נאָווי־שוויאַט" האָט קאָרסקי יעדע נאַכט געהערט אַן אײַנזאַמען רעשן פון דראָזשקעס אויפן שטיינערנעם ברוק. דאָס האָט מען געפירט צווישן אויפגעשטעלטע זעלנערשע ביקסן אַרעסטירטע אײַנוואוינער, צוגענומענע פון די בעטן . . .

צוערשט איז דער גערא̇נגל א̇נגעגא̇נגען אין דער שטיל א̇ן ווערטער און א̇ן מעשים. די פּאָליציי האָט זיך געטאָן דאָס איריקע און די פּירער פון דער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט" — דאָס זייעריקע. ביסלעכווייז האָבן זיי אָבער אָנגעהייבן זוכן אין יעדער פּאָרדעכטיקן אָרט, וואוהין די פירער פון דער אָרגאַניזאַציע פלעגן אַריינשמעקן. זיי האָבן געזוכט און גע־נישטערט אויף יעדן זייטן־גאַס, וואָס פירט צו דער מאַרשאַלקאָווסקע און אויך ביים אַריינגאַנג צום זאַקסישן גאָרטן.

צוזאַמען מיט קאָרסקין איז איינגעשטאַנען דער סטודענט יאַנאָוויטש. אינאיינעם האָבן זיי באַזוכט די קורסן. יאַנאָוויטש איז געווען זייער אָרעם. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט פון זיין שטעטל קיין וואַרשע אָן אַ קאָפּיקע געלט און געלעבט דערפון וואָס די סטודענטן, וועלכע האָבן געהערט צום „פּראָלעטאַריאַט", פלעגן אים באָרגן, געגעסן אָן אָנבייס פאַר צען קאָפּי־קעס ערגעץ אויף קראָקעווער פאָרשטאָט אין אַ סטודענטישער קיך און אין דער פרי און פאַרנאַכט פאַרבראַכט ביי באַקאַנטע און דאָרטן איבערגעכאַפּט.

פון זינט יוליק איז געקומען אַהער האָט זיך יאַנאָוויטש געפילט שטאַרקער ביי זיך, ווייל קאָרסקי, אַ זון פון אַ רייכער פאַמיליע אין וואָלאַצ־לאַוועק, האָט מיט זיך געבראַכט געלט.

אין אַ פאַרנאַכט, ווען יוליק האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ געהיימער פאַרזאַמלונג, האָט ער גלייך ביי זיין אַריינקומען געזאָגט יאַנאָוויטשן.

— ברודער, איך האָב פאַר דיר גוטע נייעס. מיר האָבן היינט באַ־קומען אַ נומער פון „וואָלקאָ קלאָס".* און עס איז אויך דאָ אַ בריוו פון סטאַניסלאַוו מענדעלסאָן.

יאַנאָוויטש איז געווען אַ נידעריקער מיט אַ קאַסאָקע אויג. קאָרסקי איז געווען העכער און שענער. ער האָט געהאַט אַ הויכן שטערן און שטילע קינדערשע אויגן.

ביי יאַנאָוויטשן האָט אַ ציטער געטאָן דאָס קאַסאָקע אויג. ער האָט זיך פאַרקוקט אויף דער וואַנט און געזאָגט:

— מענדעלסאָן אינטערעסירט מיך איצטער ניט.

— אַזוי? ווער־זשע אינטערעסירט דיך יאָ?

— ווער? אָט, קום מיט מיר היינט אויף דער נאַכט, וועל איך דיך באַקאַנען מיט אַ מיידל.

---

* קלאַסנקאַמף — טעאָרעטישער אָרגאַן פון דער פאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט".

קאַרסקי האָט געשמייכלט:

— דו, מיט אַ מיידל?

יאַנאָוויטש האָט אים אָנגענומען בייביידע אַקסל, האָט אים גוט־ברודעריש אַ טרייסל געטאָן און געוואונקען מיטן געזונטן אויג.

— וואָס אַרט דיך, וועסט זען ווי לודוויק פאַרברענגט מיטן דאָזיקן מיידל.

ראָזע איז געגאַנגען פאַרנאַכט צום געהיימען פלאַץ, וואו זי האָט זיך געטראָפן מיט וואַרינסקין. די גאַסן זיינען געווען פול מיט מענטשן. זי האָט מיט גרויס מי, גייענדיק מיט זיגזאַגן, זיך געמאַכט אַ וועג צווישן דער געדיכטער מענטשן־מאַסע. אַ פּאָר מאָל איז זי שטיין געבליבן און זיך אָנ־געשפּאַרט אין אַ מויער כדי ניט אומצופאַלן. די פיס האָבן איר קאָנטיק ניט געדינט. נאָר די גרויסע, ברוינע אויגן האָבן צוגעצויגן מענטשלעכע בליקן. ביים פּלאַץ פון די „דריי קרייצן" האָט זי זיך אויף אַ ווײַלע צוגע־זעצט. פונדאַנען האָט זי שוין געהאַט צוויי טריט צום געסל, וואו ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ הייליקע פיגור מיט אַ רויט אַראָפּהענגענדיק אייל־לעמפּל ווי אַן איבערגעדרייטער בעכער.

— ס'איז דאָ, ס'איז דאָ! — האָט עמיצער, וואָס איז איר אַנטקעגנגע־קומען, געזאָגט מיט אַ קול וואָס האָט געוועקט צוטרוי.

ווען ס'איז נאָך געווען גאַנץ ליכטיק אין דרויסן זיינען יאַנאָוויטש און קאַרסקי געקומען צום געהיימען פּלאַץ ביי די „דריי קרייצן". יאַנאָוויטש האָט געוויזן זיין חבר:

— דו זעסט, פאַרגעדענק. דאָ וועלן מיר זיך צונויפקומען.

אינעווייניק איז געווען אָנגערויכערט. אויף אַ טישל איז געשטאַנען אַ גרויסער טשייניק. אַ געדיכטער דאַמף האָט געזעצט פון אים. ביים טישל זיינען געזעסן לודוויק וואַרינסקי, דעמבסקי, סלאָווענסקי און ראָזע. די אַריינקומענדיקע האָבן זיך צוגעזעצט.

לודוויק האָט שטילערהייט גערעדט:

— חברים, מיר דאַרפן זיין גרייט. צווישן אונדז געפינען זיך פּראָ־וואָקאַטאָרן. נאָך אין 1848 האָט מאַרקס געשריבן, אַז יעדער שטורעם לאָזט נאָך זיך אַ טויט, אין אַ זומפּ ווימלען זיך ווערעם און סתם פּאַסקודנע באַשעפענישן. אַזוי איז עס. דער זומפּ וועט מיט דער צייט אויסגע־טריקנט ווערן. אָבער גרינג וועט עס ניט זיין.

שפּעט אין אָוונט, ווען מען איז אַרויס פון דעם ווינקל איז שוין געווען פינצטער. די אויגן אויסצושטעכן. ראָזע האָט זיך געהאַלטן אין קאַרסקין. מ׳איז לאַנג געגאַנגען, ביז מען איז געקומען אויף סאַנאַטאָרסקע, וואו העלע לאַמטערנס האָבן זיך געוואָרגן מיט דער פינצטערניש און איינזאַם געהיט די פאַרשלאָפענע גאַסן. יעדער לאַמטערן ווי אַן אויג דער גאַס.

זשאַנדאַרמען האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די ווינטיקע גאַסן. ראָזען איז נאָכגעגאַנגען וואַרינסקיס וואָרנונג: פּראָוואָקאַטאָרן!

מאַרטירערטום

אין חודש נאָוועמבער.

די מגפה פון אַרעסטן אין וואַרשע האַלט אָן.

נעכטן האָט מען אַרעסטירט דריי חברים פון „פּראָלעטאַריאַט“ דעמבסקי, סלאָווענסקי און יאַנאָוויטש. היינט, נאָך דריי: דעם צוויי־און־צוואַנציק־יאָריקן שוסטער מיכל אָסאָווסקי, דעם יונגן פעליקס קאָן און פּיאָטר באַרדאָווסקי.

אין וואַרינסקיס צימער אויף סאַניטאַרסקע זיצן אַ גרופּע חברים און רעדן אַרום די לאַגע.

שפּעט אין אָוונט, ווען לודוויק גייט אַראָפּ אין גאַס קויפן טאַבאַק, ווערט ער גלייך געכאַפּט און אָוועקגעשלעפּט אין „צענטן פּאַוויליאָן“.

איצט ווייסט מען שוין, אַז דאָס איז די אַרבעט פון אַן אינפּאָרמירעדער... אינעווייניקסטן, אַ פּראָוואָקאַטאָר.

די מגפה פון אַרעסטן האַלט אָן. ראָזע ווייזט אַרויס אַן אויסערגעוויינלעכע ענערגיע. זי גייט יעדער טאָג צום ציטאַדעל, שטייט מיט אַנדערע מוטערס און ווייבער פון פּאָליטישע און קרימינעלע אַרעסטירטע, אָפּוואַרטן ביז וואַנען עס וועט קומען איר רייע, און זי וועט זיך קענען זען מיט די אַרעסטירטע.

איינמאָל ווען זי איז אָנגעקומען צו דער פעסטונג, האָט זי אָנגעטראָפן אַ געטומל. זי האָט אויפגעכאַפּט, אַז די אַרעסטירטע פירט מען אין געריכט אַריין, משפטן.

וואַרינסקין און די אַנדערע האָט מען צוערשט אַריינגעזעצט אין איין צעל מיט די איבעריקע. אויפן פאַרהער האָט מען זיי אָבער גענומען באַזונדער. מיט אים, דעם הויפּט, האָט מען נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות. נאָך צוויי מאָל פאַרשן האָט מען אים צורו געלאָזט. די אַנדערע האָט מען געהאַלטן אין איין שלעפּן פון איין פאַרהער צו אַ צווייטן.

יעדעס מאָל, ווען די יינגערע זיינען צוריקגעקומען פון אַ פאַרהער, זיינען זיי געווען אויסערגעוויינלעך מיד און אָפּגעפּשאַנט. די פּנימער

בלייך, טונקל, די ליפּן פֿאַרביסן, נאָר די אויגן זיינען געווען באַלעבט און רויט.

***

אַ גאַנצן חודש האָט זיך געצויגן דער משפּט. דער אויסגאַנג: זעקס פֿאַרמשפּט צום טויט, אַכצן — צו זיבעצן יאָר קאַטאָרגע. וואַרינסקין שיקט מען אָפּ קיין פּעטערבורג אין דער שליסלבורגער פֿעסטונג. ער האַלט אַ לאַנגע רעדע, אין וועלכער ער זאָגט אָן די תּליינים אַ טאָג פֿון נקמה, ווען דאָס פֿאָלק וועט זיין דער ריכטער.

נאַכט. די בלעכענע דעכער בלאַנקען פֿון קעלט, פֿון שניי. די שטיינער זיינען גליטשיק, פֿאַרצויגן מיט פֿראָסט. פֿינף פֿאַרבליבענע פֿירער פֿון „פּראָלעטאַריאַט" זיצן פֿאַרגליווערטע אין אַ צימער פֿון דער געהיימער דרוקעריי אויף שעננע. דורך די פֿאַרמאַכטע פֿענצטער קריכט קעלט און פֿינצטערניש. גאָר באָענט שפּילט זיך דער ווינט מיט אַן אָפּגעריסענער שטיק בלעך. קלאַפּט די שטיק בלעך אָן דערבייאיקן מויער מאָנאָטאָן און מיט גלייכע איבעררחזרונגען. אַזוי שוידערלעך אויסגעמאָסטן פֿאַלן קאַלטע טראָפּנס וואַסער אויף אָפּגעגאָלטע קעפּ פֿון פֿאַרמשפּטע אין פּוילישע און רוסישע תּפֿיסות . . .

די פֿינף שפּירן: עס איז היינט אפשר די לעצטע נאַכט פֿון דער אָרגאַניזאַציע. ווער ווייסט?

אַ ווײַלע שווייגן זיי, די פֿינף, זיי מיידן זיך אויס איינער דעם אַנדערן צו קוקן אין די פּנימער. ראָזע זיצט ביי אַ טישל און שרייבט עפּעס פֿיבער־דיק גיך. אירע אויגן זיינען ברייט צעעפֿנט און קוקן אין זיך. זי באַמערקט גאָרניט — ניט די נאַכט הינטער די פֿענצטער, ניט דאָס לעמפּל אויפֿן טיש. קרומע פּוילישע ווערטער לויפֿן אָן איינס אויף דעם אַנדערן, דרייען זיך אין אַ שווינדלדיקער ראָד, טאַנצן איבערן ווייסן פּאַפּיר און רייסן זיך פּלוצים אָפּ.

דלוסקי גייט צו צו ראָזען, קוקט אַ ווײַלע אין אירע ברוינע, טיפֿע אויגן. ביי דלוסקין איז דאָס פּנים רואיק און נאָר אויפֿן הויכן שטערן זיינען טראָפּנס שווייס אַרויס. ער מאַטערט זיך אַ וואָרט אַרויסברענגען, אָבער קיין ווערטער קומען פֿון איבערגעטרוקנטן גומען ניט אַרויס.

ענדלעך רייסט עמיצער איבער די שטילקייט:

— פֿון דער שווייג איז אונדז ערשט היינט דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז דיקשטיין איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַז פֿעליקס מענדעלסאָן איז שוין

אויך דאָרט ניטאָ. ער איז אָפּגעפאָרן די טעג קיין לאָנדאָן.

— ווער בלייבט ? דו, ראָזע. וואַרינסקי האָט אויף דיר געלייגט גרויס האָפענונג.

ער האָט זי פעסט אַרומגענומען און גלייך אַוועק פון איר, ווי ער וואָלט מורא געהאַט ער וועט ניט אויסהאַלטן און וועט זיך פאַנאַנדערוויינען.

די דינע ליפּן האָבן זיך גענומען קרימען און ראָזע האָט געזען ווי ער שלינגט אַראָפּ אַ קנויל טרערן. ער האָט זיך אויסגעגליכן און געזאָגט:

— חברים, לאָמיר זינגען, וועט זיין גרינגער.

אַלע פיר דרייען אויס די פּנימער און הייבן אָן הייזעריק זינגען:

„און דער קאָליר זיינער איז רויט,
ווייל אויף אים איז אַרבעטער־בלוט".

ראָזעס קול ווערט פאַרשטיקט פון טרערן. מער פון אַלץ טוט איר וויי, וואָס זיי, די וועלכע דאַרפן בלייבן ביים רודער, זיינען אויך טויט פאַר דער לעבעדיקער וועלט אין דרויסן.

וואַרטן, וואַרטן...

דעם 28טן יאַנואַר.

אַ גראָער פרימאָרגן אין טאָל ביים ווייסל. די זעקס פאַרמשפטע שטייען ביים הילצערנעם פאַרקן, וואָס איז צעפוילט פון השתנה, ברוד און אַלטקייט. זייערע פנימער זײַנען טויט בלייך, שטאַרק ענלעך איינס אויפן צווייטן.

פון ביידע זייטן פאַרקן לויפן אַן זשאַנדאַרן און שרייען:

— לויפט, הינטישע זין!

דער 24־יאָריקער סטאַניסלאַוו איז געפאַלן מיטן פנים צום פאַרטאָ־גיקן הימל פאַרריסן, מיט הענט צום ציטאדעל פאַרוואָרפן.

דער 22־יאָריקער מיכל אסאווסקי שרייט הייזעריק:

— חברים, לאָמיר זינגען.

דער 21־יאָריקער יאַן פיעטרושינסקי הייבט אָן:

— „און ס'וועט קומען דער טאָג פון משפט"... — ער האָט נישט פאַרענדיקט. עס האָט אַ טויבער קנאַל געטאָן. ווי אַ שטומע חיה האָט ער פאַרוואונדערט אָנגעקוקט מיט הילצערנע אויגן. דאָס מויל איז אָפן געבליבן, אַזוי ווי אַ ביין וואָלט אים אין דער קעל שטעקן געבליבן. ער איז געפאַלן און געבליבן ליגן לעבן אסאווסקין.

איצט זינגען די פאַרבליבענע פיר:

„און ס'וועט קומען טאָג פון משפט,
מיר וועלן זיין די ריכטער.
און אונדזער פאָן איז רויט,
ווייל אויף איר איז אַרבעטער־בלוט".

ראַנגלען זיך פאַרשטיקטע קלאַנגען מיט קלעפּ פון קוילן, ווילן זיי פאַרשרייען, ווערן אַלץ טויבער, שטילער.

שטיל. גליוועת־טויט. די זשאַנדאַרמען שלעפּן אַראָפּ די שטיוול און שיך פון נאָך וואַרעמע קערפּערס, שלעפּן זיי און וואַרפן זיי אין זעקס שמאָלע הילצערנע קאַסטנס. אַ גראָב פאָליציייאיש קול באַפעלט:

— שנעלער, גראָבט!

—אַ פינצטערניש, די אויגן קריכן אַרויס.

— גיב דעם לאַמטערן, איך קלאַפּ אין אַ שטיין.

— גראַב, מען האָט באַפוילן גראָבן, — גראַב.

— דער הימל העלט שוין. באַלד וועט ליכטיק ווערן און די גרוב איז נאָך ניט פאַרטיק.

רוסישע און פוילישע זשאַנדאַרן גראָבן דעם ברודער־קבר. די רידלען פאַלן שיכור און קרום, גליטשן זיך פאַרביי דער נאַסער ערד ביים ווייסל. זיי טרייבן שוין מיט די לעצטע כוחות די לאַמען אין די גריבער. אַ קאַלטע פייכטקייט, אַ טויטע און פאַרשטיקטע קריכט פון גרוב, בייסט זיי די צורות, פאַרפרירט די פינגער. די אויגן קוקן אָן אַ זייט.

— שוין?

— אַריינגעוואָרפן! טיף זיי באַגראָבן.

די סאָלדאַטן וואַרפן די קאַסטנס אין גרוב. זיי פאַרשיטן, טאַנצן מיט שווערע פאַרברודיקטע שטיוול אויפן ברודערלעכן קבר, פאַרמעקן אַלע סימנים פון זייער באַנאַכטיקטער אַרבעט.

די שוואַרצע פאַרטאָגיקע וואָלקנס צעפּלאַצן אין אַ סך ערטער מיט־אַמאָל. אַ פאַרטאָגיקע גראָקייט קריכט פון עק הימל, שלעפּט זיך פאַ־מעלעך און פאַרשלאָפן איבער דער ווייסל. די סאָלדאַטן זעצן זיך אַריין אין אַ וואָגן און פאָרן אַוועק.

דורך זייטיקע שמאָלע געסלעך, דורך אַרומיקע געדרייטע וועגן, שלענגלט זיך די פור, וועקט אויף מיט זיין טרוקענעם געררויש די פאַר־שלאָפענע מויערן און הייזער, סקריפּעט אין פאַרטאָגיקער גראָקייט. די שטאָט — צו מערב, די ווייסל — צו מזרח, און אינמיטן אַ טאָל. די סאָל־דאַטן הוידען זיך אויפן וואָגן. לויפן, ווי די די זעקס טויטע רעוואָלוציאָ־נערן וואָלטן זיי נאָכיאָגן.

— —

אַ גראָער, קאַלטער אָוונט. נאַכטיקע וואָלקנס פאַרדעקן וואַרשע. שניי אויף די פעלדער. אין גאָסן איז ברודיק שוואַרץ און צעטראָטן. דער ציטאַדעל־פּלאַץ איז פּוסט און פאַרגליווערט אין אַ טויטער שטילקייט. דריי יונגע מענטשן זוכן דעם ברודערלעכן קבר ביי דער ווייסל. זיי שפּאַנען אַרום פאַרטראַכט און שוויגנדיק. טריט זינקען אין דער שניי־איקער ערד, אַז מען וואָלט צוגעגאַנגען צו זיי גאָר נאָענט וואָלט מען דערקענט:

יאַנאָוויטש, ראָזע בורג און אַ יונגער מענטש מיט אַ טיף שוואַרצלעך בערדל, מיט אויפגעהויבענע אַקסלען, וואָס גרייט זיך די טעג אָפּפאָרן אין

דער שווייץ — דער וואָלאָצלאַווקער יוליאַן קאַרסקי. זיי שטעלן זיך אָפּ ביי אַן אויסגעגלייכט בערגל:

— אָט דאָ, אָט דאָ, ווייזט אויס, איז עס! דאָ דאַרף עס זיין!

קאַרסקי שטעלט זיך דער ערשטער. זיינע שטילע קינדערשע אויגן זיינען טרוקן און ברייט צעעפנט. ער שטייט שטאָלץ ווי ער וואָלט אָפּ־געגעבן אַ שבועה. אַ ווינט לויפט דאַן פון ווייסל, צעווייעט ראָזעס שוואַרצע האָר.

זי נעמט אַרויס פון הינטער איר מאַנטל אַ רויטן טוך. שפּרייט אויס אויפן ברודיקן שניי, זאָגט שטיל און געהיים:

— קומט, חברים, לאַנג קאָנען מיר זיך דאָ ניט פאַרהאַלטן. עס וועט באַלד טאָגן.

די ווייסל איז פאַרוויקלט אין אַ פייכטער, דורכגעפוילטער נאַכט. אַ גאַנצן טאָג איז אויף דער שטאָט געפאַלן אַ נאַסער שניי, איצט הענגען איבער דער איינגעשלאָפענער שטאָט שווערע, געדיכטע וואָלקנס ווי אייטערס פון מידע קי.

ראָזע קוקט זיך אום אויפן רויטן טוך, וואָס איך שוין איצט צוגעקלעפּט צו דער ערד. זי ווישט אָפּ מיט אַ ווייס נאָזטיכל די אויגן, ציט אָן אויף די פינגער די דיקע אויסגענייטע הענטשעקעס און גייט אַוועק פון פּלאַץ.

ביידע גייען איר נאָך, מיט וואַקלדיקע טריט.

זיי טראַכטן, אַז עס וועלן זיך נאָך ציען גרויליקע נעכט, פינצטערע טעג, פאַרפייניקטע חדשים און יאָרן און דאָרטן, אין טאָל ביי דער ווייסל, וועלן ליגן די זעקס. דריי מיט די פּנימער צו מערב, דריי צו מזרח; דריי צו פּוילן, דריי צו רוסלאַנד געווענדעט. עס וועלן זיי נעצן רעגנס, פאַר־ווייען ווינטן, הוליען אויף זיי שנייען און זאַווערוכעס. אַזוי דאַכט זיך אַלעמען אויס.

נאָר יוליאַן קאַרסקי רייסט איבער די שטילקייט, ווי ער וואָלט גע־לייענט די מחשבות פון די איבעריקע צוויי:

— ניט לאַנג וועלן זיי וואַרטן, אונדזערע חברים. עס וועט זיך בייטן, עס וועט אַנדערש ווערן אויך דאָ.

די דריי צעזעגענען זיך. ראָזע שלייכט זיך דורך די פאַרשנייטע גאַסן. עס קלינגען אין אירע אויערן די לעצטע ווערטער פון דעם יונגן יוליאַן:

— וואַרטן, וואַרטן . . . ניט לאַנג וואַרטן.

זי איז אויפגערעגט און אינערלעך פאַרטיפט אין אַנוואַקסנדיקע גע־דאַנקען און געפילן.

דער אַדוואָקאַט ווערט אַ רעדאַקטאָר

ווען דער דורכגעפאַלענער זאַמאָשטשער אַדוואָקאַט און שריפט־שטעלער י. ל. פּרץ, איז אויף צומאָרגנס באַכן קומען קיין וואַרשע, אַרויס אין שטאָט און איז אַריבער דעם קראַשינסקי־פּלאַץ, האָט ער נאָך אַלץ געטראָגן אין זיך די דעראינערונגען פון פּעטערבורג, וואו ער האָט לעצטנס פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן.

מיט אַ יאָר צוריק האָט ער פאַרלאָרן דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן אַלס אַדוואָקאַט, ווייל די רעגירונג האָט אָנגעגעבן, אַז ער רעדט צופיל פּויליש, פאַרטיידיקט רוסישע שונאים און וויל פּאָלאָניזירן די שטאָט. פּרץ איז אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג זוכן יושר.

אין סאַנקט־פּעטערבורג זיינען געשטאַנען ווייסע מילכיקע טעג. אַרום 12־1 ביינאַכט פאַלט צו אַ טונקעלע בלאָוקייט און ווישט אָפּ די קאַנטן פון די גרויסאַרטיקע פּעטערבורגער געביידעס. עס געדויערט אָבער ניט מער ווי אַ שעה.

די פאָר וואָכן וואָס פּרץ האָט זיך דאָרט געפונען האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז ניט געשלאָפן, ווייל וואו איז די נאַכט? סיידן פון יענער זייט פינישן אויסגוס?

פּרץ האָט געבענקט נאָך די דאָזיקע ווייסע נעכט. ער האָט געטראָגן אין זיך דאָס בילד פון פּושקין־מאָנומענט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז פּושקין איז ניט דערהרגעט אויף דעם דועל מיטן פאַרשאָלטענעם דאַנטעסן. אַ דין שטרעמעלע רויך קרייזלט זיך פון דער פּיסטאָלעט־לאָך. דעם פּאָעטס קלייד איז פון אויבן האָלדז נאַכלעסיק צעשפּילעט. פּושקין דראָאָט דעם פאַרר עטערישן גלאַנץ פון אָט־דער שיינער צפונדיקער שטאָט.

***

פּרץ האָט שפּאַצירט אויף די וואַרשעווער גאַסן. זיין ברייטער שטערן האָט זיך געקאַרבט און די ראָזלעכע פינגער האָבן ניט ווילנדיק, פון פאַר־טראַכטקייט, אָנגעריררט זיין בלאָנד בערדל. אויפן ראָג פון גענשא און דזשיקאַ איז ער שטיין געבליבן ביים טויער פון „פּאַוויאַק״, אַנטקעגן איז אים אָנטקעגנגעקומען זיין יוגנט־פריינט ישעיהו מאַרגאָליס.

— לייבוש ? — אַט, אַ באַגעגעניש, — האָט אים מאַרגאַליס אַרומגע־כאַפּט, — און ביים פּאַוויאַק ?

מאַרגאַליס האָט געטראָגן אַ שוואַרצן סורדוט. פּרץ איז געגאַנגען אָנ־געטאָן אין אַ שוואַרצער פּעלערינע. דערזען אַז מאַרגאַליס באַטראַכט זיין פּעלערינע האָט ער זיך צעלאַכט און באַלד אויפגעהויבן די פייערדיקע אויגן איבער דעם פּאַרקן פון דער תּפיסה. אין דער ווייט האָט געשטאַרצט דער קלויסטער אויף דזשעלניע.

— אַן אמתער שרייבער, — האָט מאַרגאַליס אַ טראַכט געטאָן.

— און וואָס איז מיט דיין פּאַך ? אויס אַדוואָקאַט ? — האָט מאַרגאַליס אָפּגעמאָסטן זיין פּעלערינע, און באַלד צוגעגעבן : — אָבער וואָס רעד איך ? ביסט דאָך שוין גאָר דער פירער פון „שפה ברורה״.* מען האָט מיר אי־בערגעגעבן וועגן דיין רעדע אין שול אויף נאַלעווקעס.

— וועלכע רעדע ?

— פאַר די סטודענטן.

פּרץ האָט זיך פאַרגאַפט אויף איינעם פון די הויכע דעכער, וואו צווישן די פאַרשוואַרצטע, פאַרצייטיקע דאַכעלקעס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פּירקאַנטיקע גלעזערנע לאַטע.

— אַט, אַ פאַרחלומטער דיכטער, — האָט מאַרגאַליס געטראַכט.

— ווי איך זע, וועסטו זיך שוין איבערגעבן אינגאַנצן דער שרייבע־רישער מלאכה, — האָט אים מאַרגאַליס אָנגענומען ביי דער האַנט. — אָבער וואָס איז מכוח פּרנסה ?

— דערווייל איז ביטער, שייקע. אַט טראַג איך זיך אַרום מיט אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ שריפט. ווי מיינסטו, שייקע, זיי וועלן העלפן, די מעצענאַטן ?

— עס וועט זיין גוט, לייבוש. דו האָסט קיין געדולד ניט, לייבוש, — האָט אים מאַרגאַליס גוטמוטיק געמוסרט, — וואַרשע איז אַ וועלט. מיט דיין ענערגיע וועסטו זיך ביסלעכוויז אַרויפאַרבעטן. וועסט אַרויס־שטויסן סאָקאָלאָוון. ביי דר. מינצן ביסטו געוועזן ?

— אַט גיי איך טאַקע צו אים.

— און אונדזערע זאַמאָשטשער האָסטו געטראָפן ?

— וועמען ?

---

* לויטערע שפּראַך. אַ העברייאישע געזעלשאַפט אין וואַרשע אין יענע יאָרן.

— אַט, עדוואַרד בורגן.
— יענער איז אַן אַסימילאַטאָר.
— אָבער ער האָט געלייענט דיינע שריפטן.
פּרץ האָט זיך ווידער פאַרגאַפּט אַרויף. די זון האָט געהאַלטן ביים פאַרגייען און אָפּגעמאָלט אַ וואָלקן אויף ראָז.
— ווייסט, שייקע, ביי אונדז אין זאַמאָשטש פאַרגייט איצט אויך די זון, זי מאָלט איבער אויף ראָז דעם אַלטן מאַרק.
— ניט די זון מאָלט, נאָר דו, דיכטער איינער! י. ל. פּרץ, אַ גוטע נאַכט!
פּרץ איז נאָך געבליבן שטיין לעבן דער תּפיסה. ער האָט זיך אַזוי נאָענט צוגעקוקט, אַז די וואָך האָט אויף אים געוועגדט די אויפמערקזאַמ־קייט, מ'האָט אים שיר ניט פאַרנומען. גוט וואָס ער האָט זיך אָפּגעטראָגן באַצייטנס.

ביי דר. מינצן אין הויז אויף טוואַרדע 20 זיינען אין די שבת צו־נאַכטסן פאַרגעקומען ליטעראַרישע אָוונטן. מען האָט דיסקוטירט וועגן ליטעראַטור, קונסט, באַכדעם געזונגען, געשפּילט, זיך געוויצלט, און נאָך אַ לוסטיקן נאַכט־עסן זיינען פאַרגעקומען אימפּראָוויזירטע טענץ אין וויס־טאַפּעטירטן גרויסן סאַלאָן. היינט איז שוין דאָרט ניט פאַרגעקומען גלאַט אַן אָוונט, נאָר אַ גאַנצער באַל.
איז דר. מינץ פאַרנאַכט געזעסן און געציילט אויף די פינגער די געסט וואָס ער האָט איינגעלאַדן: צען מאַנסלייט מיט זייערע ווייבער. סאַמע אָנגעזעענסטע מענטשן: דער אַדוואָקאַט יוזעף קירשראַט, דעם פּילאַנ־טראָפּס בלאָכס רעכטע האַנט; דער רעדאַקטאָר פון דער „איזראַעליטאַ" יאַקוב קאַן; דר. הענריק נוסבוים; דער רעדאַקטאָר פון „הצפירה", נחום סאָקאָלאָוו; אַ פּאָר אינדוסטריעלער, אַ באַנק־דירעקטאָר, אברהם פּאָדליי־שעווסקי, וואָס האָט אַ טוך־געשעפט אויף גענשע גאַס און עדוואַרד בורג מיט דער ווייב און יינגסטער טאָכטער, און עטלעכע סטודענטן.
דר. מינץ רייסט איבער דאָס ציילן און ווענדט זיך צו זיין בלאָנדער פרוי, וואָס העלפט אַ דינסט אויסשטעלן גלעזער:
— די בורגס וועלן זיין? אַדעלאַ, דו ווייסט, אַז זייער טאָכטער איז . . .
— איך ווייס, איך ווייס אַלץ, — רייסט די פרוי אים איבער און גלעט אויס די אומגעזעענע פאַלדן פונעם ווייסן טישטוך.

— און דו ווייסט, אַז די בורגס זיינען זאַמאַשטשער? זייער טאַכטער וואַקסט אַ גרויסע דיכטערין. ווען ניט איר אומלעגאַלע אַרבעט, וואָלט זי זיכער באַקומען אַ מעדאַל אין דער גימנאַזיע.

— איין זאַך קימערט מיך, — האָט אדעלא זיך געריבן דעם שטערן מיט דער האַנט, — די בורגס פאַרשטייען קיין זשאַרגאָן ניט.

— ס'מאַכט ניט, ס'מאַכט ניט! — האָט זיך מינץ אויפגעהייבן און צו־געגאַנגען צום פענצטער, — פאַר רעדן אַ זשאַרגאָניש וואָרט וועלן דיך די בורגס ניט פאַרשטיינערן. און פון אַ יידישן וויץ וועט אפילו די רעוואָ־לוציאָנערקע הנאה האָבן . . .

אַנהויב אָוונט האָט זיך שוין דער צימער אָנגעפילט מיט די געסט. פרץ איז אַריינגעקומען מיט סאָקאָלאָוון.

אדעלא מינץ האָט מיט בולטער גערירטקייט, מיט גוטע פייערלעך אין די אויגן איבערגעחזרט זייערע נעמען פאַר יעדן איינעם.

— דער רעדאַקטאָר סאָקאָלאָוו, דער דיכטער פרץ.

אַ דינער האָט געעפנט אַ זייטיקע טיר און זיך פאַרנייגט:

— אָוונט־ברויט איז פאַרטיק.

— פאַנאָוויע, — האָט אדעלא אַ זאָג געטאָן, — קומט עסן!

— אַ גרוס פון פעטערבורג, — האָט יאַקוב קאַן זיך אויפגעשטעלט און זיך געווענדט צו פרצן.

פרץ, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן, נאָר געקוקט אויף דער קליינער ברונעטקע, בורגס טאָכטער, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן און גערעדט מיט אַ סטודענט, — האָט אים געענטפערט:

— מיט די ליטעראַרישע קרייזן אין פעטערבורג האָב איך זיך ניט באַקאַנט, ניט געהאַט קיין גרויס אינטערעס.

— נו און מיט די אַדוואָקאַטן? — האָט קאַן אַביסל צונויפגעצויגן די ברעמען.

פרץ האָט צונישטמאַכעריש אַ פאָכע געטאָן מיט דער האַנט און נאָך אַלץ געקוקט אויף דער מיידל, אויף אירע שוואַרץ איינגעשפּאַרטע האָר, פאַרקעמטע צום נאַקן און צונויפגענומענע אין אַ קובליק.

די גלעזער ווייַן האָבן געקלונגען און דער געקלאַנג איז פאַרטויבט געוואָרן פון געלעכטער. מען האָט געלאַכט פון אַ וויץ וואָס סאָקאָלאָוו האָט דערציילט.

נאָכן עסן האָבן זיך די פאַרזאַמלטע פאַרקליבן אין סאלאָן. סאָקאָלאָוו

האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר און איז באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ קרענצל בייגעריקע, פאַר וועלכע ער האָט אַנטפּלעקט סודות פון פּאָליטיק, ווי אַ געניטער דיפּלאָמאַט.

די סטודענטן זיינען דערווייל אַוועק אין אַ טאַנץ.

סאָקאָלאָוו האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די ליפּן דעם ציגאַר און דערזען, ווי פרץ שטייט אַן אומגעדולדיקער, הינטערן אָנלען פון דער שטול אויף וועלכע ער זיצט אַזוי באַקוועם.

— גענוג, גענוג מיט דער דיפּלאָמאַטיע, — יוגנט טאַנצט.

— אָ, שוין, אין אַ מינוט אַרום, — בלאָזט סאָקאָלאָוו די ליפּן מיט אַ פול מויל רויך, אָבער ער באַוויזט זיך נאָך ניט אויפצוהייבן, ווי ער דערזעט פרצן טאַנצן אין מיטן זאַל. זיין האַנט ליגט צאַרט אויף אַן אַקסל פון אַ סטודענטקע. יענע בויגט זיך מיט איר דינעם פוס ווייטער פון טענצער, ווי זי וואָלט אונטערגעהונקען. חידושט זיך סאָקאָלאָוו:

— סאַראַ געניטער טענצער ער איז, פרץ.

סאָקאָלאָוו קוקט אויף נאָך פאַרשפּיצטע אַקסלען, פאַרבויגענע עלנבויגנס, אַזוי ווי העלדזער — פיס מענערשע, סאָלידע און פּרוויאישע דינע, חנעוודיק אונטערגעהויבענע און דאָס אַלץ וויגט זיך, הייבט זיך פאַר זיין אויג, עפנט זיך, אַזוי ווי אַ פעכער און פאַרמאַכט זיך צוריק. זוכט ער זיין רבקהלען. נישט צווישן די וואָס וויגן זיך, נאָר צווישן יענע, וואָס זיצן ביי די ווענט.

— וואו האָט דאָס געקענט אַהינקומען זיין רבקה? — טראָגט ער איבער די אויגן אויף דער צווייטער זייט וואַנט און באַמערקט ווי אַ גרויבלאָנדלעכער מאַן רעדט צו אַ טונקעלער פרוי, — מען האָט זיי דאָך פאַר אים פריער פאָרגעשטעלט, פאַן בורג, דאַכט זיך. — ער באַמערקט ווי יענע קוקן אַזוי בייגעריק און חדושדיק אויף פרצן אויף וועמענס אַקסלען עס איז אָנגעשפּאַרט אַ ווייסע האַנט פון אַ סטודענטקע, — זאָל זי עס זיין די טאָכטער פון די צוויי, וואָס ער קען זיי נישט פערזענלעך?

מען האָט אויפגעהערט טאַנצן. עטלעכע האָבן זיך אויסגעזעצט. טייל האָבן זיך געקליבן אַרום פרצן, וועלכער איז געשטאַנען און האָט געטענהט מיטן אַדוואָקאַט יוזעף קירשראַט.

יוזעף קאַן, אַ הויכער, מיט שמאָלע פּלייצעס, ווי ביי אַן איבערגעוואַקסן בחורל, איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט און זיך געוואונדערט וואָס מען הערט זיך אַזוי בייגעריק צו צו די רייד פון דעם פּראָווינציעלן זשאַרגאָניש־

העברייאישן דיכטער.

אויף אַ ווייכער אַטאַמאַנע איז געזעסן רבקה, סאָקאַלאָווס ווייב. זי איז געזעסן פאַררוקט אין אַ ווינקל, און געהאַלטן אין איין אויסגלייכן איר שוואַרץ־זײַדן קלייד אין וועלכער זי האָט אויסגעזען ווי אַ געצערטלטע יונגע פּריצה.

ראָזע האָט פון דער זייט געקוקט אויף פרצן, וואָס האָט גערעדט, גע־וואָרפן מיט אַפאָריזמען. ער האָט גערעדט שנעל, אָבער אין אַ ריטם. אין די אויגן האָבן ביי אים געשפּילט פייערלעך, געצונדן דאָס בערדל און אַלע זיינע פאַרכאַפּטע געוואָרן, געפאַנגען געוואָרן פון זיין וואָרט־כישוף.

ער האָט דערמאָנט דעם פּוילישן דיכטער, יענעם רוסישן פּאָעט, צי־טירט גאַנצע שטעלן פון זייערע ווערק, אַז די זיצנדיקע האָבן אים באַ־וואונדערט. אַז ער האָט אויפגעהערט רעדן האָבן נאָך זיינע ווערטער אָפּ־געקלונגען אין זאַל.

די מאַדאַם מינץ איז צוגעקומען און געבעטן פרצן ער זאָל דעקלאַ־מירן אַ זשאַרגאָניש ליד.

פּרץ האָט אַ שמייכל געטאָן:

— ניין! וויפל וועלן פאַרשטיין?

— אָבער מען וועט פאַרשטיין, — בעט די באַלעבאָסטע.

קירשראַט שטעלט זיך איין פאַר פרצן:

— אָבער, לאָזט רעדן.

די פרוי וואָלט אים ניט געוווען אָפּגעלאָזן, ווען דער רעדאַקטאָר פון „איזראַעליטא" וואָלט זיך ניט אויפגעשטעלט. ער וויל אַוועקגיין. מען וועט אים אָבער ניט אָפּלאָזן, בשום אופן ניט. — האָט זיך דערהערט דעם באַלעבאָס שטים, — אָט וועלן זיך אַלע אַוועקזעצן.

קאָן האָט ניט געקענט ליידן, וואָס די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט נעמט צו פרץ. ער האָט זיך דאָך געלאָזט איינרעדן און איז געבליבן.

מען האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש. קאָן האָט אפילו ניט גע־וואָלט קוקן אין פּרצעס זייט.

עס זיינען אָנגעקומען נאָך אַ פּאָר סטודענטן. די פרוי מינץ האָט זיי באַגעגנט מיט אַ שיינענדיקן שמייכל און אַלץ ניט אָפּגעטראָטן פונעם דיכ־טער, ער זאָל לייענען די זשאַרגאָנישע ליד.

דאָס מאָל האָבן שוין די סטודענטן אויך געבעטן, ער זאָל דעקלאַמירן דאָס ליד, אָבער ער האָט זיך אַלץ אָפּגעזאָגט.

— איר ווייסט, — האָט דער אַדוואָקאַט יוזעף קירשראַט געזאָגט צו מאַדאַם מינץ, — אין אַקאַדעמיע האָבן מיר ניט געקענט איבערצייגן אונדזערע פּראָפעסאָרן, אַז אויף זשאַרגאָן רעדן ניט בלויז די שענקאַרעס, נאָר אויך ליטעראַטן . . .

— אָבער אַז שיינע פרויען זיינען פאַראַן צווישן יידן, דאָס האָט איר זיי איבערצייגט, — האָט זיך סאָקאַלאָוו אָנגערופן.

— דאָס האָבן זיי אַליין געוואוסט, — האָט דער אַדוואָקאַט אַ קוק געטאָן מיטאַמאָל אויף רבקה סאָקאָלאָוו. זי האָט אַראָפּגעלאָזן אירע אויגן.

אויפן טיש זיינען שוין געשטאַנען גלעזער טיי. אינמיטן טיי טרינקען האָט זיך עדוואַרד אָנגעבויגן צו ראָזען.

— דו ווייסט, אַז פּרץ איז געווען אַן אַדוואָקאַט אין זאַמאָשטש און האָט לעצטנס פאַרלאָרן זיין אַדוואָקאַטור, ווייל מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער פאַלאָניזירט זאַמאָשטש, אַז ער רעדט צופיל פויליש מיט זיינע קליענטן.

ראָזע האָט אַ ציטער געטאָן און דערזען פּרצעס אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס און די אויגן פון וועלכע עס האָט געשפּילט אַ פּייערל. זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן, עטוואָס צעעפנט דאָס מויל.

— ער האָט אַמאָל איבערגעלאָזט ביי אונדז אין הויז אַ העפט פוילישע לידער און דו, ראָזע, האָסט עס באַהאַלטן. ביסט דאַן אַלט געווען דריי יאָר.

ראָזע האָט אים שוין ניט געהערט, ווייל מאַדאַם מינץ האָט זיך ווידער געווענדט צום עולם, מען זאָל פועלן ביים דיכטער ער זאָל עפּעס פאַר־לייענען.

קאָן האָט זיך צוגערוקט צום קעפל פון דיוואַן, איינגעטוליעט דעם קאָפּ אין די אַקסלען און פאַרמאַכט די אויגן.

מאַדאַם מינץ איז צוגעגאַנגען צו אים:

— פּאַניע קאָן, איר זענט אָנגעגרייט צו הערן?

קאָן האָט אפילו ניט געוואָלט קוקן, בלויז די האַנט אַרויפגעלייגט אויף איר אַקסל, ס'האָט באַדייט:

— זייט רואיק, איך האָב שוין אַמאָל געהערט קינסטלערישע ווערק לייענען, ניט נאָר אויף זשאַרגאָן.

פּרץ האָט אָנגעהויבן לייענען:

„איך ווייסט מן הסתם!
די וועלט איז אַ ים,

מיר זיינען פיש;
טייל זיינען העכט,
שלינגען ניש׳ שלעכט,
זאָגט אפשר ניש?
— — — — — — — —
און זעלטן איז עמעץ
באַשירמט און באַהיט.
אָט, אייך צו וואָרענען
זינג איך מיין ליד!

אַ סטודענט האָט שטילערהייט איבערגעזעצט ראָזען וואָרט ביי וואָרט. פרץ האָט געגלעט זיינע וואָנצעס, דאָס קול איז ביים דיכטער געוואָרן שטאַרקער, פּלעמלעך האָבן אויפגעבליצט אין זיינע אויגן, ווי טראָפּנס פייער, עקספּלאָדירט.

ווען ער האָט געענדיקט האָבן אַלע אַפּלאָדירט.

— רעכנט איר טאַקע אין גיכן אַרויסגעבן אייער זשורנאַל? — האָט סאָקאָלאָוו אַ פרעג געטאָן.

— אויב די אינטעליגענץ וועט שטיצן, — האָט פרץ אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף קירשראַטן.

— האָט איר שוין צוגעטראַכט אַ נאָמען? — פרעגט סאָקאָלאָוו.

— איך מיין: „יום־טוב בלעטלעך״.

— ס׳שמעקט מיט שבתדיקע פיש, — האָט עמיצער אַ זאָג געטאָן.

דער שטילער פּאָדלישעווסקי וואָס האָט ביז איצט געשוויגן האָט גע־זאָגט — אַז אים וואָלט געפעלן דער נאָמען, — אָבער אויב ער וועט ניט זיין אויף העברייאיש צווייפלט ער צי ער וועט האָבן אַ סך לייענער, — האָט סאָקאָלאָוו געענטפערט.

— און וועגן וואָס וועט דער זשורנאַל דערציילן? — האָט קאָן אָפּ־געצויגן די קנייטשלעך אויפן סערדעט און געפרעגט מיט אַ האַרטער און שטעכיקער שטים.

ביי פרצן האָבן די אויגן געפלאַקערט:

— וועגן אַלצדינג. אויפן פּראָסטן וואָכעדיקן געשמאַקן זשאַרגאָן זיך איבערערעדן מיט אונדזערע אַרבעטער, באַלמעלאָכעס, מאַרק־מענטשן, טרע־גער, האַראַפּאשניקעס, וואָס פאַרברענגען נאָך זייער וויסט פינצטער לעבן אין דאַרעניש, אין קוואַרעניש, ווייל זייערע בעלי־טובות דאַרפן שאמפּאַ־ניער, עקיפּאזשן, בעדער און בעלער. לאָמיר זיי אויף זייער פּראָסטן וואָ־

רעמען זשאַרגאָן דערקלערן, אַז זיי זיינען אויסגעפורעמט פון דעם אייגע־נעם בלוט און פלייש וואָס די גבירים . . . לאָמיר זיי עפענען די פאַר־שלאָפענע אויגן און ווייזן זיי, אַז זייערע בעלי־טובות נוצן זיי אויס צוליב זייערע אַפּערעס.

— בראַוואָ! — האָט דר. מינץ אויסגערופן, — זאַמאָשטש איז אַ טייערע שטאָט. איר רעדט גוט.

מ'איז געבליבן שטיל.

אַ יונגער סטודענט, וואָס איז געזעסן אין אַ זייט, האָט שטיל אריינ־גערוימט ראָזען אין אויער:

— זיינע רייד זיינען ווי די פּראָקלאַמאַציעס וואָס דו האָסט גע־דרוקט . . . ער האָט ניט פאַרענדיקט, ווייל די בורגס האָבן זיך אויפ־געהויבן פון די ערטער.

קאָן האָט געבורטשעט: — אַ נאָמען, „יום־טוב בלעטלעך“!

פּרץ האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז בעסער מען זאָל וועגן דעם פּלאַן רעדן אין זיין אָפּוועזנהייט, האָט ער זיך אויך אויפגעהויבן.

טייל געסט האָבן זיך געזעגנט און זיינען אַרויס אין די נאַכטלעכע גאַסן.

***

אַ טונקעלער שטייפער אָטעם איז געלעגן אויף די ברודיקע טראָטואַרן. ערגעצוואו האָט אַ פאַרשלאָפענע האַנט געפּרואווט אַ שלאָס אויף אַן איי־זערנעם לאָדן. אַ פערד מיט אַן איבערגעבויגענעם האַלדז האָט געקלאַפּט מיט אַ פוס אין פאַרשלאָפענעם ברוק אַריין. אַ מענטש איז געשלאָפן שטיי־ענדיק אינמיטן גאַס און אַ שפּיציק קלאַפּן פון אַן אייזן געקאָוועטן שטעקן האָט געלאָזט וויסן, אַז מען היט פרעמד האָב און גוטס.

אַהיים צו גיין איז נישט געווען ווייט. עדוואַרד האָט אַרומגעוויקלט די הענט אונטער די אָרעמס פון ווייב און טאָכטער.

— געווילט זיך, לינאַ?

— גאַנץ גוט.

— און דו, ראָזע?

— אויך גוט.

אַ ווײַלע שטיל. די טריט האָבן זיך געשניטן האַסטיקער.

ראָזעס טריט זיינען וויך, עדוואַרד און לינעס — האַרטער.

עדוואַרד פרעגט:

— האָסט דען פאַרשטאַנען, ס'איז דאָך אויף זשאַרגאָן?
— אָבער ער איז זיכער אַ גרויסער פּאָעט.
— פונוואַנען ווייסטו?
— אויב נאָר די מאַכט האָט אים פאַרבאָטן פּראַקטיצירן מוז ער זיין אַ גרויסער פּאָעט . . .

ביים טויער, וואו זיי זיינען אינמיטן שמועס געבליבן שטיין, זיינען געלעגן בלוילעכע שאָטנס, וואָס זיינען דערגאַנגען ביז ווייסקייט. ערגעץ אויף די שלאָפעדיקע טראָטואַרן האָבן געקלאַפּט בלעכענע קאַנען.

פון אַ קעלער האָט זיך דערהערט אַ גענעץ און אַ פינצטער ניט אויס־געשלאָפן קול:

— ווי לאַנג איז דער שיעור צו שלאָפן? ס'טאָגט דאָך שוין.

די בורגס זיינען אַריין אין הויף.

אַ חלום

מיטן שליאַך פון „וואָיענע פלאַץ“, ווייט פון „ציטאַדעל“, איז ראָזע געגאַנגען אויף די פאַרשנייטע פעלדער. זי האָט געשפּאַנט מיט אַן אײנגעהאַלטענעם טראָט; דאָס פוטערן היטעלע אַראָפּגערוקט אויפן שטערן, דער מאַנטל אָפן, בעסער צו פילן דעם פרייען ווינט. זי האָט זיך דערווייטערט פון דער פעסטונג, די אויגן האָבן געטריקנט פון סוף־טאָגיקן בלענד. דאָס האַרץ איז געווען פאַרזאָטן פון די איבערלעבענישן די לעצטע טעג אַרום דער אַרעסטאַנטן־פעסטונג. דער רוקן־ביין האָט איר שרעקלעך ווי געטאָן, פונקט אין זעלבן אָרט וואו מען האָט אַנדערע חברים געשלאָגן.

ראָזע האָט פאַרקירעוועט פון שליאַך און זיך געלאָזט גיין אַהיים. דער טאָג איז געזונקען הינטער דער פעסטונג. די לעצטע שקיעה־שטראַלן האָבן זיך געטוקט. פונקט אַזוי האָבן זיך געטוקט די האָפענונגען פון די קעמפער די לעצטע טעג, — האָט ראָזע געקלערט, — אָבער צי דען זיינען אַלע היסטאָרישע קאַמפן, פון ספּאַרטאַקוסן ביז דעם אויפשטאַנד פון די וועבער אין שלעזיע, און די הייסע קעמפער אויף די באַריקאַדן פון יאָר 1848, געווען אומזיסט ?

זי האָט געשפּאַנט קעגן אָוונט און אין געדאַנק געפירט אַ פּאָלעמיק מיט געטען וועגן האָפענונג.

— געטע, איר זענט ניט גערעכט ! געטע, אַז די האָפענונג איז אייגנטימלעך בלויז די קליינע געמיטער . . .

זי האָט ניט געפילט ווי די אָוונטיקע קעלט נעמט איר אַרום. זי איז געגאַנגען פאַרטראַכט און גערעדט צום דייטשן דיכטער, וואָס אַמאָל הייסער :

— די האָפענונג, דאָס איז אונדזער צאַרטע און טרייע געליבטע. דאָס איז אַ הויכע גאָב דעם מענטשן, פאַרן גרויסן ווי פאַרן קלענערן . . . זי האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג און זיך געפונען ביים טויער פון הויף.

***

פון גרויס מידקייט און עמאָציאָנעלער אָנגעשפּאַנטקייט איז ראָזע ענדלעך איינגעשלאָפן. זי האָט געזען אַ חלום. דער חלום האָט צוזאַמענגעמישט וואָר און פאַנטאַסטיק אויף אַזאַ אופן, אַז עס איז אוממעגלעך

געוועז זיי פאַנאַנדערצוטיילן. אין איר חלום האָט זי זיך געפונען פאַר־שפאַרט אין אַ תפיסה־קאַמער. פון די גראַטעס האָט זיך געזען דער הימל פול מיט ווייסע כמאַרעס — סטאַדעס שעפּסן. דער קרומער לבנה־סערפּ האָט זיך איינגעשניטן אין די קנויליקע כמאַרעס, ווי עמיצער וואָלט געשאָרן פון זיי ווייסן וואָל און אַראָפּגעוואָרפן קנוילנווייז אויף דער ערד.

פון ערגעץ איז געקומען אַ געזאַנג פון אַ נאַכטיגאַל. שטיקלעך וואָלקן זיינען געשוואומען איבערן די שטערן. באַלד האָט זיך די נאַכט אָפּגע־טאָן און עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ ליכטיקער ראַנד פון באַגינען.

זי האָט דערזען אַ ווייס הויז. פון הינטער דער הויז איז אַרויסגע־קומען אַ יונגע, באַרוועסע פּאַסטושקע און מיט אַ צווייגן ריטל, וואָס זי האָט געהאַלטן, אַרויסגעטריבן אַ סטאַדע ווייסע, שטיל־קוואַקענדיקע גענדז צום טייכל. די פּאַסטושקע האָט אַ שאָקל געטאָן אירע בלאָנדע האָר, ווי בינטלעך שטרוי, זיי האָבן זי פאַנאַנדערגעשאָטן מיט אַ בלענד און די סטאַדע גענדז איז אַריינגעשוואומען אין טייכל.

ראָזע האָט געהערט ווי די גענדז האָבן זיך צעקוואַקעט. זי האָט פאַרשטעלט די אויגן מיט אירע ווייסע פינגער פון איין האַנט און מיט דער צווייטער זיך אָנגעהאַלטן אין די שטעכיקע גראַטעס.

און דעמאָלט איז פון ערגעץ טיף אויפגעגאַנגען אַ שטים, וואָס האָט זיך געוויקלט אַרום די טורמע־ווענט.

— וועגן וואָס טרוימסטו, ראָזע? וואָס איז דיין באַגער? ווילסט אפשר זיין אַ הערשערין איבער שקלאַפן? זיך וויקלען אין זיידנס און זיך צירן אין גאָלד?

— ניין, — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איז דיין טרוים זיך הייליקן דער איינזאַמקייט, נידערן אין טאָלן און ברענגען דיין יוגנט פאַר אַ קרבן?

— ניין! — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איז דיין טרוים צו ווערן אַ הייליקע, וואָס שיידט זיך גאָטספאַרכטיק אָפּ אין אַ פעלזיק הויז, ביים ראַנד פון וואַלד, און ווײנט זיך אויס די אויגן אין שטילער זעליקייט איבער בלעטער פון אַן אַלטן בוך?

— ניין, ניט דאָס: איך בין אַלט זיבעצן יאָר. איך וויל די שיך אויסטאָן, די האָר צעלאָזן, אַ באָרוועסע אַרומגיין אויפן גראָז, איך וויל אַ פריש צווייגל פון אַ ווערבע אויסרייסן, און פּאַשען גענדז.

איצט האָט זיך שוין איר קול געקרייצט מיטן אַנדערן.

ד אָ ס ק ו ל :

ניט קיין פּאָסטוך־קינד, אַן אָדלער דאַרפסטו זיין, די כמאַרעס טרייבן און די וועלט אויף פליגלען טראָגן, העכער, צום ליכטיקן באַגינען.

ר אָ ז ע :

איך אַן אָדלער. איך בין אַלט זיבעצן יאָר.

ד אָ ס ק ו ל :

אַן אָדלער קריגט פליגל ביים געבורט. אַ מענטש — ערשט נאָך אַ ליידנפולן וועג.

ר אָ ז ע :

און אַז מען פליט צו הויך קאָן מען אויך פאַלן אין תהום.

ד אָ ס ק ו ל :

ווען עס פאַלט איין אָדלער אין תהום הערן זאָלן די אַנדערע ניט אויף צו פליען העכער פון די וואָלקנס.

ר אָ ז ע :

שוין טויזנט יאָר, אַז מען טראָגט די וועלט אויף פליגלען. איך וויל אַלט זיין זיבעצן יאָר. איך וויל ניט אָפּגעבן מיין האָפענונג דעם מער־דערס האַנט. ווער עס פליט ניט הויך דער פאַלט ניט אין די אָפּגרונטן.

ד אָ ס ק ו ל :

יעדער וויטאָקדיקער ריס איז צו דער זון אַ שטייג. און אויב וועסט פאַלן אַ פאַרוואונדעטע, וועט דיין וואונד אַנרירן פון ווייט דאָס אויפגיי־ענדיקע ליכט פון באַגינען.

ר אָ ז ע :

און פאַרוואָס מוז יעדער טראָט פאַראויס זיך דערהייבן פון פיין און פון טרויער?

ד אָ ס ק ו ל :

עס ציען זיך דורות געדריקטע, פאַרשקלאַפטע, אָן אַ סוף, ביז די צייט אַליין באַצאָלט פאַר אומרעכט און פאַרברעכן.

ר אָ ז ע :

צייט?

ד אָ ס ק ו ל :

עס שטייען אויף מענטשן מיט הייסע הערצער און שטאָלענעם מוט, און ווי שטראָמען אין אַ צעברויזטן ים, ווי פעלזן אין פלאַמיקן אויפרייס, צעברעכן זיי פּאַלאַצן פון מלכים און קסרים, נעמען נקמה. זע: עס שטייגט

ספאַרטאַקוס מיט זיינע גלאַדיאַטאָרס אויפן באַרג ווענאַוו און אַט שטייען שוין אויף די פאַריזער גאַסן, ברידער קאָמונאַרן און שוועסטער קאָמו־נאַרקעס און צענדליקער צעבונטעוועטע וואַרטן און שוין אין פעטער־בורג, אין וואַרשע.

ראָזע:

ביז ווען וואַרטן?

ביז דער מענטש וועט דערוואַכן און וואַרפן אין אָפּגרונט דאָס אַלטע, פאַרפוילטע כדי צו עסן דאָס ברויט פון אמת צו זאַט. — — —

עס איז שטיל געוואָרן. פון ערגעץ איז ווידער געקומען דאָס צוויטש פון אַ פויגל.

— —

ראָזע האָט זיך אויפגעוועקט פון חלום און מיט פאַרשמורעטע אויגן געזען ווי דורך די פענצטער איז אַריינגעדרונגען אַ שמאָלער זון־שטראַל. דער פרימאָרגן האָט אויסגעוואַשן מיט זון אירע אויגן.

פּאַרטונקלונג און אויפגאַנג

זומער 1889.

ראָזע איז אַלט בײנצן יאָר. די דרוקערײ אויף שעננע איז נאָך די געשעעניש פון לעצטן יאָר אויסגעלײדיקט געװאָרן. דער „פּראָלעטאַריאַט" איז זיך צעפאַלן.

בײ די בורגס אין הויז איז איצט אויך שטילער געװאָרן. עדוואַרד איז ניט געזונט. די צימערן אין שטוב זײנען שטענדיק מיט אַראָפּגעלאָזענע גאַרדינען און אפילו אין די ליכטיקע טעג איז דאָרט טונקל. אין הויז שמעקט מיט אַפּטײק. יעדן טאָג דאַכט זיך ראָזען, אַז די טונקלקײט װערט געדיכטער, די אַפּטײק־ריחות — שאַרפער, און עדוואַרדס קראַנקהײט שטאַרקער. לינאַ גײט אַרום אַ שטילע, רעדט װיניק, נאָר זיפצט.

אויך אין ראָזעס געמיט איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. זי איז גלײכגילטיקער געװאָרן צו געװיסע זאַכן, אין װעלכע זי איז געװען לײדנשאַפטלעך אינטערעסירט, װי, למשל, צו פירן דיסקוסיעס מיטן טאַטן. זי האָט שוין װײניקער דיסקוטירט מיטן עדוואַרדן, געציטערט איבער זײן געזונט. נאָר צו אײך זאָך האָט זי ניט געהאַט פאַרלוירן איר אינטערעס — צו די שכנים פון איר הויף. פאַרקערט, זי האָט זיך איצט מער אָפּגעגעבן מיט זאָשען, דער נײטאָרין, האָט זיך געטראָפן מיט זאָשעס חברטעס און זיך אפילו אינטערעסירט מיט זײערע מײדלשע פּראָבלעמען, און אין אײנעם אַ סוף זומערדיקן אויף דער נאַכט האָט זיך עמיצער אַרײנגעשטעלט אין הויז װי אַ גוטע בשורה.

ראָזע איז דעמאָלט געזעסן איבער אַ צײכענונג. עטלעכע מאָל האָט זי געבעטן דער מוטער גײן שלאָפן, זי װעט שוין דעם פאָטער דערלאַנגען די רעצעפּטן.

דער לאָמפּ האָט העל געברענט. דער אָפּשײן פון דעם פײער האָט פרײלעך געטאַנצט אין ראָזעס אויגן. זי האָט עטלעכע מאָל אויסגעדרײט און אַרײנגעדרײט דעם קנויט אין לאָמפּ. ס'האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַרײן אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ קלײן בלאָנד בערדל.

— ראָזע בורג וואוינט דאָ?

— דאָס בין איך, — לייגט ראָזע אַוועק די צייכענונג־פעדער.

דער יונגערמאַן קוקט זיך אַרום.

— קאָנען מיר אַרויסגיין? איך דאַרף מיט אייך עפּעס רעדן וויכטיקעס.

זיי זייַנען אַראָפּ אין הויף. דער יונגערמאַן האָט געזאָגט:

— איך הייס מאַרטשין קאַספּזשאַק, בין אַ שינדל־לייגער, שטאַם פון פּויזן. האָב אַ באַפעל פון וואַרינסקין, גלייך פון דער פעסטונג, איך זאָל זיך ווענדן צו אייך. מיר גייען באַנייען די אָרגאַניזאַציע.

ביי ראָזען איז דער אומעטיקער קנייטש צווישן די ברעמען נישט געבליבן.

— וואָס מאַכט ער, וואַרינסקי?

— איך וועל אייך ווייזן דעם בריוו, קומט.

זיי זייַנען אַוועק. ער האָט איר געהאַלטן אין איין איבערגעבן נייעס: וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָנגרעס, וואָס וועט די טעג פאַרקומען אין פּאַריז, וואו מען וועט אַרויסרוקן די פאָדערונג פון אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, און וואו מען וועט גרינדן דעם אינטערנאַציאָנאַל; וועגן דעם, אַז וועראַ זאסוליטש איז באַפרייט געוואָרן פון דער שליסל־בורגער פעסטונג און אַז זי געפינט זיך שוין אין צירך, און וועגן דער „היי־מאַרקעט־טראַגעדיע" אין אַן אַמעריקאַנער שטאָט, שיקאַגע. וועגן אַלץ האָט ער גערעדט, נאָר ניט וועגן זיך, וועגן זיין אייגן לעבן.

ראָזע האָט ווי אַרומגענומען דעם נייעם באַקאַנטן, וואָס האָט איר דער־וואַרעמט מיט אַ נייעם אָטעם. זי האָט באַקומען חשק צו פאָרן קיין צירך, דאָרטן וואו מען קען אָנזאַמלען אַזוי פיל וויסן, פאַרהאַרטעוועט ווערן.

— און קאַרסקי? און יוליקן? — האָט ער דערמאָנט?

— איך האָב יוליאַנס אַן אַרטיקל וועגן דער אַרבעטער־פראַגע אין פּוילן. איך וועל עס אייך מאַרגן געבן, אָבער האָט אין זיבען, וועגן אַוועק פון דאַנען קאָן קיין רייד ניט זיין. דאָ איז שטיל, מען דאַרף ווידער אָנ־הייבן, מען דאַרף נייע מענטשן אויפהייבן.

ביי ראָזען האָבן זיך די בלייכע באַקן אָנגעהויבן צינדן. זי האָט אַ פאַרחידושטע געקוקט אויף מאַרטינען. זי האָט אים פּלוצים אַ פרעג געטאָן:

— איר זענט אַ שינדל־לייגער, קאַספּזשאַק?

יאָ!

— זאָלט איר פון היינט אָן לייגן ניט קיין שינדלען, נאָר די פונדאַ־

מענטן פאַר אַ נייער אָרגאַניזאַציע.

— זעען מיר זיך מאָרגן.

— וואו ?

— אין זאַקסישן גאָרטן, ביים אַריינגאַנג.

— גוט !

— שפּעטלעך אין אָוונט האָבן זיי זאַלבעצווייט זיך אַרויסגעדרייט פון קראָקעווער פאַרשטאָט. איבער גאַסן און געסלעך, וואָס זיינען אים ניט געווען באַקאַנט, האָט זי אים געפירט מיט אַזאַ געפיל, ווי מען פירט אַ באַלעבאָס איבער זיינע גיטער. פינצטער, ווי די נאַכט, איז פאַר יעדן איינעם פון זיי געווען די פאַרגאַנגענהייט פון צווייטן, באַלויכטן זיינען זיי איינער פאַרן אַנדערן געוואָרן נאָר דאָ אויפן באָדן פון דער געמיינזאַמער אידייע, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט און גלייך איינגעשטימט. איבּ־איינעם מיטן ווינט, וואָס האָט דאָ אויף דער קנאָפּ־באַלויכטענער גאַס געבלאָזן און זיי אונטערגעשטופּט, האָט זיי עפּעס אַ געהיימע קראַפט גע־שטויסן אויף אַ נייעם וועג . . .

פון דער ערשטער באַגעגעניש איז ראָזע אַרויס אַ דערמוטיקטע.

שפּעט ביינאַכט האָט עדוואַרד זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און גע־וועקט לינאַן.

— זאָג מיר, לינאַ, ווער איז עס דער יונגערמאַן, וואָס האָט ראָזען ער־געץ אָוועקגענומען ?

לינאַ האָט ניט געענטפערט. זי האָט מיט צער געטראַכט וועגן די טעג וואָס וועלן קומען. זי האָט שוין געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז לאַנג וועט ראָזע מיט איר ניט זיין. זי וועט באַלד אָוועקגיין אויף נייע וועגן. נו, זי איז אַ מענטש מיט אייגענע געענג, מיט אייגענע געדאַנקען. אַבי דער וועג זאָל זי נאָר ניט פירן צום „צענטן פּאַווילּיאָן", קיין סיביר.

זי איז אַראָפּ פון בעט און איז אַריין צו דער טאָכטער אין שלאָף־צימער.

ראָזע איז געזונקען אין אַ יונגן געשמאַקן שלאָף . . .

די פאַרזאַמלונג

אין אַ גרעסערן אָפּגעשלאָסענעם צימער אויף לעשנאָ קומט פאָר אַ שטורמישע פאַרזאַמלונג. מען גרינדעט היינט אַ נייע אָרגאַניזאַציע. ווען ראָזע איז אַריין אין הויף האָט זי פון אונטן, פון דעם פאַרדרייטן קאָרידאָר, געהערט ווי עס דערגייט אַ טעמפּער צוגעשטיקטער טומל, ווי אַ ים וואָלט ווייט גערוישט.

פעליקס פערל, אַ קורצזוואוקסיקער בחור מיט שאַרפע בייזלעכע אויגן, האָט געהאַלטן אַ רעדע פאַר דעם אָנגעפּאַקטן זאַל. ער האָט גערעדט אַ סך וועגן „פּראָלעטאַריאַט", וועגן זיינע אויפטועז און גרויסקייט.

אַ סך היציקע געדאַנקען זיינען אים אָנגעלאָפן אין קאָפּ. און די געדאַנקען זיינען געווען ווייטע, אַבסטראַקטע, זיי האָבן גאַרניט געהאַט צו טאָן מיט דער אמתער לאַגע. זיי לויפן אָבער אום אין זיין צעהיצטן מוח מוראדיק גיך, פּלאָנטערן זיך, שלעפּן אַרויס פון זכרון אַ סך ווינקלדיקע זייטיקע פּאַסירונגען.

ער האָט גערעדט, אַז מען מוז באַנייען די טעראָריסטישע אַקטן, מען דאַרף רופן צו רעוואָלט קעגן דער טיראַניי.

לאַנג און אָן אַ סוף האָט ער דעם בלאַנקיזם און דעם רעוואָלוציאָנערן טעראָר איבערגעקהזרט. נאָך אים האָבן אַנדערע גענומען ווערטער.

קאַספּזשאַק איז געזעסן ביים ווינקל־טיש, די אויגן, — האַלב פאַרמאַכט. די אומרואיקע פינגער זיינען אומגעלאָפן איבערן רויטן טוכענעם איבערפלאַך פון טיש.

מיט די האַלב־צוגעמאַכטע אויגן באַמערקט ער גאַרנישט ווי עס פאַרשווינדן רעדנערשע פנימער, ווי דער רויך פאַרוועבט געדיכט זאַכן און ווענט, און אויפן אָרט פון פאַרשוואונדענעם וואַקסט און ברייטערט זיך אַ באַרג ווערטער. דער באַרג וואַקסט אומגעהויער גיך, ווי אָן אָפּגעריסענער פעלז וואָלט שטיינער, שטיקער ליים און הויפנס זאַמד אַהער שיטן. און ער, קאַספּזשאַק, האָט איין אויפגאַבע: פון אָנגעשאָטענעם באַרג אויסגראָבלען איינציקע ווערטער, זיי צונויפשטעלן אין באַזונדערע זאַצן.

ביי מאַרטשינס רעכטער זייט איז געזעסן יאַנאָווסקי. העלע ברעמען אויף רויטע ניט געשלאָפענע אויגן, אַנגעכמורעט. אַ בלייך פּנים אויף די הענט אָנגעשפּאַרט. ער האָט געוואַרט מיט אומגעדולד פּערל זאָל פאַר־ענדיקן. ווען פּערלס רעדע איז שוין געוואָרן צו־היציק און לאַנג, האָט ער אומגעדולדיק אַ קרים געטאָן די ליפּן און בייז געשמייכלט:

— אַ מאָדנער ייד — דער פּערל — וויל מאַכן אַן איבערקערעניש מיט רייד...

באַזונדערס און אַביסל אָפּגערוקט איז געזעסן אַ נידעריקער מיטל־יאָריקער מענטש מיטן נאָמען איגנאַץ דאַשינסקי. די גאַנצע צייט פון פּערלס רעדן האָט ער זיין שוואַרצן באַוואָקסענעם קאָפּ געהאַלטן אויס־געדרייט אָן אַ זייט און זיינע אויגן האָבן מיט גלייכגילט געקוקט אין פענצטער, ווי זיי וואָלטן אַ גאַנצע וועלט וועלן פאַרזיכערן, אַז ער, ער אַליין, פאַרשטייט בעסער ווי אַלע, און אַז ער באַציט זיך צום גאַנצן ענין סקעפּטיש.

— „פּלוידעריי", — האָט ער קורץ פאַרמולירט זיין באַציאונג צו זיין שכן קאַזשימיעזש דלוסקי, וועמענס קאָפּ עס איז איצט געווען נידעריק אַראָפּגעבויגן איבער אַ בויגן פּאַפּיר און זיינע ביינערדיקע פינגער האָבן מיט אַ קורצן בלייפעדער גיך געשריבן.

די נאַכטיקע זיצונג איז געוואָרן אַלץ הייסער און אַנגעצונדענער. איין רעדנער נאָכן צווייטן. די פּנימער ביי די רעדנער ערנסטע און שטרענגע. דער גורל פון דער אָרגאַניזאַציע איז איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, זיך איבערגעקייקלט פון איין ברעג טיש צום צווייטן.

און אַז פּערל האָט ווידער גענומען אַ וואָרט האָט מען שוין פון אַלע זייטן געשריגן:

— קירצער, קירצער! אַ פאָרשלאָג מאַך:

— וואָס טויגן די רייד. איך ווייס נאָר פון טאָטן!

ק. דלוסקי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט שוין פון פריער באַשטימט, אַז מיט אַזאַ צעטומלעניש וועט מען צו קיין טאָלק ניט דערגיין.

דער הימל הינטער די פענצטער איז שוין אינגאַנצן געווען פאַרצויגן מיט נאַכט און נאָר איינציקע שטערן האָבן זיך אין דער הייך, אין דער פינצטערער פּוסטקייט, געצונדן.

מיטאַמאָל האָט זיך מאַרטשין אויפגעשטעלט און זיין שטים האָט די אַרומיקע אָנגעשטרענגטקייט צעפּלעט:

— מיר וועלן נאָך הערן אַ וואָרט פון ראָזען און נאָכדעם וועלן מיר שטימען.

זיינע ווערטער זיינען געפאַלן אין האַלב־טונקעלן זאַל שווער און שניידנדיק ווי אַ באַפעל, ווי אַ דריטער קלונג פון אַן אָפּגייענדיקן באַן, וואָס זאָגט אָן צום לעצטן מאָל: געענוג צו ריידן! מער קיין צייט ניטאָ!

פנימער האָבן פון אַלע ווינקלען גענומען קוקן אויף ראָזען. אַלע זיינען געוואָרן איין שווייגנדיקער קנויל, אַלע האָבן שטום געוויזן, אַז זייער איינציקער באַגער איז, אַז זי, ראָזע, זאָל פאַר זיי באַשליסן, באַפרייען פון שווערן וואָקל.

ראָזע האָט זיך אויפגעשטעלט. אירע טיפע אויגן זיינען אַ ווילע אומגעלאָפן איבער די זיצנדיקע, ווי זי וואָלט יעדן איינעם באַזונדער וועלן האָבן אין אויג, צו יעדן איינעם באַזונדער רעדן. איר שאַרפע שטים און געטאַקטע רייד האָבן טיף אָפּגעקלונגען אין דער אָנגעשטרענגטער שטילער אַטמאָספערע.

איר רעדע איז געווען אַ קלאָרע און אַ זאַכלעכע וועגן דער ראָל וואָס דער „פּראָלעטאַריאַט" האָט אָפּגעשפּילט און וועגן די אומפאַרמיידלעכע טעותן פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט ניט געקענט אַריינציען דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי אַ קלאַס אין דעם קאַמף, נאָר האָט זיך באַגנוגנט מיט פאַרבאָרגענע קאָנספּיראַטיווע קרייזלעך, וועלכע האָבן געמוזט האָבן אַ טרויעריקן סוף. זי האָט אַנטוויקלט אַ געדאַנק, אַז מען דאַרף זוכן ענט־פערס אויף דער פּוילישער נאַציאָנאַלער פראַגע און אויף דער סאָ־ציאַלער פראַגע פון די אַרבעטער, ניט נאָר אין גוטע וואונטשן, נאָר אין די סאָציאַלע פאַרהעלטעניסן. איר אויספיר איז דעריבער געווען: פּוילן איז איצט שטאַרק צוגעבונדן צו רוסלאַנד דורך אירע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטעניסן, און די זעלבע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַנטוויקלונג, דורך וועלכע פּוילן ווערט צונויפגעוואַקסן מיט רוסלאַנד, רופט אויך אַרויס די צעשטערונג פון רוסישן אַבסאָלוטיזם. די אויפגאַבע פון פּוילישן אַר־בעטער איז דעריבער צו גרינדן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל זיך פאַראייניקן מיט די רוסישע אַרבעטער כדי אינאיינעם אויסצור־קעמפן די פרייהייט.

ראָזע האָט נאָך לאַנג גערעדט. ווען זי האָט פאַרענדיקט האָט שוין די נאַכט היינטערן פענצטער געוואָרפן ערשטע פאַסן שיין. די פאַרזאַמלטע האָבן געשלונגען אירע ווערטער און נאָך איר ענדיקן זי אַרומגערינגלט,

געדריקט איר האַנט און געדאַנקט פאַר דער לויטערקייט און קלאָרקייט, וואָס זי האָט אַריינגעבראַכט.

פאַרטאָג האָט זיך ראָזע אויף אַ שמאָלער, זייטיקער באַנק צוגעשפּאַרט, געקוקט מיט פאַרשלאָפענע אויגן ווי די אַרבעטער רוקן זיך איינציקווייז אַרויס, צעשווימען אינעם פאַרטאָג, וואָס שלייכט אַהער אַריין ווען די טיר עפנט זיך. מאַרטשין האָט זיך אַראָפּגעזעצט לעבן ראָזען און מיט אַ שטילן קול אַרויסגערעדט:

— דו דרימלסט, ראָזע? איך האָב דיך אויפגעוועקט?

זי האָט באַפרייט איר שוואַכן פּוס, וואָס איז איינגעשלאָפן:

— ניין, ניין. וואָס ווילסטו זאָגן?

— שטעל זיך אויף ראָזע, און הער אַלץ אויס רואיק! איך האָב דער־האַלטן אַ געהיימען באַריכט, אַז לודוויק ווארינסקי איז געשטאָרבן אין שליסלבורג. דו פאַרנעמסט זיין פּלאַץ!

ראָזע איז פון באַנק אויפגעשטאַנען, גענומען מיט אויפגערעגטע טריט אַרומשפּאַנען איבערן צימער. אין דער פאַרטאָגיקער גראָקייט האָט זיך איר קליינע פיגור אויסגעצויגן, געוואָרן העכער, איר פּראָפיל שאַרפער, געוואָרפן אַ דינעם שאָטן אויף דער וואַנט.

—מאַרטשין, וואָס עס זאָל ניט זיין, גוט איז וואָס היינט איז אויפסניי געבוירן געוואָרן אַ פאַרבאַנד. מיר האָבן פאַרזייט אַ קערן און מיר זיינען זיכער עס וועט וואַקסן.

אירע ווערטער זיינען אינעם פאַרשלאָפענעם צימער געפאַלן ווי אַ ווייטער, ווייטער אָפּהילך.

הינטער די פענצטער איז אַ אויפגעגאַנגען אַ נייער טאָג.

שיין איבער דער גרענעץ

נאָך שעהען פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט אין געהיימע דרוד־קערייען, אין פאַרבאָרגענע קרייזלעך פון סטודענטן און געזעלן, טרעפן זיך ראָזע און מאַרטשין אין אַ פּאַרקל הינטער קראַקאָווסקע פּונוואַנען מען זעט די ווייסל און אַלץ וואָס אויף איר טוט זיך. דער שיין און די באַרקעס ביי זיינע ברעגעס, זיינען איצט פאַרפלייצט מיט זון. איבער זייערע קעפּ ציען זיך גאָר הויכע, לויטערע הימל־בלויקייטן.

זיי רעדן וועגן פאַרשפּרייטן די צייטונג „רואָוונאָשטש״, וואָס דער־שיינט אין זשענעווע. זי דערציילט אים, אַז מען דאַרף פאַרשפּרייטן פלעכאַנאָווס אַרטיקלען.

מאַרטשין נעמט אַראָפּ זיין צעקנייטשט היטל, גיט אַ פיר איבער זיינע העלע קורץ־געשוירענע האָר און זאָגט:

— בעסער וואָלט געווען, ראָזע, דו זאָלסט זיך ניט אומקערן אַהיים. מיר האָבן שוין ידיעות, אַז זיי האָבן דיין נאָמען. אַרעסטן וועלן באַלד פאָרקומען.

ראָזע קנייטשט דאָס גרויע היטעלע, וואָס זי האַלט אין דער האַנט.

— מען מוז זיין גרייט אויף אַלץ!

ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, אויף ניין.

אַ רגע שטילשווייגן.

— מיר האָבן לעצטנס וועגן דיר אַ סך גערעדט און באַשלאָסן, אַז אַזאַ קרבן קאָנען מיר זיך ניט פאַרגינען. וועסט ניט גיין קיין סיביר, ראָזע, וועסט פאָרן אין דער שווייץ.

ראָזע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, דערזען די באַזונדערע גוטמו־טיקייט, וואָס ליגט זיך אויס אינאיינעם מיט די קנייטשן אַרום זיינע אויגן.

זי האָט אים געפרעגט:

— דאָס איז אַ באַשלוס?

— יאָ, ראָזע. גרייט זיך אין וועג און דערווייל זיי פאָרזיכטיק!

זיי האָבן זיך צעשיידט.

מאַרטשין האָט נאָך אַ היפּשע צייט אַליין אַרומגעשפּאַצירט איבער די גאַסן. ראָזע איז אַוועק אַהיים. זי האָט אַ סך געטראַכט וועגן דער צו־קונפט, וועגן דער שווייץ, וועגן דער אוניווערסיטעט אין ציריך און וועגן איר בוך „וועגן דער אַנטוויקלונג פון אַרבעטער־קלאַס אין פּוילן", וואָס זי גרייט זיך אָנצוהויבן שרייבן. און ווי נאָר זי איז געקומען אַהיים האָט זי געטראָפן אַ גאַנצע איבערקערעניש.

אין שטוב איז געווען פּאָליציי. אַלץ איז געווען איבערגעוואָרפן, אָנ־געשליידערט. יוזעף איז געשטאַנען ביים טיר, גרייט צו גיין. ליבאַ איז געשטאַנען אַ בלאַסע, מיט פאַרבראָכענע הענט. זי האָט זיך געשאָקלט און צוזאַמען מיט איר האָט זיך געוואָרפן איר שאָטן אויף דער וואַנט. עדוואַרד איז געזעסן אויף אַ שטול אינמיטן צימער. ער האָט געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט.

ראָזע איז פּלוצים אַרויפגעפאַלן אויף אים און ביידע האָבן זיך שטאַרק צעקושט. ליבאַ האָט זיך פּלוצלינג אַ ריס געטאָן, אַרויפגעפאַלן אויף ראָזען און אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— זייט געזונט און זאָרגט ניט. עס וועט זיין גוט.

— וואוהין גייסטו?

— צו אַ חברטע אויף פּאַוואָנזעק. איר זעט דאָך, אַז דאָ ווערט גע־פערלעך פאַר מיר צו בלייבן.

ראָזע איז אַריין אין איר צימער און אָנגעהויבן איבערקלייבן אירע זאַכן, וואָס מיטצונעמען און האָט געשוויגן.

ס'איז אַריינגעקומען יוזעף, זיינע יונגע ראָזע באַקן האָבן איצט גע־פלאַמט. ער איז געשטאַנען איבער ראָזען, גערעדט, געוואָלט איבערצייגן, אַז מען דאַרף זיך ניט שרעקן, ס'איז נאָך ניט אַזוי נאָענט די געפאַר, אַ סימן: קיין איינער פון די וועלכע ער קאָן, איז נאָך ניט אַרעסטירט.

ראָזע גלייכט זיך אויס, זאָגט צום דערווייטערטן ברודער:

— ווילסט וואַרטן ביז מען וועט מיך איינלאַדן אין „צענטן פּאַווילאָן"? איך פאַרשטיי ניט פאַרוואָס דו פּראָקלאַמירסט אַזוי פיל העלדישקייט. שוין צייט זאָלסט וויסן, אַז אין ציטאַדעל זיצט מען אָפט ניט פאַר העלדישקייט, נאָר פאַר נאַריש זיין. אויב איך וועל איצט זיין נאַריש און ניט וויסן ווי זיך צו היטן וועל איך אַריינפאַלן און טאַקע פאַרפאַלן גיין. אַ סך אַ גרע־סערע העלדישקייט איז אָפּאַרבעטן עטלעכע חדשים און נאָכדעם אויס־שטעלן דער זשאַנדאַרמעריע אַ פייג . . .

ראָזע האָט זיך אָנגעבויגן, אַרויסגענומען אַ פּעקל, איבערגעגעבן יוזעפן און אים מוטערלעך געלערנט:

— אַז דו וועסט עס עמיצן איבערגעבן איז דער עיקר פאַרזיכטיקייט. קיינמאָל זאָל אויפן ביכל ניט שטיין קיין אות. זאָלסט וויסן מיט וועמען דו קניפּסט אָן קענטשאַפט. און ביי זיך מעגסטו אויך ניט פאַרשרייבן. אָט דאָ, — זי טייטלט אויפן קאָפּ, — פאַרשרייב זיך. העלף מיר צונויפלייגן מיינע זאַכן.

— רעכנסט דען שוין אַוועקגיין?

— איך מוז גיין פון דער היים. מען קאָן נאָך קומען.

דער ברודער האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון דער ייִנגערער שוועסטער, וועלכע איז אים אויף אַזוי פיל איבערגעוואַקסן. שווייגנדיק האָט ער צונויפגעלייגט אירע זאַכן. די עלטערן אין צווייטן צימער זיינען געשטאַנען פאַרגליווערט, אָבער זייער שטומער פאַרשלאָסענער בליק האָט געבעטן:

— זאָג אונדז וואוהין דו גייסט?

און זי ווייסט נאָך אַליין ניט. זי וועט זיי צו וויסן לאָזן ווען זי וועט שוין זיין פון יענער זייט גרענעץ. ערשט דאָרטן — האָט זי געוואָלט אין דער הייך זאָגן, — וועט זיך ביי איר אָנהייבן אַ גרויס לעבן. אָט דאָרט, אין ציריך, אין בערלין. זיי וועלן נאָך דאָ געניטע הערן פון איר. זי וועט אָהער שיקן בריוו. אָבער זי האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר געקוקט אויף די עלטערן, וואָס זיינען געשטאַנען בלייכע. זי האָט זיי פּלוצים האַסטיק אַרומגענומען, אַ קוש געגעבן און זיך ווינקלדיק אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן און פאַרשוואונדן הינטער דער טיר. עדוואַרד האָט געהייסן יוזעפן זי באַגלייטן.

אין גאַס האָט דעמאָלט געמוזט ליגן אַ הימל מיט אַ גרויסער לבנה, ווייל דער וועג אונטער אירע פיס איז געווען טאָגיק־העל. ראָזע האָט דעם הימל ניט געזען, פון אַלע ווינקלען און הייזער האָבן אויף איר גע־קוקט די ניינצן יאָר פון איר לעבן אין וואַרשע.

די נאַכט איז געווען אַ לויטערע. אָן אַ שיר שטערן האָבן געפינקלט אין דער טיפער אויסגעשטערנטער הייך.

בלויז זיבן טעג האָט ראָזע געוואוינט אין פּאַוואַנזעק. אויפן אַכטן טאָג האָט זי שוין גענומען די באַן, וואָס איז געפאָרן קיין קאַליש.

***

דעם שטילן אָונט האָט דורכגעבויערט דער פּיף פון אָנקומענדיקן צוג. פון דערווייטנס האָבן ראָזע און מאַרטשין געהערט דאָס שווערע סאָפּען פון אײלנדיקן לאָקאָמאָטיוו. אויף די רעלסן האָט זיך ווי ווייסער זאַמד אויסגעשאָטן פיל ליכט.

איינגעצוימט, מיט שווערע טריט, האָט זיך געשאַרט צו דער קאָלי־שער באַן־סטאַנציע דער אָנקומענדיקער צוג. פון לאַנגן פּיף האָט זיך אויפגעכאַפּט דאָס איינזאַמע וואָקזאַלכעל. פינצטערע פענצטער האָבן אויפ־געריסן אויגן און דערשטוינט געקוקט אויף דער לאַנגער קייט וואַגאָנעס.

עס זיינען אויסגעשטיגן צוויי פּאַסאַזשירן. דער פּאָליציאַנט, וואָס דרייט זיך אַרום דער סטאַנציע, האָט אָפּגעמאָסטן די פרעמדע: ווער זיינען זיי און וואָס פאַרא געשעפטן האָבן זיי אין דער שטאָט? פון אויבן אַראָפּ האָט ער באַטראַכט דעם מיטלוואוקסיקן יונגערמאַן מיטן בלאָנדן בערדעלע; פון אונטן אַרויף האָט דער פּאָליציאַנט אַ בליק געטאָן אויף דער באַגלייטערין, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַ סך יינגער. איר גאַנצער הילוך; דאָס גראַנאַט־אָפּגעטראָגענע זשאַקעטל, דאָס היטעלע איבער די שאַרפע יידישע אויגן, זיינען אים עפּעס בישט געפעלן געוואָרן. ער האָט געוואָלט צוגיין צו זיי, אָבער די זיכערע טריט פון די פּאַסאַזשירן האָבן אים איינגעהאַלטן.

פון דער ווייטנס איז געלעגן די שטאָט און פון די פענצטער האָבן אַרויסגעפינטלט פייערלעך. ראָזע האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן די עטלעכע קילאָמעטער וואָס פירן איבער דער גרענעץ.

אַ דראָזשקאַזש האָט ביים ליכט פון קאַרעטע־לאַמטערן באַמערקט די צוויי פּאַסאַזשירן. מיט זיין הייזערדיקער שטים האָט ער זיי אָנגעבאָטן:

— יאַזדאַ, פּאַר פופציק גראָשן אין שטאָט אַריין.

די צוויי פרעמדע האָבן זיך נישט געמאַכט הערן און זיך געלאָזט צו־פוס. אַ ווינט, וואָס איז אָנגעקומען פון אַ זייטן וועג, האָט זיי נאָכגע־שטופּט אויפן שאָסיי וואָס האָט געפירט אַרויס פון שטאָט. ראָזעס וואַליזע, וואָס מאַרטשין האָט געטראָגן, האָט דערוואַרעמט. די שטילקייט פון אַרום, די לייכטע טריט האָבן אָנגערעגט צו טראַכטן. די פרעמדע ערד וואָס איז געלעגן אַרום זיי האָט געיאָגט די געדאַנקען אין ראָזעס קאָפּ. זי האָט געשוויגן און געטראַכט.

דאָס לאַנד איז פרעמד, די מענטשן זיינען זיכער ניט קיין אייגענע, דאָך איז אַלץ אייגנס. נישטאָ קיין אַנדער לאַנד, וואָס זאָל זיין אירס.

זי איז אַ קינד פון דער שטאָט. די וואַרשעווער גאַסן, וואָס האָבן געפירט פון דער שטוב אין גימנאַזיע אַריין זײַנען געווען אײגענע. אָבער דאָס דאָרף, די ערד, אַן אַנבליק פון אַ פעלד־האָריזאָנט, מיט דעם האָט זי זיך קיינמאָל נישט אָנגעזעטיקט. ערד איז קיינמאָל נישט פרעמד. יעדער ערד איז יעדן מענטשנס און צו יעדן פעלד נייגט זיך דער מענטש צו. די פוילישע לאַנדשאַפט איז איר אייגן, ווייל זי האָט זי אין בלוט, ווייל זי איז געקנאָטן פון איר.

— מאַרטשין, — האָט זי זיך אָנגערופן צוליב היימלעכקייט, — זאָג, די ערד וואָס איך וועל באַלד אַריבערטרעטן האָט דעם זעלבן היימישן אָנבליק?

— די זעלבע, זעלבע ערד, וואו עס וואַקסט קאַרטאָפל, קרויט, בוריקעס; די ערד פון פּראָסטן מענטשן ברויט. דאָס האָבן בלויז די מאַכט־האָבער אויסגעטראַכט גרענעצן. פאַר מיר איז ניט קיין אונטערשייד: פויזן, שלעזיע אָדער פּרייסן. די גאַנצע ערד, מיט דעם מענטשן וואָס האָרעוועט אויף איר, איז מיר ליב און טייער.

ראַזע האָט געשוויגן. דאָס האָט זי געוואָלט הערן פון אים און זי איז אים דאַנקבאַר געווען פאַר דער ליבע און צוגעהעריקייט וואָס ער האָט געפילט צו די מענטשן און צו דעם לאַנד, וואָס זי פאַרלאָזט.

דער שאָסיי האָט זיך פלוצים איבערגעריסן. זיי זײַנען אַרויף אויף אַ סטעזשקע, וואָס איז געווען אויסגעטראָטן פון פוס־גייער.

אויפן לעצטן קילאָמעטער פון פוילנס לאַנד איז דער ווינט זיי געקומען אין פּנים אַריין און זיי צוריקגעשטויסן. מאַרטשין און ראַזע זײַנען געגאַנגען הינטערווייַלעכטס, עס האָט געדויערט צו לאַנג. זיי האָבן זיך צוריק אויסגעדרייט און אײַנגעבויגענע געגאַנגען קעגן ווינט.

די אַלע לאָמטערנס אויפן וועג זײַנען ווייניקער געוואָרן. פון די דאָרפישע פאַרשוויגענע כאַטעס, וואָס זײַנען געלעגן אויף ביידע זייטן וועג, האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעפינקלט ליכטלעך. זיי זײַנען געלעגן אָרעם און שווייגנדיק. ס'האָט נישט אָפּגעהילכט אפילו קיין הינטישער ביל.

גרויסע פּירקאַנטיקע סלופּעס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסשוואַרצן, אַרומגערינגלטע פון אָפּגעריסענע פאַרקנס. זיי האָבן געקוקט שוואַרץ און אומהיימלעך. ווייטע שטערן האָבן אויפגעפינקלט, באַלויכטן דאָ אַ גרענעץ־סלופּ, דאָרט — אַ גרענעץ־סלופּ.

פון זיך אַליין האָט ראַזע אַ נעם געטאָן מאַרטשינס האַנט, זיך דער־

פילט זיכערער. ער האָט זיך איינגעהערט, דערנאָך האָט ער שטיל פאַר־טרויט:

— דאָ, זע איך, דרייט זיך אַרום איינער פון דער „דעזשורנע״, — אָט גייט ער.

— נו? — האָבן ביי ראָזען אַ פינקל געטאָן די אויגן.

— מען דאַרף לויפן. איך זע דאָרט דעם קלויסטער־פּאַרקן.

זיי האָבן זיך געלאָזן לויפן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם.

דער פּאַרקן איז געווען שמאָל און הויך. מאַרטשין האָט אַ הויב געטאָן די הענט, אַ נעם געטאָן ראָזען ווי מען נעמט אַ קינד און זי אַראָפּגעשטעלט פון יענער זייט און דערנאָך זיך אַליין אַריבערגעצויגן איבערן פּאַרקן.

זיי זיינען געשטאַנען איינער לעבן אַנדערן און געשוויגן. געֶרעדט האָבן די אָנגעשפּיצטע אויגן און אויערן, גערעדט האָבן די פאַרשטיקטע אָטעמס, גערעדט האָבן די אומרואיקע הערצער און איבער די קעפּ האָט געשוועבט די לבנה, ווי אַ שטיק פאַרקילט זילבער.

— דאַכט זיך מען גייט? — האָט מאַרטשין אַ מורמל געטאָן. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט און ערשט איצט דערזען, אַז זיי געפינען זיך אין הויף פון קלויסטער.

עס דערנעענטערט זיך צו זיי אַ הויכער גלח אין אַ פּעלערינע, מיט אַ שטעקן אין איין האַנט און אַ בוך אין דער צווייטער. ער גיט אַ קלאַפּ מיט דער ביינערנער גאַלקע פון שטעקן.

— ווער איז דאָ? — פרעגט ער מיט אַ הייזעריק קול.

— אַ, מיר, מיר באַהאַלטן זיך דאָ אויס. דאַרפן אייך האָבן, פאַטערל, אָבער דערווייל האָבן מיר ניט וואו צו נעכטיקן, — זאָגט מאַרטשין אָפּ אַ ליגן אויפן אָרט און הוסט אונטער.

דער גלח גרייט זיך שוין צו זאָגן מוסר, אָבער מאַרטשין פאַרלויפט:

— פאַטערל, — זאָגט ער, — איר מוזט אונדז העלפן. דאָס דאָזיקע מיידל איז מיין כלה. זי איז אַ יידישקע, וויל איבערגיין צום קאַטוילישן גלויבן. אירע עלטערן לאָזן ניט, זיינען מיר אַנטלאָפן אַהער נאָך הילף. קענט איר זי אַריינפירן אין אמתן גלויבן? אונדז העלפן אַריבער די גרענעץ?

דער גלח קוקט אויףביידן מיט דורכדרינגענדיקע אויגן.

צופרידן וואָס דער ערשטער ליגן איז אים געלונגען, באַשליסט

מארטשין צו זאָגן נאָך אַ שטאַרקערן:

— מיין נאָמען, — זאָגט ער, — איז סטאַניסלאַוו ווישניעווסקי, אָן אמתער פּריצישער נאָמען, און די פּאַניענקא הייסט רוזשקאַ, איר נאָמען דאַרף מען בייטן, איר געבן אַן אמת־קאַטוילישן.

— איצט איז נאַכט, — ענטפערט דער גלח, — קומט אַריין אין הויז, נעכטיקט איבער, און מאָרגן וועלן מיר זען וואָס מיר קאָנען טאָן. די קירך פאַרשטויסט ניט קיין נשמה, וואָס זוכט שוץ אונטער אירע פליגלען.

דער גלח קוקט אַוועק אָן אַ זייט, שטעלט גיכע טריט און קלינגט אָן אין אַ דראָטענעם גלאָק, וואָס הענגט אַראָפּ איבערן אַלטן שטיינערנעם פּאַרקן און שפּאַנט אַוועק צו דער שטוב. ראָזע און מארטשין גייען אים נאָך אין גרויסן און שטילן גלחישן הויף.

אין גלחס שטוב איז קיל און שטיל. די פאַרהענגלעך אויף די לוי־טערע שויבן ווייען מיט אַ מאָדנער קאַלטער ווייסקייט.

צוויי יונגע גלחימלעך און עפּעס אַ בלאָנדע און שטייף־פאַרקעמטע יונגע פרוי הייבן זיך אויף ביי זייער אַריינגאַנג.

— קינדער, — הייבט דער גלח אויף צוויי פינגער, — דאָס זיינען אומדזערע געסט. זיי וועלן דאָ נעכטיקן. דער הונט האָט זיין בודע, דער פויגל זיין נעסט און דער מענטש, דער קרוין פון באַשאַף, האָט ניט . . . ווי שטייט עס געשריבן, — מאַריע, גרייט צום טיש.

— אַ דאַנק, באַמיט זיך נישט . . . — זאָגן מארטשין און ראָזע.

מאַריע דערלאַנגט צום טיש און שוויצט. די שטילקייט און די שטייפ־קייט פון די געסט ברענגט זי אַריין אין אַ פאַרלעגנהייט און זי ווייסט ניט ווי זיך צו באַגיין מיט זיי. זי טראַכט, אַז זיי דאַרפן שטאַמען פון גאָר הויכע פענצטער. דאָס וואָס ביי דער מיידל זיינען די הענט אַזעלכע איי־דעלע און זי טראָגט אַן אַלטמאָדישע בלוזקע, נעמט זיך אויך פון דעם וואָס זי געהערט צום בעסערן קלאַס.

ערשט איצט זעען די געסט ווי דער גלח איז אינגאַנצן רויט, אַזוי אַז עס דאַכט זיך אפילו, אַז אויפן קאַרק, הינטערן אויער, קאָן פון צופיל אָנגעשטרענגטקייט און בלוט פּלאַצן זיין הויט.

נאָכן עסן שטעלט זיך נאָך דער גלח אַוועק קעגן מאַרטשינען און ראָזען און נעמט זיי דורך מיט זיינע קעציש́ע אויגן.

— קינדער, — זאָגט ער מיט אַ מאַראַליש קול, — גייט זיך אָפּרוען. איר, פּאַני ווישניעווסקי, וועט גיין מיט מיינע געהילפן אין צווייטן חדר

און די פּאַניענקאַ וועט שוין מאָריע באַזאָרגן.

— מיר דאַנקען אייך זייער, פּאַטערל.

שפּעטער, אויף זיין געלעגער, הערט מאַרטשין ווי דער גלח דרייט זיך אום, שלוקערצט און גרעבצט פון צופיל עסן און טרינקען און רעדט צו זיינע געהילפן:

— קינדער, „און ווען דער ווייַנשטאָק איז צייַטיק געוואָרן און זיינע איילבירטן זיינען רייף, געדענק אָן דעם הימלישן קעניגרייך". מאָרגן... מאָרגן . . . מיר וועלן קלינגען, אַז דאָס גאַנצע דאָרף זאָל וויסן. אַ שלאַכטענע סטוורזשעניע (אַן אידל באַשעפעניש) די זשידאָווקע . . . גאָר אַ שלאַכטענע . . . מאָרגן . . .

. . . דאָס צימערל האָט אויסגעזען ווי אַ תּפיסה־צעל. אַ בעטל, אַ בענקל און אַ טישל. אויפן טישל אַ ביבל געבונדן אין שוואַרץ־גלאַנציקע טאָוועלעך.

אויף דער וואַנט אַ בילד. אַ מענטש מיט אַ צעוויטיקט פּנים, אַן אָרעמע פּלייצע פון זיינע בלויע אויגן און זיינע האַלב־צעעפנטע ליפּן זיינען קיל, אָפּן און טרוקן.

ראָזע האָט זיך אוועקגעלייגט אויפן בעטל, אַ מיש געטאָן די בלעטער אין שוואַרצן בוך און גענומען לייענען:

„וואויל איז צו די דערשלאָגענע און געראָדפּטע, ווייל זיי וועלן ירשנען דאָס קעניגרייך פון הימל.

„קוקט זיך צו צו די פויגל אין הימל. זיי אַקערן ניט און זייען ניט . . .

„קוקט זיך צו צו די ליליעס אין פעלד . . . זאָרג ניט פאַרן מאָרגן, דער מאָרגן זאָרגט פאַר זיך . . . לאָז אויף הפקר די אייגענע היים, שייד זיך אָפּ פון טאַטע־מאַמע. ווער עס פאַרלאָזט ניט דאָס אייגענע הויז און נעמט ניט דעם קרייץ דער האָט מיך ניט די ווערט . . .

„טראָג די צווייטע באַק צום שלעגער, גיב דאָס לעצטע העמד דעם רויבער. צווינגט דיך יעמער צו שפּאַנען איין מייל, גיי אים נאָך מיילן ווייט".

פּסוקים און זאָגעכצן פון דער עוואַנגעליע האָבן זיך געפּלאָנטערט אין ראָזעס מוח ביז די אויגן האָבן זיך איר אָנגעהויבן קלעפּן, און אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז איר אַפּעס לײדיק געוואָרן אין מוח און אויפן אָרט פון ליידיקן איז באַלד אָנגעפלויגן אַ געדאַנק: דערלייזערישקייט און יענע וועלטישקייט וואָס פאַראייביקט דעם עלנט.

„און איינמאָל איז געקומען מאַריע מאַנדעלענא און געבראַכט אַן אַלבאַסטער־קריגל מיט טייער זאַלבאייל, און זי האָט אים אויסגעגאָסן אויפן קאָפּ פון יעזוסן. נאָר אַז די תּלמידים האָבן געזאָגט: פאַרוואָס אַזאַ פאַר־שווענדעניש? מען האָט דאָך געקענט פאַרקויפן דעם זאַלבאייל פאַר געלט און עס צעטיילן די אָרעמע לייט? האָט זיי דער האַר געענטפערט: פאַר־וואָס זענט איר מצער די דאָזיקע פרוי? אָרעמע לייט וועט איר תּמיד האָבן אַרום זיך — אָבער מיר וועט איר באַלד נישט האָבן".

הייסט עס, אַז דער געקרייציקטער האָט ניט געוואָלט לייזן דאָס סאָ־ציאַלע פּראָבלעם. „אָרעמעלייט וועט איר תּמיד האָבן אַרום זיך". דער יעזוס־מיטאָס איז ניט צונויפגעפלאָכטן מיטן פשוטן, פאַרשטענדלעכן און נאָענטן מענטשלעכן הונגער, נאָר מיט פאַרבאָרגענע קרעפטן פון רחמנות און פאַרגעבונג.

ניט אויף דעם וועג ליגט די מענטשלעכע דערלייזונג.

***

ראָזע האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך איר לייכט מאַנטעלע, און האָט זיך מיט שטילע טריט אַרויסגעשאַרט פון ענגן צימערל אין טונקעלן הויף, וואו מאַרטשין האָט שוין געוואַרט אויף איר.

שווייגנדיק האָבן זיי זיך געשפּאַרט דורך צלמים און צלמימלעך פון יענער זייט קלויסטער־הויף, וואָס האָט געדרעמלט אין שאָטן פון שטיינער־נעם פאַרקן. זיי האָבן געוואַרט אויף אַ וואָגן, וואָס האָט געדאַרפט קומען נאָך זיי און זיי איבערפירן די גרענעץ אין דערבייאיקן שלעזישן דאָרף וואו דער גלח האָט זיי געזאָלט „אָפּשמדן".

— דאָס דערמאָנט מיך אין אַ דאָרף לעבן מיין געבורטשטאָט זאַ־מאָשטש, — האָט ראָזע געוויזן אויף די קרייצן מיט אַ פינגער, — דאָרטן זיינען אויך געשטאַנען קליינע קרייצן, איינגעזונקענע אין דער ערד.

— דאָ ליגן אונדזערע ברידער, — האָט מיר מיין פאָטער, וואָס האָט מיך אַהין מיטגענומען, געזאָגט, — געהרגעטע נאָך דער ערשטער פּאָוו־סטאַניע. — און אויף דעם בית־עולם האָבן אַרומגעפלאַטערט פייגל, אָנ־געפּילט די לופט מיט זייער צוויטש.

— ווייסט, מאַרטשין, אויב שוין יאָ אומקומען וואָלט איך אויך גע־וואָלט פאַרלירן מיין לעבן אין אַן אויפשטאַנד . . .

— מיר דאַכט, — ענטפערט ער, — אַז וועגן טויט קלערן נאָר מענטשן, וואָס האָבן גאָרנישט וואָס צו טאָן. עס איז אַ לוקסוס־זאַך צו

קלערן וועגן טויט. מיר קאָנען זיך דאָס גאָרניט פאָרגינען. מיר נעמען דעם טויט, ווען ער קומט אָן שום באַזונדערע צוגרייטונגען, ווי אַ בויט־ווענדיקייט, אַזוי ווי מיר נעמען דאָס לעבן.

— און דאָך האָף איך צו שטאַרבן אין גאַסן־שלאַכטן אָדער אין געפענגעניש.

— הייסט עס, אַז דער טויט שרעקט דיך נישט?

— אָ, ניין, — האָט זי אויפגעהויבן איר שטים, — וואָס איז דער טויט פאַר די, וואָס ווילן לעבן מענטשלעך. מיר פילן דאָך די רעאַלע אייגענע צוקונפט אויך נאָכן טויט, ווייל מיר זיינען אַ שטערבלעכער טייל פון דער אומשטערבלעכער סטיכיע, — דאָס קאָלעקטיווע לעבן.

— דער פּראָלעטאַריש־באַוואוסטזיניקער מענטש האָט ניט מורא פאַרן טויט, ווייל זיין אומשטערבלעכקייט איז דאָס לעבן פון דער אידייע, און די האָפענונג פון זיג פון שיינעם און גערעכטן אין דער געזעלשאַפט און איביקן טריאומף פון לעבן איבער די ניט לעבעדיקע יסודות פון דער נאַטור, פון די העכערע פאָרמען איבער די נידעריקערע.

אַן אָנגעפּאַקטער וואָגן מיט היי איז אַריינגעפאָרן אין הויף. מאַרטשין האָט זיך צעלאַכט.

— דו, „כלה“, וועסט זיך באַהאַלטן צווישן היי און איך, דיין „חתן“, וועל זיך זעצן אויף דער קעלניע.

ראָזע האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט איין האַנט פאַר אַן אַקס, האָט אַ ציי־אויס געטאָן איר קליינעם קערפּער און זיך אַריבערגעוואָרפן אין וואָגן, געזונקען אין היי.

דער אָנטרייבער, אַ פּויער, מיט טונקעלע איינגעצויגענע באַקן און דינע קנייטשן־אָדערלעך אַרום די אויגן, האָט מיט אַ וואונק באַפוילן מאַר־טשינען זיך אוועקזעצן לעבן אים, אַ בעם געטאָן די לייצעס און זיי באַלד אָפּגעלאָזן. דער גלח אין דער שוואַרצער סוטאַנע איז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט באַטראַכט מיט די אויגן דעם „חתן“ אויף דער קעלניע און אָנגעהויבן נישטערן אין די זייטן פון וואָגן וואו די „כלה“ איז אַלץ־מער גע־זונקען אין היי.

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ קרומען שמייכל, עס האָט אים אַליין הנאה געטאָן פון דעם איינפאַל וואָס ער האָט צוגעטראַכט. אַ פיינע המצאהלע, אין ערשטן דאָרף פון יענער זייט גרענעץ וועט דער גלח זיי באַשפּריצן אין הייליקן וואַסער און אַז זיי וועלן זיך צוריקקערן וועט דאָס גאַנצע

דאָרף קלינגען . . .

ער איז אַרומגעגאַנגען דאָס פערד און וועגעלע און גערעדט: „אַ גליקלעכע רייזע . . . ניט ווייט . . . ניט ווייט . . . " די שטים זיינע איז געווען ווייך און זיך געהנדלט מיט איר אייגענער ווייכקייט. די ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט צעצויגן, מיט אַ ניגון, ווי איינער וואָס זאָגט אָן אַ גוטע בשורה.

דער אָנטרייבער האָט זיך צעהוסט, אַ פּאָכע געטאָן מיט דער בייטש איבערן פערדס רוקן און דער וואָגן איז אַרויסגעפאָרן מיט אַ סקריפּ פון הויף.

דער וואָגן האָט אויסגעמיטן די גרענעץ־סלופּעס און איז געפאָרן מיטן וואַלד־שליאַך. שטיקער פאַרגייענדיקע נאַכט זיינען נאָך געלעגן צווישן דיביימער. דער היי האָט געטאַנצט צוקאָפּנס פון דער האַלב־דרימלענ־דיקער ראָזע. ערגעץ אַ פויגל, אַ קוקאווקע, האָט געציילט די ערשטע מינוטן פון שטילן באַגינען.

דאָס וועגעלע איז אַרויסגעפאָרן פון וואַלד און מיטאַמאָל איז העלער געוואָרן. גרויע וואָלקנס האָבן זיך געהויפנט ביי דער מערבדיקע האָרי־זאָנט. פון צווישן די וואָלקנס האָט זיך אַ שטיק הימל אָנטפּלעקט, אַ לויטער שטיק הימל, געהאַלטן אין דער ליכטיק אָן עלנטע הויכע סאסנע, און באַגאָסן מיט שיין די גרענעץ.

ד.

מיטן באַגינען

ראָזע לוקסעמבורג (צייכענונג, זעלבסט־פּאָרטרעט)

פוילנס טרויער

אין אַ טיף־שפּעטער שעה, נאָך האַלבע נאַכט, איז ראָזע, אַ וואַ־כעדיקע, אין דער טונקלקייט פון וואַגאָן גיזעסן צוגעשפּאַרט צו אַ פאַר־כמאַרעטן פענצטער און דורשטיק אַרויסגעקוקט. זי האָט געזען: פעלדער, פאַרביילויפנדיקע אויסגעלאָשענע שטיבעלעך, ווי פאַרוויַיעטע קופּעס זאַמד, אַ ווייט פאַרוואָרפן פייערל, און זי האָט געטראַכט, אַז די נידערשלעזישע ערד איז פון דורות אָן אַ פּוילישע, געהערט צו איר היימלאַנד, פונוואַנען זי איז איצט אַוועק, אוועק אויף וועגר ווייסט ווי לאַנג . . .

דער צוג איז צוגעפאָרן. ראָזע האָט איבערגעלייענט דעם נאָמען פון דער סטאַנציע, וואָס איז איר ביז אַהער באַקאַנט געווען נאָר פונעם בי־לעט, זי איז אַרויס פון וואַגאָן און מיט גיכן טראָט אַריין אין קליינעם וואַק־זאַל. אין דער שיין האָבן זיך אַ וויַיז געטאָן אירע גליענדיקע אויגן, איר הויכער ציכטיקער שטערן. אינעם קליינעם זאַל איז געווען דושנע. די פאָר בענק זיינען געווען געדיכט באַזעצט און באַלייגט.

זי האָט זיך אַ ווײַלע אומגעקוקט און באַלד באַשלאָסן, אַז דאָ וואַרטן ביז אין דער פרי טויג ניט און איז אַרויס צום טונקעלן הינטער־פּלאַץ. דאָרט האָט זי געזעכנט קריגן אַ פור, וואָס זאָל זי נעמען קיין ברעסלוי. אַריינפאָרן מיטן צוג קיין ברעסלוי האָט זי ניט געוואָגט, ווייל דאָרט פרעגן די באַן־באַאַמטע אויף אַ פּאַספּאָרט.

זי האָט פאַרשפּעטיקט. קיין איין פור איז ניט געווען.

— צו דער שטאָט איז וויַיט? — האָט זי געפרעגט ביי אַ פאַרשלאָ־פענעם באַן־באַאַמטן.

— אַ צוויי־דריי מייל.

ראָזע איז אַוועק צופוס.

באַלד נאָך די הייזער האָט אָנגעגריפן דער ווינט. ראָזע איז געווען אָנגעטאָן ניט גאָר וואַרעם. אַ ווינט האָט זי אַרומגענומען. זי האָט גע־שפּאַנט לאַנגאויס מיט דער וואַליזקע — איר איינציק פאַרמעגן — אין האַנט. אַרום האָבן זיך געשפּרייט באַוואַקסענע בערג. נאָר ס'איז געווען

פינצטער, מ׳האָט גאָרניט געזען. אינעם ווינט, ווי האַרב ער איז געווען, האָט ראָזע דערפילט אַ פּיכטלעכן אָטעם. ערגעץ הינטער די בערג, אַר־בעט שוין די זון אויף טאָג. פון דעם געדאַנק איז איר געוואָרן פרייליכער.

נאָר, דאַכט זיך, אַז דער וועג געדויערט צו לאַנג. ער לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער, ס׳ווערט אַלץ פינצטערער. ביי די זייטן, אַ שורכן, אַ שאַרשען, אַ שעפּטשעריי, דורכלויפנדיקע זיפצן און פייפן. וואָס קען עס זיין? אַהאַ, אטשערעט. מענגעס אטשערעט שאָקלען זיך און רייבן זיך און רוישן. איז, הייסט עס, נאָענט אַ טייך, דער אָדער, אויף יענער זייט טייך — די שטאָט, ניט אַנדערש. לעבעדיקער, פאָראויס!

ברעסלוי. אַן אַלטע שטאָט. אויף אירע שטיינערנע גאַסן הילכן נאָך טריט פון פאַרצייטיקע פּוילישע דורות. פון טייך אָדער האָט געצויגן אַ פּוילער ווינט, דורכגענומען הויט און ביינער. די גאַסן זיינען געווען פּוסט. קיינער איז ניט געפאָרן, ניט געגאַנגען. די טויערן פון די הויפן פאַר־מאַכט, די פענצטער פאַרלאָדנט. אַ הונט איז דורכגעלאָפן.

— הונט, הונט אַנטלויף ניט! זאָג, וואו קריגט מען דאָ ערגעץ אַ נאַכטלעגער? — האָט ראָזע אין געדאַנק זיך לוסטיק געמאַכט צו פאַר־טרייבן דאָס געפיל פון אַ געוויסער פאַרלוירנקייט, וואָס האָט זי אָנגעג־הויבן צו קלעמען. זי איז אַרויף אויף דער אָדער־שטראָסע. פון אַ טונ־קעלער קראָמען־ריי האָט זיך דערהערט דאָס קלאַפּן פון אַ וועכטער.

... אין דער פרי איז ראָזע אַוועק צום סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פאַר־איין זיך פאָרשטעלן. אַן עלטערער מענטש מיט גרויע וואָנצעס, מיט אַ ליבן קלוגן פּנים, וואָס האָט נאָך אויסגעזען גאַנץ פריש, איז געזעסן אי־בער פּאַפּירן. ראָזע האָט אים געוויזן איר רעקאָמענדאַציע.

דער אַלטער האָט זי אָנגעקוקט דורך די ברילן מיט פריינטלעכקייט און בייגער. זי האָט אויסגעזען אַביסל אויסגעבלייכט פון וועג. אירע באַ־וועגונגען זיינען געווען איינגעהאַלטן, באַשיידן און אין דער זעלבער צייט שטאָלץ און פריי.

דער אַלטער האָט זי אָנגעהויבן אויספרעגן:

— פון וואַרשע?

— יאָ!

— אַ סטודענטקע?

— יאָ!

— און וואוהין?

— קיין צוריך, אין אוניווערסיטעט. שטודירן, נאַטור־וויסנשאַפט, יו־ריספּרידענץ . . .

— איז וואָס־זשע ווילט איר ביי אונדז טאָן?

— ווי לאַנג איך וועל זיך דאָ אויפהאַלטן ווייס איך ניט. איך וויל דערווייל אַ צימער, אַ ווינקל, צום וואוינען און נעכטיקן.

— ביז נעכטיקן איז נאָך דאָ צייט. מיר וועלן באַטראַכטן.

— באַטראַכט באַלד, — האָט ראָזע שאַרף געענטפערט.

ערשט איצט האָט דער אַלטער אויפגעהויבן דאָס פּנים צו איר, געזען ווי אין אירע אויגן שפּילן פייערלעך.

— סיידן אין אַפּרו־הויז פאַר וואַנדערנדיקע? — האָט ער געזאָגט מע־לאַנכאַליש און אַ קוק געטאָן אויפן באַלקן, ווי ער וואָלט דאָרט זוכן אַן עצה.

— אין אַפּרו־הויז איז פול, — האָט זיך ראָזע אָנגערופן.

— איר זענט שוין דאָרט געווען?

— יאָ, אַ טייל נאַכט. אין אַן אַלגעמיינעם צימער, אינאיינעם מיט מאַנס־בילן. אויסער דעם וואַנצן און קאַלט.

דער אַלטער האָט געשוויגן אַ ווײַלע.

— ווילט איר אַ באַזונדערן צימער, — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, מעג זיין אפילו ניט באַזונדער, ביי אַ אַ פאַמיליע, אַשטייגער, מאַכט אויך ניט אויס.

— און טאָמער באַזונדער?

— איז גאָר פריילעך.

— אַזוי, וויפל זענט איר אַלט?

— צוואַנציק.

— ס'איז גוט אַלט צו זיין צוואַנציק יאָר, אמת?

— ניט שלעכט.

— איז, וואַרט, מירן גיין אינאיינעם. וועל איך אייך צופירן צו אַ פוילישער פאַמיליע.

דאָס שטיבל, וואוהין ער האָט ראָזען צוגעפירט איז געלעגן ביים עק פון אַ זייטיקער גאַס. הינטערן שטוב האָבן זיך געזען אַ היפּש אַרומגע־צוימטער גאָרטן. זיי זיינען אַריין אין אַ טונקל פירהויז. אַ טיר האָט זיך געעפנט און פון אינעווייניק האָט אַ הויך געטאָן אַ װאַרעמקייט אינאיינעם מיט גוטע ריחות פון געקאָכטס און געבאַקנס. די אָפענע צימערן מיט די הויכע סטעליעס און גרויסע פענצטער זיינען געווען באַגרינט מיט אַ סך

אָפּגעהיטע וואַזאַנעס. אין צווייטן צימער האָבן זיך געזען הויך־פּאַרבעטע בעטן. די ווענט באַהאַנגען מיט פאָטאָגראַפיעס, אַ קאַנאַריק אין אַ שטייגל.

— אַ וואַרשעווער סטודענטקע איז צו אונדז געקומען, וויל ניט אַנדערש ווי אַ באַזונדער צימער, — האָט דער אַלטער פאַרגעשטעלט ראָזען פאַר אַן עלטערער פרוי:

— זייט באַקאַנט: רוזשע בורג, פרוי סאַוויצקי.

די באַלעבאָסטע האָט פריינטלעך געשמייכלט, פאַראינטערעסירט אַריינגעקוקט דעם גאַסט אין די אויגן.

— געפעלט אייך אַזאַ הויז? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

— זייער. וויפל וועל איך דאַרפן צאָלן?

— דערוויייל גייט אַריין אין אייער צימער, — האָט זיך די פרוי אָנגערופן, — מיין מאַן וועט קומען, וועלן מיר באַשליסן.

שפּעטער איז אָנגעקומען דער באַלעבאָס, אַן עלטערער, אַ גרויער. מען האָט זיך געזעצט עסן. עס איז געווען איינער פון די זאַטסטע אָנבייסנס וואָס ראָזע האָט דעם יאָר געגעסן.

נאָך מיטאָג, האָט דער אַלטער געזאָגט ראָזען, אַז קיין באַצאָלטס וויל ער ניט. אויב אָבער דער גאַסט וועט באַווילקן צו לערנען מיט זיינע קינדער די פוילישע קלאַסיקער, וועט ער איר דאַנקבאַר זיין.

ראָזע האָט מיט פרייד אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, איז אַזוי באַגייסטערט געווען פון פּלאַן, אַז זי האָט זיך געדאַרפט איינצוימען ניט אַרויסווייזן אירע געפילן.

ביים אַלטן האָבן זיך אָנגעהויבן קלעפּן די אויגן. ער האָט זיך געשטאַרקט אונטערצושמייכלען, נאָר זיין ווייב האָט געזאָגט:

— גיי, גיי, וואַיטשעך, דער גאַסט וועט אַנטשולדיקן . . .

ער איז אַוועק, האָט די באַלעבאָסטע, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען זייער קאַרג אויף אַ וואָרט, זיך צערעדט, זיך צעפרעגט ביי ראָזען אויף אירע עלטערן, איר היים, געוואויר געוואָרן, אַז איר פאָטער געדענקט גוט די „פּאַוסטאַניע״ און האָט כמעט אַליין אַנטייל גענומען אין איר, האָט זי אַרויסגענומען פון אַ שופלאַד עטלעכע פאָטאָגראַפיעס און פאַרגעלייגט צו באַטראַכטן:

— דאָס איז מיין מוטער, — האָט זי געזאָגט, ווען ראָזע האָט פּאַמעלעך איבערלייגנדיק די קאַרטעס מיט אַ פאַרגלייכנדיקן כאַפּ פון די אויגן באַוויזן, אַז זי באַמערקט דעם אָנבליק פון דער טאָכטער אין די בילדער

פון דער מוטער, — און דאָס איז מיין ברודער, — אומגעקומען אין דער ערשטער „פּאָוסטאַניע“ פון 1831, — האָט זי מיט אַ פייכטקייט אין די אויגן געוויזן אויף אַ בילד.

. . . פאַרנאַכט, ווען ראָזע האָט זיך אויסגעשלאָפן און איז אַריין אין זאַל, איז דאָרט געזעסן אַ הויכע בלאָנדינקע, אויפן אויסזען אַ שטאָלצער פּאַרשוין.

— זייט באַקאַנט, — האָט זיך דערהאַלטער אויפגעהויבן, — מיין טאָכ־טער זאָפיא, — און נאָך איידער ער האָט באַוויזן אויסצורעדן דעם גאַסטס נאָמען, האָט זאָפיא זיך אויף גיך אַ דריי אויס געטאָן אויף די הויכע אָפּ־צאַסן און פאַרקרימט מיט דער נאָז:

— אַ זשידאָווקע! — האָט זי אויסגעשריגן און אַריינגעלאָפן אין אַ צווייטן צימער.

וואַיטשעך איז רויט געוואָרן. דורך די שיטערע גרויע האָר זיינע, האָבן אַרויסגעקוקט די רויט געוואָרענע באַקן. ער האָט זיך פאַרשעמט, אויף אַ ווײַלע איז ער נאָכגעלאָפן דער טאָכטער און זיך באַלד אומגעקערט:

— פּאַנענקאַ בורג, איך אַנטשולדיק זיך פאַר איך. באַזונדערס מוז איך עס טאָן, ווייל עס איז נאָך ניט אויסגעלאָשן געוואָרן אין מיר דער האַס צו די מאַסקאַלן. יאָ, יאָ, איך ווייס איר זענט אַן אויפריכטיקע פּאַטריאָטקע. איר געהערט צו די רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון וואַרשע.

אויף ראָזעס פּנים האָט זיך באַוויזן אַן אומרואיקייט. זי האָט גע־פינטלט מיט די אויגן. און סאָוויצקי האָט זייער העפלעך זיך פאַרנויגט און זי פאַרבעטן צו זיך אין קאַבינעט.

ראָזע האָט זיך געכאַפּט אַז קיין איין וואָרט האָט זי נאָך ניט אַרויס־געבראַכט פון מויל. דער באַלעבאָס האָט זיך געפילט אַזוי אומבאַקוועם. ס'איז ניט איבערגעגאַנגען קיין איין רגע, ער זאָל עפּעס ניט פרעגן אָדער ניט דערציילן.

— מיר קענען ביידע אונדזער נאַציאָנאַלן דיכטער אדאם מיצקעוויטשן. אָט איז די ערשטע אויסגאַבע פון זיין „פּאַן־טאַדעאוש“, וואָס ער האָט אַמאָל געשענקט מיינעם אַ פעטער.

— אָט, נעמט פאַרן שלאָפן, פּאַניענקאַ, מיצקעוויטשן לייענען. איך טו עס שטענדיק. „פּאַן טאַדעאוש“ דערהויבט מיט זיין געטלעכער מוזיק. קיין איין פּאָעט אין דער וועלט איז ניט אַזוי מוזיקאַליש און טיף־נאַציאָנאַל. איר מעגט מיר גלויבן, אַז ער איז דער גרעסטער דיכטער ניט נאָר ביי

די סלאָוון, נאָר ביי אַלע פּעלקער. אַט נעמט און זאָלן אייך די קלאַנגגען נאָכגיין אייער גאַנץ לעבן.

סאַוויצקי האָט אַ הוסט געטאָן און איז אַרויס.

אין שטייגל איז דאָס קאַנאַריקל געשפּרונגען פון צווייגל צו צווייגל. ביים איבערשפּרינגען האָט ער אָנגעמאַכט אַ רויש. ס'האָט באַזונדערס שטאַרק אָפּגעהילכט אין צימער, נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער קאַבינעט איז געווען איבערגעפּולט מיט ווייכע טעפּיכער און מיט אַלערליי זאַכן.

ראָזע האָט אַראָפּגעוואָרפן איר מאַנטעלע און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ווייכער קאַנאַפּע.

דער קאַנאַריק האָט ניט אויפגעהערט צו שפּרינגען און געוועקט די איינגעדרימלטע שטילקייט אין הויז. ער האָט לאַנג ניט געוואָלט אויפהערן, לאַנג — ביז מען ווערט ניט טיף אַנטשלאָפן און מען פאַרגעסט אין אַלע געשעענישן.

. . . שפּעטער זיינען אין הויז אָנגעקומען געסט. פּוילישע גוט-באַזיצער, וואָס זיינען איצט געווען אייגנטימער פון רייכע גיטער אַרום ברעסלוי.

— וואָס הערט מען אין וואַרשע? — האָבן זיי אויסגעפרעגט, און באַלד צוגעגעבן: — די פּירער פון די אַרבעטער, די רעוואָלוציאָנערן, טוען גאָרניט פאַר דער באַפרייאונג פאַר אונדזער פאָטערלאַנד. זיי דינען דעם „מאָסקאַל״.

ביי ראָזען האָבן די אויגן געגליט ווי ביי אַ וואָלף אין אַ קלעם.

— פון וועמען האָט איר באַקומען די אינפאָרמאַציע? — האָט ראָזע האַרטלעך געפרעגט.

— מיר ווייסן, מיר ווייסן גענוי. ס'קאָן אַנדערש ניט זיין, פּאַניענקאַ.

— האָט זיך אָנגערופן אַן עלטערער דיקער מאַן, לויטן אויסזען אַ „שליאַכטשיץ״.

— די אינפאָרמאַציע איז פאַלש, דורכאויס פאַלש! — האָט ראָזע האַרטער געענטפערט.

— אַנטשולדיקט, איר געהערט אפשר אויך צו די סאָציאַל-דעמאָקראַטן? אויב יאָ, וויל איך אייך פרעגן: יאָרן אַז פּוילן שמאַכט אונטער דער רוסישער אונטערדריקונג, איצט איז אַ צייט ווען אַלע קלאַסן, דאָס גאַנצע פאָלק, דאַרף זיך שטעלן ווי אַ וואַנט קעגן מאָסקווע. דער לאַנגיאָריקער טרוים פון פּוילישן פאָלק . . .

— „דער לאַנג-יאָריקער טרוים פון פּוילן״, זאָגט איר, — האָט ראָזע

אויף גיך און בייז און מיט ווי ארויסגעזאָגט, — און דער הונדערט־יאָריקער טרוים פון די פוילישע פויערים צו באַקומען די פריצישע ערד, אַן דער טרוים פון די וואַרשעווער, לאָדזשער, זשיראַדאָווער אַרבעטער צו באַפרייען זיך פון דער קאַפּיטאַליסטישער קנעכטשאַפט, ווען וועט פאַרווירקלעכט ווערן?

— דאָס איז דעמאַגאָגיע, פּאַניענקאַ, — האָט דער דיקער געזאָגט מיט אַ גראָב קול, — דאָס מיינט אָפּרייסן אונדזער נאַציאָנאַלן ווילן... פריער אַ נאַציאָנאַלע פוילישע רעפּובליק, דערנאָך — אַרבעטער־פראַגן... קלאַסנקאַמף...

דער באַלעבאָס האָט באַמערקט, ווי ראָזע איז אויפגערייצט און ווי צו פאַרגלעטן די רייד פון דעם פריערדיקן גאַסט, האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ שטיל קול, זיידיש, צוגעלאָזט:

— אין אַ פוילישער רעפּובליק וועט ניט זיין קיין אונטערדריקונג. דאָס פאָלק, וואָס איז הונדערטער יאָרן געווען אונטערדריקט, קאָן ניט אונטערדריקן. אין בלוט פון יעדן פּאָליאַק לעבט דער טרוים פון זיינע פאָטערן, דענקער און קעמפער וועגן אַלמענטשלעכער ליבע און גערעכטיקייט...

— ניט אמת, וואַיטשעך, ניט אמת. די נייע סאָציאַליסטן ווילן אַז מאָסקווע זאָל בעסער הערשן אויף פוילן... — האָט עמיצער איבערגעריסן דעם אַלטנס רייד.

— רואיק, רואיק, יעזשי, לאָמיר אויף אַ ווײַלע אויפהערן רעדן פּאָליטיק און סטאַניסלאַוו וועט אונדז עפּעס שפּילן.

סטאַניסלאַוו, אַ הויכער און אַ בלינדער אויף איין אויג, האָט זיך אויפגעשטעלט, אויפגעוויקלט אַן אינסטרומענט, וואָס איז ענלעך געווען אויף אַ באַנדורע און גענומען ציען קלאַנגען פונעם אינסטרומענט. אַלע האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. ראָזע האָט אויך צוגעלייגט אַן אויער צו דער מוזיק, נאָר געזעסן איז זי אָפּגעפרעמדט, די אויגן פאַרקלערט, ווי ס׳וואָלט זי שלעפערן און פאַר זיך, אינעווייניק — שטאַרק אָנגעשטרענגט אויף דער וואָך.

— פּאַניענקאַ, אייך ציט צו אונדזער פאָלקס־מוזיק? ס׳איז גוט. איך גראַטוליר אייך מיט דעם, — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ ווייך קול.

ער האָט זיך צוגעבויגן צום שפּילער:

— אפשר קענסטו שאַפּענען?

— ניין, — זייבען גלייכגילטיק דעם מוזיקאַנטס אויגן.

דער באַלעבאָס באַדויערט און דערקלערט, אַז דאָס איז אַלעמאָל געווען זיינס אַ באַליבטער מאָטיוו.

— איז שפּיל, — האָט ביים שליאכטיטש אַ ציטער געטאָן דאָס פּנים,

— איז שפּיל עפּעס רירנדיקס . . .

די בלינדע פינגער זיינען אַוועק איבערן אינסטרומענט, וואָס האָט זיך געפּעסטעט און געוויינט שטיל און שטיקנדיק.

— העכער! — האָט געשריגן דער שליאכטיטש, — זשאַלעווע ניט דיין האַרץ, צעברעך זיך אין טרויער איבער אונדזער בראָך.

ביים בלינדן האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. דער באַלעבאָס האָט געלאָזט אַ טרער. דער שטרענגער שליאכטשיק האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען אויפן בלינדן מוזיקאַנט, אַז ער זאָל העכער, טרויעריקער און צעבראָכענער אַרויסציען די אומעטיקע שוואַרצע קלאַנגען וועגן פּוילנס גורל.

— אַך, שאַפּענען, שאַפּענען דאַרף מען אַהער צו פּוילנס טרויער.

. . . ראָזע איז אַוועק צו זיך אין צימער. ס'איז איר לאַנג נאָכגעגאַנגען דעם שליאכטשיטס געשרייען אויפן בלינדן מוזיקאַנט.

. . . צוויי טעג האָט ראָזע פאַרבראַכט ביי די סאַוויצקיס אין הויז.

אויפן דריטן טאָג איז זי אויפגעשטאַנען פרי און גענומען צונויפפּאַקעווען איר ביסל זאַכן. זי איז געבליבן שטיין אינמיטן צימער, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. די באַלעבאָסטע האָט זיך געפּאָרעט ביים אויוון. מיט גליענדיקע אויגן, בייסנדיק די ליפּן, איז ראָזע צוגעגאַנגען צו איר.

— העלענע סאַוויצקי, — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ שטיל קול,

— מיר געזעגענען זיך, וויפל קומט אייך פון מיר?

— אָבער וואָס איז געשען, — האָט די אַלטע ניט געקענט באַנעמען,

— אַהיים קיין וואַרשע, אָדער קיין אויסלאַנד?

— איך פאָר נאָך דערווייל ניט.

— וואָס־זשע דען?

— איך קלייב זיך אַריבער.

ביי דער אַלטער האָט זיך דאָס פּנים פאַרענדערט, אויף אַ ווײַלע איז איר דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן.

ס'איז אַריין דער באַלעבאָס. די אַלטע האָט מיט אַ געפּאַלן קול געזאָגט, אַז דער גאַסט פאַרלאָזט זיי.

— אַזוי? — האָט זיך דער אַלטער געוואונדערט, — פאַרוואָס?

— איר פאַרשטייט, מיר איז ניט אָנגענעם צו זיין ביי אייך אַן אומזיס־

טער גאַסט און קיין פּוילישע ליטעראַטור מיט אײערע טעכטער וועל איך שוין, ווײַזט אויס, ניט לערנען.

— איי, איר זייט אַ קינד . . . ניט אין דעם גייט עס.

נאָר ראָזע איז געווען פֿאַרעקשנט. זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט און באַדאַנקט.

— איך וועל אפשר קומען אַהער די אַנדערע וואָך, — האָט זי געזאָגט.

ראָזע איז אַרויס אין גאַס, און פֿאַרוואָרפֿן דעם פּנים צו דער הייך. אַ לויטערער הימל האָט דערפֿרייט אירע אויגן, טיף און ריין אַרײַנגעדרונגען אין איר אָטעם און אויפֿגעשטורעמט דאָס האַרץ מיט פֿרייקייט און שטאָלץ.

ב ר י ו ו

טיף איז די נאַכט. נעכט פון אַנגסטן און בענקעניש. קליינע קינ־דער וועקן זיך פון שלאָף, שרייען אין די וויגעלעך. ערגעץ ביי אַ טויער פון אַ הויף שטייט נאָך אַ בחור און שעפּטשעט צו זיין געליבטער, זיי וועלן אַזוי שטיין ביז פאַרטאָג, ווען דער באַגינען וועט איינוויקלען דעם טיפן סוד פון נאַכט.

דינאַ ליגט אין בעט און קאָן ניט איינשלאָפן. צייט דערוווייטערט, וואָס עס איז פרעמד, אָבער אייגן פלייש און בלוט ווערט נעענטער.

שוין דריי חדשים זינט ראָזע איז אַוועק. ערשט היינט האָט זי באַ־קומען פון איר אַ בריוו און די גאַנצע נאַכט האָט זי ניט אויפגעהערט צו טראַכטן: צי האָט חלילה מיט איר קיין שלעכטס ניט געטראָפן.

אַ בריוו פון דער מוטער צו דער טאָכטער

טייערע רייזעלע:

. . . ביי אונדז אין שטוב איז אַלץ ווי געווען, נאָר דו פעלסט. היינט קלייבן זיך צונויף די קינדער צום אָוונט־ברויט — און די פּנימער פון דיינע עלטערן וועלן מסתמא נאָך זיין מער טרויעריק. מיר וועלן אָן דיר, פּייערן דיין געבורטסטאָג. סאַראַ משא דו האָסט אַרויפגעלייגט אויף דיינע יונגע פּלייצעס און ווי קענסטו עס אי־בערטראָגן?

. . . מיין ניט, טאָכטער, אַז איך פאַרשטיי דיך ניט. פאַרלאָז זיך אויף מיר, אויף דיין טאַטן, וואָס האָפט שטאַרק אויף דיינע פיי־איקייטן און אויף דיין צוקונפט. אונדזער לעבן וואָלט געוואָרן צו־נישט אויב פון די האָפענונגען וואָלט זיך גאָרניט אויסגעלאָזן.

איך האָב נעכטן געבלעטערט אין די שול־העפטן, וואָס דיין פאָטער האָט אָפּגענומען ביים לערער. נאַטור־קענטעניש. דאָס איז דאָס געביט אין וועלכן דו האָסט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט. זע,

פאַרנאַכלעסיק ניט דאָס געביט. די נאַטור, — ניטאָ קיין ווערטער פאַר איר צאַרטקייט און גרויסקייט.

. . . נעם אויך אַריין די ביבל און שילערן אין טעג פון אומעט און וועסט דאָרט זיך דערוויסן, אַז דאָס עלנטסטע לעבן אויב עס בענקט איז גליקלעך.

איך טראַכט תמיד וועגן דיר, וואָס עס זאָל ניט זיין.

פון דער טאָכטער צו דער מוטער

מיין טייערסטע!

מיין געבורטסטאָג איז שוין אַריבער. אָ, ווען איך וואָלט כאָטש אויף אַ ווײַלע אין יענעם טאָג געקענט גלעטן דיין שטערן.

איך דאַנק דיר וואָס דו האָסט מיך געבוירן אין אַזאַ גרויסער און אינטערעסאַנטער צייט.

איך זיץ לעבן פענצטער. נאָך אַ לאַנגע נאַכט פון גוטע און שטאַרקע חלומות וועגן דיר און דעם טאַטן. די אינדערפריענדיקע לופט דרינגט אַריין און נעמט מיך אַרום. עס איז די מערץ־לופט. ווי שטאַרק ער בלאָזט, דער מערץ־ווינט! פרילינג יאָגט ער אַן אין אַלע גאַסן און אין אַלע הייזער. עס שמעקט מיט שטורעם, מיט פאַריז 1871. דו האָסט דאָך מיך אַמאָל — אַזוי האָסטו מיר דער־ציילט — פאַרוויגט מיט אַ מעשהלע פון יענעם יאָר. אַ מעשהלע פון די פאַריזער באַריקאַדן, פון יענעם פרילינגס־שטורעם.

. . . האָב צוטרוי צו מיר. איך האָב פאַר דיר קיין סודות ניט. מיין פאַרלאַנג איז נאָר צו שטייגן אַרויף — צו דער פראַכט פון דער וועלט וואָס האָט קיין סוף ניט. „אין בענקעניש איז גליק", זאָגסטו. פאַר מיר איז דאָס לעבן גליקלעך נאָר אין צייטן פון קאַמף און אויף די צייטן, וואָס וועלן נאָך זיכער קומען, וואַרט איך מיט אומגעדולד.

. . . איבערטרייבסט, טייערע, מיינע נאַטור־קענטעניש און דאָס רופט ביי מיר אַרויס אַ שמייכל. ווײַל איך דערמאָן זיך ווי מיט זעקס יאָר צוריק האָסטו מיך געוואָלט מאַכן צו גלויבן, אַז שלמה המלך האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון פויגלען. איך, די 14־יאָריקע „קענערין" פון נאַטור־וויסנשאַפט האָב געלאַכט פון דיין באַאיווי־

טעט. איצט זע איך, אַז דו ביסט געווען גערעכט. איך בין אַליין ווי שלמה המלך. איך פאַרשטיי אויך די שפּראַך פון פויגלען. נאַטיר־לעך, ניט אַזוי ווי זיי וואָלטן געברויכט מענטשעלעכע שפּראַך, נאָר איך פאַרשטיי אַלע דינע ניואַנסן, וואָס זיי לייגן אַריין אין זייערע קולות.

די פויגלען קומען יעדער אין דער פרי פאַר מיין פענצטער; קיינמאָל אין לעבן האָב איך נאָך ניט געהערט אַזאַ טייערע מוזיק. ווי קען מען בענקען און ליידן ווען מען הערט דאָס ווארקען פון אַ טויב, דעם קראַ פון אַ קראָ.

דער ווינטער איז באַלד צו ענד. דער פרילינג הייבט זיך ערשט אָן. אָבער דאָס פויגל־געזאַנג וועט קיינמאָל ניט אויפהערן. איך ווייס ניט ווי לאַנג איך וועל דאָ זיין, נאָר וואו איך זאָל זיך ניט גע־פינען וועלן מיינע טייערסטע פריינט — די פויגלען — קומען צו מיין פענצטער און דערפאַר בין איך אַזוי פריילעך.

. . . מיין אינעווייניקסטער איך געהערט מערסטנס מיינע חברים פויגלען, בלומען, גראָזן, זשוקעס און מילבן, און ניט דערפאַר ווייל איך געפין אין זיי אַן אַפּרו, אַן אַנטרינונג, ווי די באַנקראָטירטע פּאָליטיקער, נאָר ווייל איך האַלט, אַז דעם סוד פון געזעלשאַפטלעכן לעבן ליגט ניט אין קיין אַנדער זאַך, ווי אין דער נאַטור.

. . . דו האָלטסט נאָך אַלץ די ביבל און שילערן פאַר דעם קוואַל פון העכסטער חכמה.

איך פאַר דאָך איצט אין יענעם פרייען לאַנד וואו עס לעבט שילערס לעגענדע „ווילהעלם טעל״. טעל איז געווען אַ באַרג־מענטש, אַ נאַטור־מענטש, דער בעסטער שיסער פון דער שווייץ און ער האָט אַריינגעשאָסן אַ פייל אין האַרץ פון עסטרייכישן טיראַן. שילער האָט אָפּגעפרישט די לעגענדע, אַריינגעלייגט אין איר זין און איב־האַלט, לעבעדיק געמאַכט, און אַזוי האָט די פרייע שווייץ באַקומען איר נאַציאָנאַלן העלד. דער מאָטיוו פון נאַטור און קאַמף.

אָבער, וואָס דערצייל איך דיר וועגן שילערן? דו קענסט אים בעסער פון מיר.

. . . אין לעצטן חשבון: דאָס לעבן אויב עס קעמפט איז עס גליקלעך.

ראָזע האָט אַ שאַר געטאָן די פּריש־אָנגעשריבענע בויגעלעך, אַוועק־געלייגט די פּעדער און זיך אויסגעגלייכט. זי איז צוגעגאַנגען צום פענ־טער. אַראָפּגעקוקט צום טייך.

דער אָדער איז געלעגן פאַר אירע אויגן ווי אַ גרויסער לערנבוך, די פאַלדן פון זיינע כוואַליעס ווי אותיות וואָס לייגן צונויף אַ נאַטור־געזעץ.

„אַלץ פליסט און ענדערט זיך" — אויך אין איר לעבן וועלן פאַר־קומען ענדערונגען.

ראָזע לערנט דעם לעצטן קאַפּיטל

גאַנצע זעקס וואָכן האָט ראָזע פאַרבראַכט אין ברעסלוי און דאָרט געוואַרט אויף אַ פּוילישן סטודענט וואָס האָט געדאַרפט קומען נאָך איר פון צוריך.

דעם גרעסטן טייל טאָג און די נאַכט האָט זי פאַרבראַכט צווישן די ווענט פון איר צימער.

איינמאָל אַ וואָך פלעגט זי אַוועקגיין אין די ביבליאָטעק און דאָרט געבלעטערט ביכער וועגן אַלטער געשיכטע.

אין איינעם אַ טאָג האָט זי אַהיים געבראַכט אַן אַלט בוך וועגן רוי־מישער געשיכטע. דאָס איז געווען אַ דין ביכל מיט בלוילעכע בלעטער, געשריבן אין דייטש, געמישט מיט לאַטיין.

עס איז געווען אַ פרילינג־נאַכט. דורכן אָפענעם פענצטער האָבן זיך געטראָגן קולות פון פאַרשפּעטיקטע הענדלער, וועלכע האָבן אויסגערופן זייערע סחורות. פון אַ דערבייאיקן ביר־זאַל האָבן זיך געהערט טענער פון גרילצנדיקער מוזיק, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט גערודעריי פון לאַסט־וועגענער און שווערע פערדישע פּאַדקאָוועס.

ראָזע האָט זיך אַוועקגעזעצט איבערן בוך. פון קאַרגן ליכט האָט איר צום אָנהייב געשווינדלט פאַר די אויגן. די אותיות זיינען געוואָרן דאָ גאָלדיק, דאָ גרין. די שורות האָבן זיך אונטערגעהויבן, זיך אַרונ־טערגעלאָזן, געשפּרונגען איינע איבער די אַנדערע, און איבערגעלאָזט נאָך זיך בלוילעכע פלעקן, ווי זיי וואָלטן אויף אַ סודותדיקן אופן אַרויסגעפלויגן פון פּאַפּיר.

. . . עס איז געווען אין חודש פעברואַר, יאָר 70 פ. ק.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די לעצטע שלאַכט צווישן די קנעכט און די רוימישע אַרמייען, ביים טייך סילארוס, אין דרום פון נעאפּאָל. ספּאַרטאַ־קוס האָט באַפוילן צו מאַרשירן אויף רוים.

אַ שטורעם־ווינט איז אָנגעקומען פון ווייטע געגנטן, דורכגעלאָפן די

געגנט מיט אַן אומעטיקן וואָלפישן געוויין און נאָך לענגער און גרויליקער געמאַכט די נאַכט. די ווינטן האָבן זיך געמישט מיטן גערויש פון די אומרואיקע וואַסערן.

דריי טעג און דריי נעכט האָט דער שטורעם־ווינט געריסןביימער, וואָס זיינען געדיכט געוואַקסן ביים ברעג טייך, זיי אַנגעוואָרפן אין הילצערנע טויטע בערג.

אויפן פערטן טאָג זיינען צוויי פּראָלעטאַרישע אָפּטיילונגען, פון איבער פיר טויזנט. אַריבער דעם טייך און פאַרנומען געוואָרן פון אַ גרויסער שטורעמדיקער אָפּטיילונג פון פּאָמפּייס סאָלדאַטן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון שפּאַניע.

איצט זיינען שוין אַ טייל שקלאַפן גרייט געווען אויפצונעמען ספּאַרטאַקוס ערשטן פּלאַן צו פאַרלאָזן איטאַליע און זיך אומקערן ווי פרייע מענטשן אין זייערע היימלענדער טראַקיע, גאַליע, גערמאַניע. נאָר דער וועג אויף צפון איז שוין געווען פאַרנומען.

ספּאַרטאַקוס האָט אַרויסגעצויגן זיין שווערד פון שייד און מאַרשירט פאַראויס פון אַ פאַרבליבענער אָפּטיילונג. ביי זיין זייט האָט זיך געפונען וואַריניאַ. אין אירע שווערע שיך, אין די פּראָסטע קליידער, איז איר יונג פּנים געווען שיין. אַ גאַרטל האָט אַרומגעכאַפּט איר דינעם גורט, בוילעטער געמאַכט איר הויכע ברוסט, וואָס האָט בשום אופן ניט געוואָלט פאַרשווינדן אונטער דער גראָבער העמד. פון ווינט איז די הויט אויף איר פּנים געווען טונקל־רויט און פאַרהאַרטעוועט און בלויז אין די גרויסע אויגן איז איצט געזעסן אַ מענטשלעכע געוואַגטקייט, אַ זיכערע רואיקייט.

. . . אַ נייער טאָג איז געקומען. די מחנה מיט ספּאַרטאַקוס אין דער שפּיץ האָבן זיך גערוקט צו דער שטאָט. פאַרן טויער האָט זיך ספּאַרטאַקוס אָפּגעשטעלט, אַרויפגעקראָכן אויף אַ הויפן שטיינער און גערעדט:

—„מיט מיין גאַנצער אַרבעט וואָלט איך געוואָלט באַוואָרענען אַ זיג פאַר אונדזער זאַך. ווי שווער דאָס איז וואָס אַזוי פיל זיינען שוין געפאַלן און וואָס איך בין ניט געווען צווישן זיי. אָבער מיר דאַרפן וויסן, אַז דער וואָס טוט אַ זאַך שטאַרבט, אָבער זיין זאַך לעבט ווייטער. אין דער ליכט אַרום זייער אָנדענק וועל איך שטענדיק זיין מיט זיי.

. . . עס קומט איצט די אַנטשיידענע שלאַכט. איצט טראַכט איך ווי פאַרדראָסיק עס איז וואָס מיר וועלן אפשר זיין די לעצטע, אָבער עמיצער מוז דאָך זיין דער לעצטער . . . ״

הילכיקע געשרייען האָבן איבערגעריסן זייער רייד. באַלד האָבן די רוימישע סאָלדאַטן גענומען וואַרפן שפּיזן אויף די פּראָלעטאַריער. געשרייען פון פערד און מענטש האָבן זיך געמישט.

... דעם רעשט נאַכט האָט ספּאַרטאַקוס פאַרבראַכט אונטערן געוועלב פון אַ שטאָטישן טויער. ער האָט געקוקט אויף מערב, וואו אַ פאַרלוירענער שטערן האָט געפינקלט צווישן אַ דינעם וואָלקן־געוועב. פון אַ בערגל אין מזרח־זייט האָט געבלאָזן אַ פריש ווינטל, פאַרוויגט צום שלאָף. אָבער ספּאַרטאַקוס איז ניט געשלאָפן.

— וויפל שעה איז אים נאָך פאַרבליבן צו לעבן? — האָט ער געטראַכט.

ספּאַרטאַקוסן האָט די וועלט קיינמאָל ניט אויסגעזען אַזוי רייצנדיק. ער האָט מיטאַמאָל ליב באַקומען יעדע זאַך אויף וואָס זיין בליק איז געפאַלן.

ווידער האָבן זיי גערעדט צווישן זיך — ספּאַרטאַקוס און וואַריניא.

— ס'איז אויס, — האָט וואַריניא געזאָגט, — אַלץ איז געענדיקט.

— מען דאַרף זיין גרויס אין ליידן, — האָט ספּאַרטאַקוס געענטפערט, — ווען אונדזערע קעמפער וואָלטן אַזוי גרויס געווען אין קאַמף, ווי גרויס וואָלטן זיי טאַקע אויף אַן אמת געווען.

— זיי זיינען גרויס, — האָט זי געענטפערט.

— ווי מיינסטו, וואַריניא, נאָך מיין אומקום וועלן זיי ווייטער קעמפן?

ער האָט פאַרזשמורעט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך פאַרשעמט פאַר די אייגענע רייד.

לעצטע שטערן אין הימל האָבן זיך געלאָשן. שטיקער שוואַרצע נאַכט האָבן זיך געלייגט איבערן הימל, ווי עמיצער וואָלט אים איבערגעקערט.

פונדערווייטנס האָבן זיך געטראָגן פאַרטייעטע קולות. די סאָלדאַטן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערשיטן, זיינען געפלויגן פון איין אָרט אויפן צווייטן. ביידע מחנות האָבן זיך אויסגעמישט. די פערד האָבן ווילד גענומען שפּרינגען אונטער די דערשטאָכענע מענטשן. ספּאַרטאַקוס איז געגאַנגען פאַראויס מיט אַן אַנטבלויזטער שווערד.

זיינע אויגן האָבן געברענט, די האָר האָבן זיך ביי אים אויפגעשטעלט. בייע רייטער האָבן אַ שפּאַר געטאָן פון אַ זייט. ספּאַרטאַקוס רויטער מאַנטל האָט זיך אויסגעטיילט פון דער פינצטערניש.

מיטאַמאָל איז צו אים צוגעלאָפן אַ רייטער, אַ פאַכע געגעבן מיט דער שווערד. אים האָט אַ בליץ געגעבן אין די אויגן און ער איז באַלד

אַנידערגעפאַלן. ווען ער איז שוין געלעגן אויף דער ערד האָבן נאָך די רוימער געוואָרפן אין אים זייערע שפּיזן, אים דורכגעלעכערט ווי אַ זיפּ.

. . . אַ גאַנצע נאַכט האָט די שלאַכט געדויערט. ערשט פאַרטאָג האָבן די רוימער, ווי ראָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער די טויטע, געריוועט אין זייערע קערפּערס, געזוכט זייערע קעפּ, געשריגן ווי ווילדע חיות.

. . . מיט אַ צונויפגעקאָרטשעטן קערפּער איז געשטאַנען וואַריניא. איר פּנים, אויף וועלכן די אויגן האָבן געברענט, ווי צוויי גרויסע טונקעלע קרייזן, איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך. מיט ציטערנדיקע הענט האָט זי געהאַלטן איר טויך פאַר דער ברוסט. די בלאָנדע האָר זיינען אין אומאָרדענונג געהאַנגען איבערן שטערן.

די רוימער און די שפּאַניער האָבן זיך צערעוועט לאַכנדיק.

— אַ גערמאַנישע. אַהאַ! אַ שקלאַפין! זי האָט געמיינט, אַז זי איז פריי . . .

וואַריניא איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. אין איר מוח האָט אָבער עפּעס געהאַמערט:

— נאָך מיין אומקום וועלן זיי ווייטער קעמפן, קעמפן . . . — ביסלעכוויז איז די שרעק אין איר אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן. זי איז אַנטקעגנגעגאַנגען דעם שונא. באַלד האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג. אונטער דעם פרישן באַגינען האָט די ערד שווער געאָטעמט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ראָזע האָט אויפגעהערט לייענען. האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. די „אָדער־שטראַסע" איז געשלאָפן. אַ טיפע שטילקייט האָט פון איר געאָטעמט. די לאַמטערנס האָבן געצאַנקט. פון די קראָמען, פאַרמאַכטע מיט אייזערנע שטאַבעס, האָט געהויכט מיט תּפיסה. פון יענער זייט טייך אָדער האָט אָנגעהויבן גרויען אַ זוים פון מזרח הימל און דער באַגינען האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון צווישן די וואָלקנס ווי אַ קאַלטע, פרישע רויז.

אינהאַלט

זייט

ספאַרטאַקוס אין געטאָ 8

א. אין זאַמאָשטש

זאַמאָשטש — 1871 17
זאַמאָשטשער יחוס 21
דער משורר און די באַלמעלאָכעס 26
די משפחה בורג 30
„דאָס וויסטע הויז" —
„אַ דערציילונג פונעם וואַלד־וועכטער" 34
קראָקע — 1846 38
דורות 42
ביים וויגל 46

ב. וואַרשע

וואַרשע — 1874 51
דער הויף אויף לעשנא 54
דער פוילישער אויפשטאַנד 57
אַ קינדער־מעשהלע 63
אין לאַנגע ווינטער־נעכט 67
ספאַרטאַקוס 71
די נייטאָרין 78
מיצקעוויטש 88
דער אַטענטאַט אויפן קיסר 93
צווייִ חברים 97

די בונטאַרישע יוגנט 104
ביים גענעראַל־גובערנאַטאָר 112

ג. יוגנט

דער פּאָגראָם 121
וואוקס 124
דער וועג איז קלאָר 129
פּייער און האַלץ 133
מאַרקס 138
אין גאַס 142
אַ שמועס וועגן אַנטיסעמיטיזם 150
האַרבסטיקע טעג 155
מאַרטירערטום 159
וואַרטן, וואַרטן 162
דער אַדוואָקאַט ווערט אַ רעדאַקטאָר 165
אַ חלום 175
פּאַרטונקלונג און אויפגאַנג 179
די פאַרזאַמלונג 182
שיין איבער דער גרענעץ 186

ד. מיטן באַגינען

פּוילנס טרויער 199
בריוו 208
ראָזע לערנט דעם לעצטן קאַפּיטל 212

בילדער און צייכענונג

יצחק ביק — אילוסטראַציע „אין באַגינען“ (שער־בלאַט)
י. ל. פּרץ אין די 70־קער יאָרן 14
י. ל. פּרץ אין די 80־קער יאָרן 37
ראָזע לוקסעמבורג 12 יאָר אַלט 48
ראָזע לוקסעמבורג — יוגנט־בילד 120
ראָזע לוקסעמבורג — זעלבסט־פּאָרטרעט 198

ווערק פון אברהם ביק

אין יידיש

גרונט־פרינציפן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם, לאָדזש, 1938.
קעמפער און היטער, ניו־יאָרק, 1940.
וועלט און היים, ניו־יאָרק, 1941.
חסידות מאַטיוון, ניו־יאָרק, 1944.
יעקב עמדין, ניו־יאָרק, 1946.
משה העם, ניו־יאָרק, 1949.
וואָרט אין צייט, בוענאָס איירעס, 1951.
אין באַגינען, ניו־יאָרק, 1952.

אין העברייאיש

חזון התקופה, ניו־יאָרק, תרצ"ו.
שאלות ותשובות „משנת פועלים", תל־אביב, תרצ"ו.

אין ענגליש

EXPONENTS OF RELIGIOUS ZIONISM, New York, 1944.
ORIGIN AND DEVELOPEMENT OF JEWISH HOLIDAYS, New York, 1948.